# אַלץ אין איינעם!...

פעליעטאנען. סקיצען און ערצעהלונגען.

פון לאנדאנער אידישען ארבייטער לעבען.

## קיטי בראַון

ISBN: 0-657-15134-5
EAN: 9780657151348
old #: NYPX 87-B6223

KATIE BROWN'S SHORT STORIES

*This book*
*once owned by a South African reader*
*has been presented*
*for future use to the*
*National Yiddish Book Centre of Amherst, Mass. USA*

**Jewish Studies Library of the University of Cape Town**
**Jacob Gitlin Library, Cape Town**
**Cape Town Yiddish Cultural Federation**

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 15134

# ALTS IN EYNEM!...

## Katie Bra'un

*Permanent preservation of this book was made possible
by Joan Japha
In memory of Celia and Milton Lesser*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

## קייטי בראון

# אַלץ אין איינעם!...

פֿעליעטאָנען, סקיצען און ערצעהלונגען,
פֿון לאָנדאָנער אידישען אַרבייטער לעבען.



מחבר פֿון—
„לאכט אויב איהר ווילט!"

## א דאנק אויסדרוק

איך דריק אויס א הארציגען דאנק, צו אלע מיינע פריינד וועלכע האבען מיר געהאל־פען ארויסצוגעבען דאס בוך.

א באזונדערען דאנק מיין פריינד נ. זילבערג, דעם דרוקער פון מיין ערשטען בוך „לאכט אויב איהר ווילט", און פון דעם איצטיגען בוך „אלץ אין איינעם" פאר זיין טעכנישער מיטהילף.

די אויטארין.

איך ווידמע מיין בוך, מיינע ליבע קינדער און אייניקלעך, צום אייביגען געדענקען.

קיטי בראון.

# „אַלץ אין איינעם"

סטייטש! שטעלט מיך אָב א פריינד אין גאַס, און פרעגט ביי מיר, וואס הייסט דו האָסט א נאָמען געגעבען דיין בוך, „אלץ אין איינעם?" דו ווייסט דאָך, אז אלץ אין איינעם איז נישטאָ ביי קיינעם?...

ווער האט עס דיר געזאגט, חכם מיינער, ענטפער איך מיט א שמייכעל, אָט וועל איך דיר באלד ערקלערען; וועסטו זעהן אז איך האָב רעכט.

דו קענסט דאָך אונזער לאנדסמאן שמואל יוסל'ען?
דער וואס וואוינט אין גאָלדערס גרין?
יאָ, יאָ, טאקע דער.
דער וואָס האָט א פעקטאָרי פון ווייבערשע קליידלעך?
יא.
דער וואס האָט א גרויס הויז ווי א פאלאץ?
יא.
דער וואָס האָט אַ פרידזש, מיט א פיאנאָ, און א טעלעוויזשאָן?
יא.
דער וואָס האָט פיער דינסטען מיט א „מעיד"?
יא.
דער וואָס קאָכט זיך אויף קאָמיטעטען און גיט קיין מאל קיין פעני נישט?

יאָ, יא, אָט דעם טאקע מיין איך.

ווארט א ווײַלע, דער וואָס האָט א מאשין מיט א שאופער, און א ווייב מיט בריליאַנטען באדעקט. אוי גאָטעניו, הלואי באווארפט זי מיך מיט איהרע שטיינער?

יעצט זעה איך, אז דו קענסט זיי טאקע. נו, איצט נאך דעם גאַנצען פאַר־מעגען וואס דו האסט מיר דאָ אויסגערעכענט, פעהלט זיי נאָך עפּעס? קען מען זאָגען אז ביי זיי איז נישט אלץ אין איינעם?

איצט וועל איך דיר ווידער אמאָל באווייזען, אז וואס איך זאָג איז רעכט.

דו קענסט דאָך מיין שכן דעם לאטוטניק.

יא, איך קען איהם דעם שלים מזל.

ביי איהם איז צובראָכען געוואָרען דער דאָך, ער וואוינט דאָך נאָך אין

איינע פֿון די אלטע האלב־צובראָכענע הייזקעס. נו, איז מילא, זאגט ער, וואָס קען איך טהון אז איך בין א איד אַ קבצן אן אָרמאן, מוז איך שווייגען. איז אָבער נאָך נישט גענוג, נעמט זיין ווייב און לייגט זיך אוועק אנומעלטען מיט וועמען מיינט איהר, מיט א אינגעל אדער מיידעל? ניין, מיט דער פּלג. רופֿט מען א דאָקטאָר, היילט ער זיך נישט צו קומען אהין, נאָך וואָסזשע דען, ער שיקט אהין אַ מעדיצין, ליגט דערווייל דאס ווייבעל און ברענט ווי א פֿייער.

באלד קומט זיין זוהנדעל פֿון דער ארבייט און צוהוסט זיך שטאַרק, נעמט ער איין צום שוויצען, און לייגט זיך אין צווייטען בעט, דארף מען ווער עס זאָל עפּעס אפקאָכען איז נישטאָ ווער. די שכנים? ווייס איך וואָס, זיי ווייכען פֿון דלות און ווילען נישט אהין אריין געהן.

פלוצלונג קריגט די בייבי א הויכע טעמפּעראַטור, און ווערט זעהר קראַנק, ברענגט מען שוין קוים דעם דאָקטאָר צו שלעפּען, קומט ער צוגעהן, און ערקלערט, אז די בייבי האָט מאָזלען.

זיצט נעבעך דער מאַן איינגעדרעהט אין דרייען, ווייסט נישט וואָס צו טהון, ברעכט ער מיט די הענט און באַוויינט זיין פֿינסטערען מזל. . .

טאָ וואָסזשע פֿעהלט איהם נאָך צו, צו האָבען אלץ אין איינעם?

איאָ גאָרנישט, ער האָט, ער איז אנגעפּיקעוועט מיט אלע צרות פֿון דער וועלט, איז דאס נישט אלץ אין איינעם?

און אזוי ווי ביי מיר אין בוך געפֿינען זיך א גרויסע צאָהל אזעלכע אַרטיקלען, האָב איך דען געקענט געפֿינען נאָך אַ בעסערען נאָמען ווי „אלץ אין איינעם”? מיר קענט איהר איצט נישט זאָגען, אז עס איז נישטאָ ביי קיינעם. . .

# דער כלל־טוער!...

רופֿען רופֿט מען איהם דער כלל־טוער, אוז יטרעפֿען טרעפֿט מען איהם אין אַלע עקען פֿון דער איסט ענד.

וואו איהר זאָלט איהם נישט באגעגענען, אין גאַס, אין שוהל, אין ארבייטער־רינג, צו אין רעדאקציע, וואַקסט ער פֿאר אייך אויס ווי פֿון אונטער דער ערד, ציהט מיט אייך אָן אַ דיסקוסיע, שלעפּט ארויס אָן אַלטע, צעקנייטשטע ציי‍טונג פֿון קעשענע און פֿרעגט: „איהר האָט שוין געלעזען?" נישט ווארטענדיג אויף אייער תשובה, רוקט ער אייך אריין די צייטונג אין האנט, מיט גדלות און זאגט: „נאַט, לעזט וואָס מען שרייבט וועגען מיר"...

אויב איהר זענט, פֿון יענע, וועלכע האבען שוין געהערט, וועגען אָט דעם פּאַרשוין, מאכט איהר עס קורץ און שארף, געפֿינט גלייך אָן אויסרייד און ווערט פֿון איהם פּטור... אָבער קוים גיט איהר איהם אַ געלעגענהייט און ענטפֿערט נישט גלייך, דאן האַלט ער אייך אויף שבת...

נעהמען נעמט עס זיך דערפֿון וואָס אָט דער איד האָט שטארק ליב פּאָפּולאַריטעט און דער דאָזיגער חשק לאָזט איהם פּשוט נישט רוען אין שטוב; עס טרייבט איהם ארום ווי א נישט־גוטען, רחמנא־לצלן!...

ער באזוכט אַלע אינסטיטוציעס, פֿאַרזאַמלונגען, גאַסען־מיטינגס, זוכט די באַקאַנטשאַפֿט מיט אידישע אַקטיאָרען, און קריכט צו זיי הינטער די קוליסען, זוכט מיט אַלע כחות זיך צו דערשלאָגען צו אַן ענין, וואָס זאָל איהם מאכען פֿאַר אַ פּאָפּולערען מענשען.

זיין דערפֿאַרונג האָט איהם געלערנט, אז נאָר דורך כלל־טועריי קען מען זיך דערשלאגען צו אַ גרויסער פּאָזיציע און זיך שאַפֿען אַ נאָמען אין דער געזעלשאַפֿט. גאנצע נעכט האָט ער נישט געקענט שלאָפֿען צוליב אָט דעם געדאנק, און ער פֿלעגט בסדר טראכטען, זוכען וועגן און מיטלען ווי אזוי צו דערגרייכען זיין ציל...

ענדלעך, נאָך פֿיל קלערען און טראכטען, איז איהם איינגעפֿאַלען אַן אידעע, אין וועלכער ער האָט זיך אנגעכאַפּט מיט לייב און לעבען; אַ געניאַלער געדאנק, האָט ער געטראַכט, און קוים וועט זיין פּלאַן פֿאַרווירקליכט ווערען, ווערט ער אַ גרויסער מענש. אַלע וועלען רעדען פֿון איהם, און אַלע צייטונגען וועלען שרייבען; מיט איין וואָרט, ער וועט זיין אנערקענט פֿון דער גאַנצער אידישער באַפֿעלקערונג אַלס אַ זשעני...

ער איז געפֿאַלען אויף אַ פּלאַן, וואָס אַזעלכער איז נאָך ביז היינט נישט באַרירט געוואָרען. עס איז איהם איינגעפֿאַלען צו שאַפֿען אַ היים פֿאַר אַלטע,

אידישע מיידן. אָבער די היים זאָל זיך געפינען טאקע ביי אונז אין וויטעבסק־פעל, זיי מעגען אויך קומען פון גאָלדערס גרין, ערזשוועער, הענדאָן און אפילו פון אַנדערע געגענדען... אז קיין אידישער קלויסטער איז נישט פאַראַן, טאָ פאַרוואָס זאָלען מיר אידען נישט זאָרגען פאַר זיי? זיי געהערען דאָך צו אונזער פאָלק, דאַרפען מיר זיי זעהן צו באַזאָרגען מיט אַ היים וואו זיי זאָלען קענען אָפּלעבען זייער רעשט ביסעל יאהרען אהן צרות, נאר טאקע בכבוד גדול, אין נחת און אין פריידען... עס איז בלויז צו באדויערען, אז היינטיגע צייטען איז, נעבעך, פאַראַן אַ פיל גרעסערע צאָל פון זיי צוליב די וויסטע מלחמות, וועלכע האָבען איינגעשלונגען אַזויפיל יונגע מענער.

ער האט זיך אליין גראטולירט פאַר דעם געלונגענעם איינפאַל און זיך אונטערגענומען צו טאן אלדאָס מעגליכע, כדי זיין פּלאַן וואָס גיכער צו פאַרווירקליכען. ער איז געווען זיכער, אז ער וועט ווערען אויפגענומען פון יעדען אידען מיט אַ גוט אידיש האַרץ און רחמנות אויף אונזערע אידישע טעכטער. אינסטיטוציעס זענען פאַראַן זעהר פיל אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער נישט איינע אַזעלכע ווי ער טראַכט צו שאַפען, די טראָגט אַ באַזונדערען נויטווענדיגען כאַראַקטער, און ער וועט זיכער באַקומען פיל אָנהענגער פאַר זיין אידעע.

כדי נישט צו פאַרלירען קיין צייט, האט ער גלייך אויף צו מארגענס געזעהן עטליכע בעלי־בתים, מעמבערס פון זיין שוהל, און פאַר זיי פאָרגעלייגט זיין פּלאַן. הכלל, דער פּלאַן איז אויפגענומען געוואָרען מיט באַגייסטערונג, און מען האט ארויסגעשיקט איינלאַדונגען צום ערשטען מיטינג.

מען האָט אויך צוגעגרייט פונקטען צום באַהאַנדלען ביי דער ערשטער זיצונג, די דאזיגע זענען ווי פאָלגענדעס:

(1) מיר נעהמען אריין נאָר אַזעלכע, וועלכע האבען קיינמאָל קיין ליבעס נישט געפיהרט.

(2) מיר נעהמען אריין נאָר נערוועזע, אָפּגעלעבטע, וועלכע מוזען האָבען אויפגעגעבען יעדע האָפנונג חתונה צו האָבען, כדי נישט צו געהן קעגען אונזערע „רולס."

(3) עס מוז ווערען פאַקטיש באַוויזען, אַז זיי האָבען קיינמאָל נישט געהאָדעוועט קיין הינט אָדער קעץ...

(4) זיי וועלען אָפּגעבען אַ שבועה, אַז זיי האָבען זיך קיינמאָל נישט געקריגט מיט דער "לאָדזשע־מיסים" צוליב דעם, וואָס זי האָט יאָ אַ מאַן און לעבט מיט איהם בשלום...

(5) זיי וועלען זיך מוזען אונטערוואַרפען אַלע פאָדערונגען פון דער פאַרוואַלטונג.

(6) אין פאַל עס וועט זיך דאָך מאַכען פאַר אַ מעמבערקע אַ שטיקעל שידוך, איז איידער וואָס־ווען וועט זי זיך מוזען בעראַטען מיט דער פאַרוואַלטונג, כדי נישט צו ברעכען די „רולס"...

דער ערשטער מיטינג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען טאקע ביי דעם איניציאַטאָר אַליין, אין זיין „בעק רום," אויפן דריטען פלאָר. ער איז געווען

זיכער, אַז עס וועט ארוים דערפֿון אַ גרויסע זאַך, ווייל ער האט געלעזען אין די צייטונגען, אַז אַלע וויכטיגע דערפֿינדונגען קומען ארויס פֿון „בעק רומס".... אַפּילו די אטאָמישע באָמבע האָט מען אויך דערפֿינדען אין א „בעק רום". עס איז געקומען א גרויסער עולם, כמעט אַלע, וואָס מען האט איינגעלאַדען.

דער עולם האָט זיך צוגעשפּאַרט וואו מען האָט נאָר געקענט, איינער אויפֿן בעט, א צווייטער אויפן טיש, א דריטער אויפן פֿענסטער, בלויז אונזער כּלל־פֿאַרזאָרגער, וועלכער האָט אויך געפֿיהרט דעם פֿאָרזיץ, איז געזעסען אויף דעם איינציגען בענקעל, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט.

מען האט זיך גענומען צו דער ארבייט, באהאנדעלט יעדען פונקט באַזונדער און אַלע זיינען אָנגענומען געוואָרען מיט א מערהייט שטימען. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די וויכטיגסטע פֿראַגע פֿון אוונט—ווי אזוי צו זאַמלען גרויסע סומעס געלד פֿאַר דעם צוועק.

גלייך, אויפֿן אָרט, איז געזאַמעלט געוואָרען א באַדייטענדע סומע, און מען האָט אויך אויסגעוויילט א פּראָמינענטען קאמיטעט, וועלכער זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט באַזוכען גרויסע און רייכע מענשען און בעטען ביי זיי באַשטייערונגען לטובת דעם וויכטיגען צוועק...

דער עולם איז געוואָרען שטאַרק מיד פֿון דער שווערער אַרבייט און פֿון דער ענגשאַפֿט אין „בעק רום". מען האט פּשוט נישט געקענט אפציהען דעם אָטעם... דער רויך'פֿון די ציגארעטען האט געשטיקט אין האלז, דאס קליינע עלעקטרישע לעמפּעל האָט געברענט טונקעל, פֿון דער "נעקסט־דאָריקער" שכנה האָט זיך געהערט דאָס שטאַרקע שפּילען פֿון ראַדיאָ און דאָס כּסדרדיגע וויינען פֿון אַ קליין קינד פֿון יענער זייט טיר, דאָס מיאוקען פֿון אַ הונגעריגער קאַץ, דאָס אַלץ איז געקראָכען אויף די נערוועז פֿון אַ נאָרמאַלען מענש.... אבער זיי, אונזערע פֿאַרזאָרגער, האט קיין זאַך נישט געאַרט. מען איז געווען פֿאַרנומען מיט איין וויכטיגען צוועק...

אָרום צוועלף אזייגער האָט זיך דער מיטינג געענדיגט, און ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט אונזער כּלל־טוער ערשט פֿרייער אפּגעאָטעמט. ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און אנגעשריבען א רעפּאָרט וועגען דעם מיטינג, וואָס איז פֿאָרגעקומען און וועגען דעם וויכטיגען פּלאַן. . .

פֿאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט אויך נישט פֿאַרגעסען צו מעלדען, אַז טאַקע ער אַליין איז עס געווען דער, וועלכער האָט געברענגט דעם פּלאַן אויפֿן טיש. ער האָט דאָס גלייך אָפּגעשיקט אין רעדאַקציע. אין עטליכע טעג שפּעטער איז דער באַריכט פֿאַרעפֿענטליכט געוואָרען.

איצט טראָגט ער זיך אָרום מיט דער צייטונג אין קעשענע, צייגט זי יעדען וועמען ער טרעפֿט, און בשעת יענער לעזט זיינע וויכטיגע אויפטועכצען, שטעהט ער מיט די הענט פֿאַרלייגט, באַטראַכט יענעם גוט, כּדי צו זעהן וואָס פֿאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף איהם, און ווען ער זעהט, אַז יענער שמייכעלט, קוועלט ער פֿון נחת...

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פֿון פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרען.

טראָץ דעם וואָס זיי האָבען געדונגען און איינגעריכטעט א שעהן הויז מיט אלע באקוועמליכקייטען, שטעהט עס אבער פוסט, נישטאָ קיין "קאָס־טאָמערס", ווייל אלע אידישע מיידלעך זאָגען, אז זיי זענען נישט אלט און אפילו די, וואָס זענען שוין לאנג אריבער די מיטעלע יאהרען, זאגען אויך, אז זיי זענען נאָך יונג, פול מיט לעבען און ענערגיע און האָפען קיינמאָל נישט אלט צו ווערען !

איז, ווי עס זעהט אויס, די מיה און ארבייט געווען ארויסגעוואָרפען, אָבער אונזער כלל-טוער פאַלט ביי זיך נישט אראָפּ.. ער גיט בלויז צו, אז ביי אונז אין לאָנדאָן ווערט קיין זאך נישט אפגעשאצט, ווי מען דארף. איז ער געפאַלען אויף א פלאַן. ער האָט ביי זיך באַשלאָסען צו פאָהרען נאָך ישראל. דאָרט, זאָגט ער, פאַנגט זיך אָן א נייע אידיש לעבען און דאָרט איז פאַראַן א מעגליכקייט פאר איהם זיך צו עפעס ארויפצודראפען; דארט, זאגט ער, אין אונזער היים וועט ער זיכער האָבען א מעגליכקייט אמאָל צו ווערען א פאליסמאן, צו גאָר א קאָנדאקטאר אויף אַן אייגענעם אָמניבוס; און דאַן וועט ער ערשט באקומען די אמתע אנערקענונג, וועלכע ער זוכט שוין זינט לאַנגע יאָהרען און קען נישט געפינען...

# קריסטמעס פרעזענטס!

איך ווייס נישט ווי אזוי עס איז אין אנדערע אידישע הייזער נאָר ביי מיר האָב איך אויסצושטעהן גרויסע צרות, יעדעס יאָהר ווען עס קומט דער הייליגער יום־טוב קריסטמעס.

מיינע קינדער דערגעהען מיר פשוט די יאָהרען, מען האלט אין איין מאכען פּלענער, ווי אַזוי, און אויף וואָס פאַר אַן אופן צו פאַרברענגען דעם יום־טוב.

ערשטענס, גיט מען מיר אַן אולטימאַטום, אַז איך מוז פאַר יעדען פון זיי קויפען אַ קריסטמעס פּרעזענט, אויב איך וויל נישט האָבען קיין פאַר־שטערטען יום־טוב, ווייל אהן דעם איז קריסטמעס קיין קריסטמעס נישט....

צווייטענס דאַרף מען איהם פייערען מיט אַ פיינער פּארטי מיט אַ גרינעם בוים, מיט רויטע ליכטלעך, אַזוי ווי עס פיהרט זיך ביי לייטישע, און בעל הביתישע אידען.

טראָץ דעם וואָס מיר איז דאָס נישט געפעלען, ווייל איך האָב עס נישט געזעהן ביי מיינע עלטערען, און ביי קיינעם פון מיין משפחה, האב איך גאָרנישט געזאָגט, אַזוי לאַנג זיי פּלעגען געהן פראַווען דעם יום טוב ביי זייערע פריינד, וואו אהין מען האָט זיי יעדעס יאָהר פאַרבעטען.

היינט אָבער, האָט זיך מיין טאָכטער צוגעשטעפעט צו מיר, ניט אנדערש נאָר איך זאָל איהר מאכען אַ קריסטמעס פּארטי דאָ ביי מיר אין דער היים. אַלע יאָהרען זאָגט זי, געהט זי צו די פריינד, היינט, וויל זי פאַרבעטען איהרע פריינד צו זיך, עס האָט נישט געהאָלפען מיין טענה'ן און בעטען זיך ביי איהר, אַז איך קען זיך אַזאַ פאַרגעניגען נישט ערלויבען, ערשטענס צוליב מיין ענגער וואוינונג, צווייטענס צוליב מאנגעל אין געלט אין דער איצטיגער שלעכטער צייט.

אָבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפען, איך האָב געמוזט זיך אונטער־ווארפען דעם אולטימאטום.

פון דאַן אָן האָב איך נישט געהאַט קיין רוהיגע מינוט, עס האלט מיר אין איין דרייען דער מוח, ווי אַזוי דעם ענין אדורכצופיהרען, סיי מיט די פּרעזענטער, סיי מיט דער פּארטי, ווייל צוגעזאָגט, איז צוגעזאָגט.

מיט עטליכע טעג צוריק, האב איך באמערקט אַ גרויסען אַפּיש, אויף אַ וואַנט אין ווייטשעפּעל, וועלכער זאָגט אונז אָן אַ גוטע בשורה אַז אין דעם פּלאַץ, אין אַ געוויסען טאָג, עפענט זיך אויף אַ חנוכה באַזאַר, וואו מען וועט

קענען קויפֿען מציאות צו ביליגע פרייזען, און דער פּראָפיט געהט פֿאַר א וויכטיגען צוועק.

דעם געוויסען אבענד, האב איך גענומען מיין דייוועלען דעם מזיק ביי דער האַנט, און אוועק מיט איהם צום חנוכה באַזאַאַר, קויפֿען קריסטמעס פּרעזענטס....

אריין קומענדיג אהין, איז שוין דער פּלאַץ געווען געפּאַקט מיט קונים, וועלכע זענען מן הסתם געקומען צוליב דעם זעלבען צוועק וואס איך.

די סטאָלס זענען געווען פֿיין פֿאַרפּוצט, מיט פֿאַרשידענע קאָלירען פּאַפּיר, אויף אַנדערע האָבען אויך געברענט עלעקטרישע לעמפּעלעך וועלכע האָבען געשיינט ווי שטערען אויפֿן הימעל, און נאָך אַנדערע קריסטמעס דעקאָראַציעס, מיט אויפֿשריפֿטען אַזעלכע ווי:

„געהט אונז נישט פֿאַרביי, קויפֿט מציאות פֿאַר ביליגע פרייזען

איהר דאַרפֿט אונזערע סחורות און מיר דאַרפֿען אייער געלט״ א.ז.וו.

די פֿאַרקויפֿערינס זענען געווען שעהנע, אַלטע און יונגע אויסגעפּוצטע פֿרויען, און חנעוודיגע מיידלעך, וועלכע האָבען געצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון יעדען פֿאַרבייגעהער צו זייערע סטאָלס.

מיין דייוועלע דער מזיק, האָט פֿון מיר געריסען שטיקער, כאָטש געה און קויף איהם אָב דעם גאַנצען באַזאַאַר, עס איז מיר קוים געלונגען איהם אבצוקויפֿען א גראַגער אויף פּורים. . .

איך האָב ביי זיך אָבגעמאַכט, נישט אויסצוגעבען מעהר ווי עטליכע געצעהלטע פֿונט, האַבענדיג אין זינען די קריסטמעס פּאַרטי וועלכע איך דאַרף נאָך מאַכען פֿאַר מיינע פֿרומע קינדער.

צום באַדויערען האָבען מיר פֿרויען א שוואַכקייט צו קויפֿען אלץ וואָס די אויגען זעהען, און געגען דעם חשק קען מען קיין גבור נישט זיין, שפּאַציר איך מיר אַרום לאַנגזאַם, פֿון סטאָל צו סטאָל, באַטראַכט יעדער זאַך וואָס דאָרט געפֿינט זיך, דרעה יעדער זאַך איבער אויף אַלע זייטען, באַטראַכט עס גוט, און לייג צוריק אוועק, אַזוי ווי דער שטייגער איז.... אין א ווינקעל האָב איך דערזעהן אַ סטאָל, מיט אַן אויפֿשריפֿט, „דאָ פֿאַרקויפֿט מען בלויז אַנטיקען״ דאָס איז מיר שטאַרק געפֿעלען, די פֿאַרקויפֿערין א שעהן אידיש מיידעל האָט מיך אויך שטאַרק אימפּאָנירט. בין איך צוגעגאַנגען באַטראַכטען די אַנטיקען, מיט דער האָפֿנונג דאָרט צו געפֿינען עטליכע אַנטיקען, פֿון אונזער פֿריינד משה עובר׳ס געשעפֿט, ווייל איך וויים אַז ער האָט אַ גוט האַרץ, צו געבען פֿאַר אַזעלכע צוועקען.... אָבער ניין, דאָרט זענען געלעגען אַנדערע אַנטיקען. איך האב דאָרט געזעהן אַ פּאָר פֿיינע דאַמען שיך. איך האב זיי געקויפֿט פֿאַר מיין טאָכטער, וועלכע דאַרף געהן אויף א חתונה צו איהר חבר׳טע, זי האָט שוין געקויפֿט אַן איוונינג דרעס, צו וועלכען די שיך וועלען פּאַסען, דער פּרייז איז געווען צונענגלעך, האָב איך זיי געהייסען איינפּאַקען און באַצאָהלט.

מיין דייוועלע האָט אויך אויף דעם סטאָל פֿון די אַנטיקען, דערזעהען

א פּאָר הייזלעך, וועלכע זענען איהם שטאַרק געפֿעלען, האָט ער זיך ביי מיר גענומען בעטען, איך זאָל זיי פֿאַר איהם קויפֿען, דערפֿאַר האָט ער מיר צוגע־זאָגט, וועט ער אויף פּסח אויסלערנען די פֿיער קשיות פֿון אויסוועניג.

דאָס איז מיר שטאַרק געפֿעלען, וואָס ער גערענקט נאָך, אַז אַחוץ קריסטמעס, איז נאָך פֿאַראַן אַ פּסח אויך.... האָב איך איהם געקויפֿט די הייזלעך, איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער אַלטער מיינער, האָט נישט קיין לייטיש העמד אָנצוטאָן. איבערהויפּט איצט ווען מען דאַרף זיך צוזאַמען קומען מיט לייטישע מענשען, צו פֿאַרברענגען אָן אבענד, און אַ פּרעזענט מוז איך איהם דאָך סיי ווי קויפֿען, האָב איך איהם אויף דעם סטאָל מיט אנטיקען געקויפֿט אַ ווייס העמד מיט א קאָלנער, און א רויטען קראוואַט, אַזוי ווי ער האָט ליב, און געטראַכט, זאָל ער כאָטש איין מאָל אין יאָהר אויסזעהן ווי אַ מענש....

נאָך דעם האָב איך באַשלאָסען, מעהר קיין געלט נישט אויסצוגעבען, און געלאָזט זיך געהן אַהיים.

שוין שטעהענדיג ביים ארויסגאַנג, האָב איך דערזעהן, פֿון וויטען אויף א סטאָל, אַ פּוטערנעם מאַנטעל, צו וועלכען איך האָב שטאַרק חשק באַקומען, שוין יאָהרען לאַנג האָב איך באַגעהרט אַזאַ מאַנטעל, און מקנא געווען יענע פֿרויען וועלכע האָבען פֿאַרמאָגט אַזאַ מלבוש. איך האָב אַ טאַפּ געטהון ביי זיך אין קעשענע, דערזעהן אַז עס איז נאָך פֿאַראַן עטליכע פֿונט, האָב איך פֿאַרגעסען אין דער פּאַרטי, און באַשלאָסען צו קויפֿען דעם מאַנטעל, פֿאַר זיך. אַזוי באַשלאָסען, בין איך צוגעגאַנגען צום סטאָל, באַטראַכט די מציאה, איהם אנגעמאָסטען, אריינגעקוקט אין שפּיגעל, און, ווען איך האָב אויסגעפֿונען, אַז ער פּאַסט מיר, האָב איך אַ צופֿרידענעם שמייכעל געטהון, און געטראַכט ביי זיך: זאָלען מיינע שונאים פּלאַצען, זאָלען זיי מיינען אַז איך בין באַגליקט געוואָרען און געוואונען דעם איירישען סוויפּ סטייק, זאָלען זיי מיך מקנא זיין... איך האָב באַצאָהלט, מען האָט מיר איינגעפּאַקט דעם אַנטיק, און איך בין מיט מיין דייוועלען ארויס פֿון דאָרט.

געהענדיג אהיים, אויפֿן וועג, האט מיר שוין גענומען באַנג טהון, הלמאי איך האָב אויסגעגעבען דאָס גאַנצע געלט, און איצט וועל איך מוזען דרייען דעם קאָפּ, און באָרגען געלט אויף צוזאַמענצושטעלען די פּאַרטי, אויב נישט וועט מיין טאָכטער זיך ארויסמופֿען פֿון מיר, און איך וועל בלייבען אהן אַ פּרנסה־געבערין, אַזוי ווי זי האָט שוין איניגע מאָל געטהון....

אהיים קומענדיג, אַ פֿאַרסאָפּעטע פֿון שלעפּען די שווערע פּעק, בין איך אהן א אטהעם קוים אריינגעפֿאַלען אין שטוב, און גערענקט גאָט, וואָס איך האָב קיינעם נישט געטראָפֿען, עפּעס האָב איך אינסטינקטיוו דערפֿיהלט, אַז איך מוז אליין עפֿענען די פּעקלעך, און באַטראַכטען די מציאות. און אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט.

איך האָב זיך גענומען פֿונאַנדער וויקלען די פּעקלעך, באַטראַכטען די זאַכען, איז מיר געוואָרען פֿינסטער פֿאַר די אויגען...

מיין טאכטער'ס שיך זענען געוועןביידע פֿאר דעם לינקען פֿוס.

דייוועלעס הייזלעך האָבען געהאַט לעבער, מיין מאַנ'ס נייע העמד האָט געהאַט אַלטע פֿלעקען, און מיין פֿוטערנער מאַנטעל, מיט וועלכען איך האָב געזאָלט שטאָלצירען געגען מיינע שונאים, איז געווען צופֿרעסען פֿון מילבען....

מיין דייוועלע האט מורא באַקומען איך זאָל מיין ביטערען כעס נישט אויסלאָזען צו זיין קאָפּ, האָט זיך אָבגעטראָגען און אַרויס פֿון שטוב.

ווען מיינער איז אהיים געקומען האבען זיך ערשט אנגעהויבען מיינע צרות, דערזעהענדיג די קריסטמעס פרעזענטער וועלכע איך האָב איינגעהאַנדעלט, און אויסגעגעבען אַזוי פֿיל געלט, האָט ער פֿון גרוים כעס באַשלאָסען נישט צו מאַכען קיין קריסטמעס פּארטי, אבער אויף צו להכעים וועלען מיר דוקא מאַכען אַ חנוכה פּארטי. דאס יאהר, בין איך צופֿרידען געווען, און פֿרעג זיך ביי איהם, ווען איז חנוכה? ענטפֿערט ער אַז ער ווייסט נישט... זאָג איך סטייטש, דו ביזט דאָך אַ איד, פֿאַרוואָס זשע ווייסטו ווען עס איז קריסט־מעס,און דו ווייסט נישט ווען עס איז חנוכה?

זאגט'ער, אַז קריסטמעס קומט אויס יעדעס יאָהר דעם זעלבען טאָג, לויט דעם קאַלענדאַר, און חנוכה נישט, אָבער ער האָט מיר צוגעזאָגט, צו פֿרעגען זיך ביים שמש פֿון זיין שוהל.

אלזאָ, אַזוי איז געבליבען, אַז היי־יאָהר פּראַווען מיר חנוכה און דעם קריסטמעס לאָזען'מיר צו די גוים.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז ווען ער האָט געפֿרעגט דעם שמש, ווען עס קומט אויס חנוכה, האָט יענער איהם אָנגעקוקט ווי משוגע, זיך שטארק צולאַכט און געענטפערט, אַז חנוכה איז שוין געווען מיט צוויי וואכען צוריק...

איז אַזוי ווי איהר זעהט זענען מיר דאס יאהר געבליבען אהן אַ קריסט־מעס, און אהן אַ חנוכה פּארטי. מילא פֿאַרפֿאַלען טראַכט איך.

אבער ווען איך האב זיך בארוהיגט, האב איך איינגעזעהן, אַז וועגען די פּרעזענטס וועלכע איך האָב געקויפֿט, דאַרף איך זיך נישט נעהמען צום הארצען ווייל סיי ווי געהט דער פֿאָנד פֿאַר אַ וויכטיגען צוועק...

# לעבען זאל דאס אידישע טעאטער!

ערשט יענע וואך, כאפּט מיך אָן מיין לאַנדסמאַן בערל אין,גאַס, און טוט מיך א פֿרעג מיט א נאַאיווען שמייכעל, זייט איהר שוין,געווען אין אידישען טעאטער?

עפּעס איז מיר זיין פֿראגע געווען מאדנע; נאכדעם ווי מיר האָבען זיך נים געזעהן פֿאר אַ גאַנץ לאַנגער צייט, זאל ער ניט פֿריהער א פֿרעג טון, וואָס הערט,זיך מיט געזונד, מיט פרנסה, ווי דער שטיינער איז, נאָר פּלוצלונג, צו בין איך שוין געווען אין טעאטער.

אנטקעגען וואָס פֿרעגט איהר דאס? האָב איך זיך אנגערופֿען, זאגט מיין לאַנדסמאַן בערל, קודם כל, ענטפֿערט מיר אויף מיין פֿראַגע, דערנאָך וועל איך אייך ענטפֿערען....

זאג איך, ניין! איך בין ניט געווען.

וואָס, טאקע ניט געווען? זענט איהר דאָך גאָר קיין מענש ניט, ווי קענט איהר זיך איינהאַלטען אין ניט געהן אהין, סטייטש מען דערצעהלט דאָך וואונדער איבער וואונדער פֿון דארט. דער עולם לעקט דאָך ממש די פֿינגער, פֿון זייער שפּילען זינגען און טאנצען, און די עקטערס זאגט מען, זענען גאָר קיין מענשען ניט, נאָר מלאכים, אז זיי קענען דאָס באווייזען.... מיט איין ווארט, דאָס אידישע טעאַטער, ברענגט גרויסע נוצען דער מענש־הייט, איהר הערט, זאגט ער ווייטער, מיט באגייסטערונג, טאָמער איז אייך קאַלאַמוטנע אויפֿן הארצען, טאָמער האט איהר זיך צוקריגט מיט אייער מאַן, טאָמער האָט איהר צרות פֿון קינדער, דאגות פרנסה, אבער טאָמער האָט איהר ניט וועגען וואָס צו שרייבען, געהט אין אידישען טעאַטער, און איהר וועט פֿון דארט אהיים קומען גאָר אַן אַנדערער מענש.

פֿון וואַנען זייט איהר דאס אזוי זיכער, אז עס וועט אויף מיר מאַכען אַזאַ גוטען איינדרוק?

האַ, פֿון וואַנען איך וויים, זאָגט ער מיט זיכערקייט, איך רעד פֿון „עקספּיריענס" רעד איך, קומט צו מיר אהיים, וועט איהר זיך איבערצייגען צו איך האָב רעכט צו ניין . . .

וואָס,פֿאר אַ שייכות האָט דאָס טעאַטער מיט אייער היים?—פֿרעג איך —און הויב אָן ווערען אונגעדולדיג.

באמערקט דאָס מיין לאַנדסמאַן, און מורא האָבענדיג, ער זאל מיך ניט פֿארלירען, האט ער מיך אנגעכאַפּט פֿאַרן אַרבעל, און אנגעהויבען בקיצור.

ביי מיר איז היינטיגען פֿאַר יום־טוב, געווען א שלעכט שטיקעל צייט,

איהר,וועט דאָך פֿאַרשטעהן, אז עס איז סלעק איז גרויסע צרות, די קינדער דאַרף מען מאַכען אַ לייטישען מלבוש, אַ פּאָר נייע שיכלעך, דאָס ווייב וויל זיך אויך אויסצופוצען מיט אַ נייעם בגד, דער רבונו של עולם, וויל אָבער נישט וויסען אז איך האָב קיין געלט ניט, און וויל אויך קיין אופן ניט אָבלייגען דעם יום־טוב, ביז איך וועל ווערען ביזי . . . די צייט רוקט זיך, און עס איז ביטער...

אין שטוב איז מיר ניט געווען מעגליך איינצוזיצען, מיין ווייב איז ארומגעגאַנגען בייז אויף מיר, אויף מיינע קינדער, און אויף דער גאַנצער וועלט. . . און אז אַ ווייב איז בייז, שרייט זי, און אז דאָס שרייען העלפֿט נישט, שילט זי, און אז עס העלפֿט ניט דאָס שעלטען, ברעכט זי. . . און אז א ווייב הויבט אָן ברעכען איז ביטער. מילא, ווי איהר זעהט איז מיך גאָרניט געווען וואָס מקנא צו זיין . . . אייך דאַרף איך דאָך ניט זאָגען, וואָס ווייבער זענען בכח אָבצוטון, ווען עס איז קיין פרנסה ניט פֿאַראַן, איהר זייט דאָך אויך אַ פּרוי. מאַכט ער מיר אַ קאָמפּלימענט. איז פונקט אין יענער צייט, האָט זיך נאָר ווי פֿאַר מיר, געעפֿענט דער נייער סעזאָן פֿון אידישען טעאַטער, נעמט מיין ווייבעל און טוט מיר אָב אויף צו להכעיס און קויפֿט זיך אַ טיקעט צו זעהן די נייע פּיעסע, וואָס רופֿט זיך, מיט דעם סענסאַציאָנעלען נאָמען „חנה די אַלמנה, וואָס האָט אַ מאַן אַ מלמד..." און אזוי ווי זי איז יענעם אבענד אהיים געקומען, איז זי געווען אַן אַנדערע, דאָרט האָט זי געהערט אַ לידעלע וואָס זינגט זיך אזוי:

איך וועל אייביג געדענקען די אויגען
וואָס זענען זאָ רייצענד און שעהן
מיט דיין בליק האָסטו מיך צוגעצויגען.

און נאָך עטליכע ווערטער וועלכע איך געדענק ניט, און ביים זינגען דאָס לידעל, טאַנצט זי זיך אונטער. אפֿילו די קינדער האבען זיך שוין אויסגעלערענט דאָס לידעל. און די שטוב געהט אויף רעדער, די קליינע בייבי מיינע זינגט שוין אויך. קען זי אָבער ניט ארויסזאגען די ווערטער, זינגט זי, טראַ לאַ לאַ, טראַ לאַ לאַ, און די,מאַמע קוועלט אָן.

אמאָל, אז איך פֿלעג אהיים קומען אין מיטען טאָג, פֿלעגט זי מיך באַפֿאַלען מיט טויזענד פֿראַגען, פֿאַרוואָס האָב איך קיין אַרבייט נישט, צו וואָס בין איך אהיים געקומען, צו וואָס לעב איך אויף דער וועלט, און פֿאַרוואָס בין איך אַ שלים־מזל . . . . אבער היינט, אַ פֿאַרגעניגען, אַ מחיה. . . .

אָט בין איך נעכטען אהיים געקומען צו מיטאָג, שטעהט מיין ווייב ביי אַ באַליע וועש, רייבט אויף דעם וואַש־ברעטעל, און זינגט צו „איך וועל אייביג געדענקען די אויגען", א.ז.וו., זי האָט שוין אפֿילו קיין צייט ניט, מיך עפּעס צו פֿרעגען איהר קאָפּ איז פֿאַרנומען מיטן לידעל, זינגענדיג, דערלאַנגט זי מיר דאָס עסען, און, אין הארצען ווינש איך דעם טעאַטער דאָס אייביגע לעבען, און די אַקטיאָרען אַ גוטע פרנסה. . . אַ קליינינגקייט . . . עס איז דאָך געוואָרען ביי מיר, פֿון אַ גיהנום, אַ גן־עדן, און אלץ צוליב דעם לידעלע, וואָס זי האָט,דאָרט אויסגעלערענט . . .

איהר וועט גלויבען, אַז מיר אליין איז דאָס אויך שוין אַזוי אַריין אין

גערּאנק, אז איך קען זיך דערפֿון אויף איין מינוט ניט באַפֿרייען, נעכטען, אין ווארקשאפּ, דארף איך זאָגען, צו דער מאשינערקע, גיב מיר דעם ראָק, זאָג איך צו איהר גיב מיר די אויגען... ערשט ווען עס איז געוואָרען א גרויס געלעכ־טער האָב איך זיך געכאפּט, און זיך שטארק פֿארשעמט.

אפילו אין חלום, האב איך קיין רוה ניט, עס האלט מיר אין איין דולען דער מוח, אָבער עס מאכט ניט אויס, עס האט אלץ די ווערט.

נו! און איצט פֿארשטעהט איהר שוין, פֿארוואָס איך בענש דאס אידישע טעאטער? עס האָט דאָך מיך ארויסגעראטעוועט פֿון אלע נוימען, זייט איך קען מיין ווייבעל, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, איז זי ניט געווען אזוי פֿרעהליך, אזוי לוסטיג, און אזא גוטע נשמה ווי זי איז די לעצטע צייט, ווער עס קומט אריין אין שטוב, דערצעהלט זי באלד, די מעשה פֿון דער "פלעי"., זינגט באלד פּאָר דאָס לידעלע און טאנצט אונטער...

נאָר נעכטען האָט שיער געטראָפֿען א גרויסער אומגליק. זי האָט מיר צוגעטראגען א הייסען טעלער זופ צום טיש, און ווי געוועהנליך זיך צונעזונגען און אונטערגעטאנצט, האָט זי דעם טעלער אראָפּגעלאָזט, די זופ אויסגעגאָסען, און זיך חלילה געקענט אָפּבריהען צום טויט דעם אמת געזאגט, האָט מיך ניט אזוי געשראָקען, איהר אָפּבריהען זיך, ווי די מורא, טאָמער חלילה הערט זי אויף צו זינגען.

און הערט זי חס ושלום אויף צו זינגען, בין איך ווידער אויף געהאקטע צרות. . .

נאָר א דאנקען גאָט, אלעס איז אריבער בשלום, זי זינגט, און טאנצט ווידער פונקט ווי פֿריהער . . .

און אזוי ווי מען וועט נאָר ווידער אנפֿאנגען צו שפּילען אַ נייע שטיק, וועל איך איהר אראָבגנב'ענען עטליכע שילינג פֿון די ווייבזועשס, בוקען א טיקעט, און איהר שיקען אין טעאטער, אפֿשר וועט גאָט העלפֿען, זי וועט זיך ווידער אויסלערנען א נייע לידעל, און מיר וועט זיין וואויל ווי די וועלט.

איצט ווייסט איהר שוין פֿארוואָס איך האָב אייך געפֿרעגט, צו איהר זענט געווען אין אידישען טעאטער?

יא, איך פֿארשטעה, האב איך געענטפֿערט, אָבער זאָגט מיר, וואָס איז אייך דער אונטערשיד, צי איך געה יאָ, אדער ניט?

אָט וועל איך אייך זאָגען, ענטפֿערט מיר בערל, איך האָב ביי זיך אָבגע־מאַכט פֿון היינט און ווייטער, ארום געהן איבער די גאסען, און שרייען, געוואלד אידען, אידענעס, ווייבער, געהט אין אידישען טעאטער, עס איז א מיטעל צו שלום בית.

מיין ווייבעל וועט זינגען, ביי מיר אין שטוב וועט שטענדיג זיין פֿרעהליך, איך וועל זיך באַפֿרייען פֿון עטליכע קללות א יעדען טאג, און אפשר, וועט זיך דער דלות דערשרעקען און זיך פֿון מיר אָפּטראָגען.. ווייל ער האט ניט ליב קיין פֿרעהליכקייט... איצט, האָב איך אייך שוין אלעס דערצעהלט, האָט מיר אַ גוטען טאג, זייט געזונד, און זאָגט מיר צו אז איהר וועט געהן אין אידישען טעאטער...

# א באַנקעט

דאָס וואָרט באנקעט איז ביי אונז אין לאָנדאָן געוואָרען אזוי פּאָפּולער, אז ווען מען איהר וועט א פּרעג טהון, אַ איד, אַ אידענע, אַ קינד, צו גלאט אַ מענשען פון ווייטשעפּעלער געגענד—וועט ער אייך באלד ענטפּערען און ערקלערען וואָס דאָס איז אזעלכעס אַ באנקעט . . .

פאַראַן אָבער פאַרשידענע באנקעטען, וואָס ווערען געמאכט פאַר פאַר־שידענע פערזענליכקייטען.

פאָהרט איינער אוועק, מאכט מען איהם א באַנקעט, גיט א שרייבער ארויס א ווערק—א באנקעט, ווילט זיך חברה־לצים גלאט אביסעל א לעב טון, אזוי אָהן אַ פאַר־וואָס, האָט עס דאָך קיין זין נישט, זוכט מען אוים איינעם, וואָס פרעטענדירט צו זיין עפּעס . . . א מין ליטעראַרישע ביילאגע, און מען מאכט פאַר איהם א באַנקעט. . .

איך זאג עס אנטקעגען דעם, ווייל מיט א קורצער צייט צוריק, איז מיר אויסגעקומען ביי צו וואוינען אזא מין ספּעקטאַקעל.

מיט אמאָל באקום איך אַ קאַרטע וואָס לעזט זיך אזוי:

„מיר האָבען די עהרע אייך איינצולאַדען, צו אַ באַנקעט, וואָס וועט גע־געבען ווערען לכבוד אונזער גרויסען שרייבער מר. חיים קלאָצמאַן, דעם און דעם דאַטום, אין גראַנד האָטעל, ווייטשעפּעל, אויף דער איסט-סייד, אַכט אַ זייגער פונקט

(אָבער מיר בעטען אייך קומען ניט שפּעטער פון צעהן).

אכטונגספאָל, „די קאָמיטע".

נאכדעם איבערלעזען דאָס קאַרטעל בין איך געבליבען זיצען אויסער זיך.

איך קען צופעליג דעם מר. קלאָצמאַן, איך ווייס אויך אז ער איז אַ שרייבער, און שרייבט פּאָעזיע, לידער און אנדערע זאכען, אָבער דאס ווייסען נור די וועלכע זענען געוועזען ביי איהם איינגעלאַדען צו סאַפּער. און דאָס פּאַסירט זעהר אָפט, ווייל ער איז אַ דאַנקען גאָט „גוט אָפ" און קען זיך דאָס ערלויבען, פאַרבעט ער זיינע באַקאַנטע און זייערע פריינט צו אַן „איוונינג־אין".

און באלד נאָך דעם עסען, ווען דער עולם איז גוט געשטימט, נעמט ער אַרויס פון שופלאָד זיינע שאַפונגען... לעזט פאָר, ליד נאָך ליד, באַלאַדע נאָך באַלאַדע, און זיינע פריינד, לעקען ממש די פינגער דערפון. . .

אָבער פאַרוואָס קומט איהם אַ באַנקעט ? אָט דאָס פאַרשטעה איך שוין נישט.

מיך האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט צו זעהן וואָס דאָרט וועט פאָרקומען, און איך האָב באַשלאָסען צו גען, ווען ס'איז געקומען דער באַשטימטער אבענד, האָב זיך עקסטרא פיין אויסגעפוצט און בין אוועק אהין.

דער זאַל איז געווען העל באַלויכטען, די טישען געדעקט מיט אַלדאַס־גוטס, פונקט ווי אויף א חתונה: איך האָב באַלד אויסגעפונען, אז די אראַנזשי־רער פון'ם אבענד, זענען זיינע בעסטע פריינד, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער טהיר און אויפגענומען די געסט.

אין א קורצער צייט ארום האָט זיך פאַרזאַמעלט א היבשער עולם, אַלע האָבען פאַרנומען זייערע פּלעצער ארום טיש. איך אויך.

מיין נייגעריגקייט האָט געשטיגען פון מינוט צו מינוט, מיט אונגעדולד האָב איך געוואַרט אויף די רעדעס, וואָס וועלען געהאַלטען ווערען, וואָס וועט מען זאָגען וועגען איהם?

ענדליך איז אָנגעקומען דער באַנקעטניק אַליין, אויף וועמען אַלע האָבען געוואַרט. ער איז געווען אויסגעפוצט אין זיינע יום־טוב'דיגע מלבושים, ווי עס פאַסט פאַר אַזא אָבענד; אַלע בייוועזענדע האָבען זיך אויפגעשטעלט, איהם שטאַרק אפּלאָדירט; ער האָט באַדאַנקט מיט א פריינדליכען שמייכעל און פאַרנומען דעם אויבענאָן...

חברה האָבען זיך א נעהם געטון צו דער אכילה; מען האָט זיך געגאָסען מיט וויין ווי מיט וואַסער; עס איז געוואָרען פרעהליך, איינער האָט זיך גע־וויצעלט אויף א צווייטענס חשבון; איינער האָט געזונגען פיקאַנטע לידלעך און די איבעריגע האָבען מיטגעהאָלפען.

די קעלנער האָבען דערלאַנגט געשמאַקע מאכלים, אַלע האָבען געגעסען און ווידער פאַרטרונקען.

איך בין געזעסען געשפּאַנט, און נישט אַראָבגענומען קיין אויג פון דעם בעל־שמחה און זיין פריינד, וועלכער איז געזעסען ביי זיין רעכטער־האַנט, אַלס טשערמאַן פון אָבענד.

ער האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין נערוועז און צוטראַגען. עפּעס ווי ער וואָלט נישט צופרידען געווען פון דעם גאַנצען עסק. עס האָט אויסגעזעהן ווי מען וואָלט איהם אָבגעטון אַ שפּיצעל...

איך האָב רחמנות באַקומען אויף איהם.

איך האָב אויך באַמערקט ווי צוויי יונגעלייט, וואָס זענען געזעסען נישט ווייט פון מיר, האָבען זיך געס'סוד'עט, און געלאַכט. . . איך האָב גענומען באַטראַכטען אַלע אַנוועזענדע מיט קריטישע בליקען, אום וואָס שנעלער אויס־צוגעפינען וואָס דאָ קומט פאָר.

האָט מיך אָבער גאָט געשטראָפט, און נעבען מיר אוועקגעזעצט א נודניק, וועלכער איז מיר דערגאַנגען די יאָהרען מיט זיינע קשיות:

ווי אַלט בין איך? וויפיל קינדער האָב איך? ווי לאַנג איז שוין ווי איך שרייב? פאַרוואָס עס איך נישט? און צו קען ער מיך באַגלייטען אהיים?

ער האָט מיך אַזוי דענערווירט, אז איך האָב איהם אויף אַלע זיינע

פֿראגען געענטפֿערט מיט איינמאל, איך בין נישט אַלט און איך האָב נישט קיין קינדער; איך שרייב נישט, איך קען נישט עסען, ווייל ער זיצט נעבען מיר, און פֿון אָבפֿיהרען אַהיים, האַלט איך נישט...

מיינט איהר דאָך, אַז ער האָט זיך, חלילה, געפֿונען באַליידיגט, אַ נעכ־טיגער טאָג...

גערעדט האָט ער ניט מעהר, דאָס איז אמת. דערפֿאַר האָט ער אָבער גענומען זיך באַנוצען מיט זיינע אברים... זיצט ער און קוקט מיר גלייך אין פנים אריין, ווי ער וואָלט מיך וועלען היפנאָטיזירען. דרעה איך אוועק דאָס קעפּל, שאַרט ער מיט זיינע פֿיס אונטערן טיש, ביז ער שלאָגט זיך אָן אין מיינע. רוק איך זיך אַביסעל אָפּ, רוקט ער זיך נאָך, לעג איך אוועק מיין האַנט אויפֿן טיש, קומט איהם אויס זיך אָנצושפּאַרען פונקט נעבען מיר, אזוי, אַז זיין האַנט באַריהרט מיינע פֿינגער.

ווער איך אין כעס, שטעל זיך אויף, וואַרף איהם צו א פֿאַראַכטעטען בליק און זעץ זיך אויף אנ'אַנדער פלאַץ.

ענדליך האָט זיך דאָס עסען געענדיגט. דער טשערמאַן האָט זיך אויפֿ־געשטעלט, דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין טיש, זאָל זיין שטיל און האָט דערלאַנגט אַזאַ מין ספּיטש :

—חברים און פֿריינד, איך וועל אייך לאַנג נישט אויפֿהאַלטען מיט מיין היינטיגען פֿאָרטראג . . .איך וויל אייך נאר ערקלערען, צוליב וואָס, איך מיין צוליב וועמען, דער היינטיגער אָבענד איז פֿאַראַנשטאַלטעט געוואָרען; דאָס האָבען מיר געוואָלט צוטיילען דעם לעצטען כבוד אונזער פֿריינד דעם דיכטער, וועלכער איז אייך אפֿשר נישט באַקאַנט, דאָס איז דערפֿאַר, ווייל ער האָט נאָך נישט באקומען זיין אנערקענונג; אט דאָ זיצט ער און ווער עס וויל קען זיך מיט איהם באַקענען . . . דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי מר. חיים קלאָצמאַן.—און וואָס איך זאָג דעם לעצטען כבוד, מיין איך עס דערמיט, ווייל מאָרגען פֿאָהרט ער אָפּ, נאָך ברייטאָן צו זיינע א שוועסטער, אננעהמען אַ דזשאָב, אַלס פֿאָרמאַן, אין איהר שניידער־פֿעקטארי... (גרויסער אפלויז).

און אזוי ווי מיר שיידען זיך פֿון איהם, האבען מיר איהם געוואָלט איבער־צייגען אין אונזער פֿריינדשאפֿט; האבען מיר געגעסען און געטרונקען — היינט, לכבוד זיין פערזאָן, אַזוי אַז מיר זאָלען נישט פֿאַרגעסען און תמיד קענען עהרען זיין אָנדענקען... און איידער איך רוף אויף מיין פֿריינד שמערלזאָהן צום וואָרט, וויל איך איהם ווינשען א הערצליכען פֿאָהר־געזונד; און ער זאָל אויך נישט פֿאַרגעסען פֿאָרטצוזעצען זיין וויכטיגע אַרבייט, מיט וועלכע ער באַרייכערט דאָס אידישע פֿאָלק און איבערהויפט זיינע חברים... איצט רוף איך אויף מיין פֿריינד, שמערלזאהן (אפלויז).

עס האָט זיך אויפֿגעשטעלט א לאַנגער דאַרער איד, מיט א שפּיציגער נאָז און אַמעריקאַנער ברילען. ער האָט זיך אויסגעהוסט, גלייך געמאַכט זיין ראָק און קאָלנער און געזאָגט אָט אזוי:

טשערמאַן און פֿריינדע, אַזוי ווי איך קען נישט רעדען קיין אידיש, וועל איך אייך געבען אַ ספּיטש אין ענגליש און איך האָף, אַז איהר וועט מיך פֿאַר־

שטעהן, נאר אויב נישט פרעגט מיך איבער וועל איך אייך פארטייטשען.

„דהים פעלאו אָווער דהער"—האט ער אנגעוויזען אויף דעם בעל־שמחה, איז א פריינד אף מיין; איי לייק הים וועריּ מאטש. הי איז א גוד־באי, ענד העם דאן מי א גרייט פעווער, פאר וויטש איי וויל נעווער פארגעט הים... איי נאָ הי איז א רייטער, איי הערד הים רידינג סאם אף הים פאעמס, ענד אלדאו איי דאנט אנדערסטענד איט איי עם שור דהעי אר וועריּ גוד... ענד איי העוו קאם היר דהיס איווינינג טא קאנגראטולייט הים ענד וויש הים גוד־ביי... ענד... —האט ער זיך פארטראכט,—ענד דהעטס אלל; איי וואוד מייק א פראפאזישאן, ליידיס און דזשענטעלמען, עז א וואוט אָוו טהענקס ווי שוד אלל סטענד אפ ענד סינג: "הי איז א דזשאלי גוד פעלאו"!

„היר, היר", האבען זיך דערהערט שטימען פון אלע זייטען, און מאקע באלד האט זיך חברה אויפגעשטעלט, און מיט האלב פארשיכור'טע שטימען זיך צוזונגען:

„הי איז א דזשאלי גוד פעלאו".

איך האב באטראכט מר. קלאצמאן. ער איז געזעסען אין געהאקטע צרות, א צוטראגענער, א בלאסער מיט אראפגעלאזטען קאפ, דער עולם האט ווידער גענומען צו ביסלעך.

עס האט זיך אויפגעשטעלט א דריטער און פאלענדיג פון די פיס, האט ער גענומען דעם ארימען דיכטער לויבען.

—ליידיס און דזשענטעלמען איך קען דעם שרייבער שוין א גאנץ לאנגע צייט, שוין אריבער א יאהר... און איך זאג אייך אז ער פארשטעהט זעהר פיל, נאר ער קען עס אויף דעם פאפיר נישט ארויסגעבען. אבער ער איז גרויס, דאס קען איך אייך פארזיכערען... איך בין אויך א מבין אויף א מענשען. איהר קענט זיך אויף מיר פארלאזען... איך מוז דא באמערקען, אז איינער פון די גנעהרטע פאטראנייזער פון היינטיגען אבענד האט מיך געפרעגט, אויב מר. קלאצמאן האט שוין עפעס ארויסגעגעבען, אויף דעם קען איך מים שטאלץ ענטפערען אז ער האט שוין זעהר פיל ארויסגעגעבען, ווייל ער איז א איד מיט א גוט הארץ און האט אנ'אפענע האנט, און ער גיט יעדע וואך ארוים זעהר אסך אויף צדקה פאר פארשידענע אנשטאלטען... (אפלויז)....

פלוצלונג איז דער רעדנער אונטערבראכען געווארען, עס איז געווארען א געוואלד, א טומעל אין זאל, און אלע האבען זיך געלאזט לויפען אין איין דירעקציע, אהין וואו מר. קלאצמאן איז געזעסען, ווייל ער איז נעבעך געפאלען אין חלשות....

מיך האט פארקלעמט ביים הארצען און איך האב געשווינד פארלאזען דעם באנקעט.

נאך איינער פון מיינע באקאנטע, וואס איז נאך דארט פארבליבען האט מיר דערצעהלט, אז ווען דער בעל־הבית פון האטעל האט צוגעטראגען דעם ביל, איז איהם פינסטער געווארען פאר די אויגען, און מען האט געמוזט ברענגען א דאקטאר צו איהם...

אזוי האט זיך נעביך געענדיגט דער פרעהליכער באנקעט...

# דייוועלע ווערט א פרייז פייטער!...

מאם, רופט זיך אב, אנומעלטען מיין ׳דייוועלע צו מיר.
יעס, מיין קינד.
איך וויל דיך פרעגען א קוועסטשאן, אבער זאלסט נישט לאכען פון מיר:
נו, פרעג אדרבא. ווער א שטיקעל מענש
ווהאט איז פרנסה?...
דאס וואס מיר האבען נישט מיין קינד.
וואס מיינסטו?
אט, פשוט, אז עס איז נישטא אויף קיין רענט, נישט וואס צו פארקאכען, נישט קיין קלייד, קיין שיך, און נישט קיין געלד צו געהן אין די פיקטשורס, איז נישטא קיין פרנסה. און אהן דעם מיין קינד, איז ביטער ווי דער טויט. אבער, וואס איז דיר פלוצלונג איינגעפאלען צו פרעגען אזא פראגע?
יו סי מאם, איך האב געזעהן ווי מיין פעל סעמים מאמע האט זיך אויסגעפוצט און איז אוועק. האט מיסיס קאהען געזאגט צו מיסיס ליווי, אז זי געהט זוכען פרנסה...
אהא, איך פארשטעה שוין, האט זי גענטפערט מיט א גנבישען שמייכעל.
נאך עטליכע מינוטען ׳שווייגען, רופט ער זיך ווידעה אב צו מיר:
מאם.
יעס.
איך וועל אויך געהן...
וואו אהין, פרעג איך איהם נייגעריג.
זוכען פרנסה פאר דיר, איך וויים אז דו האסט נישט קיין געלט וועל איך זיך אויסלערנען א טרייד, און פארדינען געלט, וועל איך עס דיר אין גאנצען אוועקגעבען, און דו וועסט מיר געבען ספענדינג מאני.
יא, איהר זייט אלע גוטע ווען איהר זייט נאך קליין, און ווען איהר זאלט נאר נישט אויפוואקסען ווי גוט וואלט עס געווען... ווייל שפעטער ווען איהר זייט שוין גרויס טענה׳ט איהר אנדערע דבורים...
מאם: יו ליוו איט טו מי, עס וועט זיין א קיי, רופט זיך אב מיין תכשיט צו מיר, מיט באגייסטערונג און ארויס פון שטוב.
איך האב זיך שטארק צולאכט פון מיין פרנסה־געבער...
פונקט יענע וואך מאכט זיך אזא מעשה:
מיין טאכטער געהט אויס מיט זעהר א פיינעם באי. ער קומט אריין

אין שטוב און איז שוין ביי אונז כמעט ווי אַן אייגען קינד. און וואָס עס מיינט היינטיגע צייטען צו קריגען אַ פיינעם באַי פאַר אַ מיידעל אהן נדן, דאַרף איך אייך נישט זאָגען, ווייל איהר פאַרשטעהט שוין אַליין. איך זאָג אייך אַז גאָט און לייט, האָבען מיך מקנא געווען מיט דעם שידוך, און אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי געוואונשען.

הכלל עס האט שוין געהאלטען דערביי ער זאָל איהר אנטון אַ רינג, נאָר אַזוי ווי זיינע עלטערען זענען נאך אין הויז ביי מיר נישט געווען, האבען מיר אפגעמאכט אויף שבת זיי צו פאַרבעטען צו טהעע.

מילא וואָס איך מיט מיין טאכטער, האבען יענע וואָך צוגעארבייט, איז נים מעגליך צו באשרייבען, ווייל איהר דאַרפט פאַרשטעהן אַז אויספוצען אַ דלות איז נישט קיין קלייניגקייט. מיר האבען געפוצט, גערוימט, געפוצט די לעפעל און גאָפעל, איבערגערוקט דעם טיש פון איין זייט אויף דער צווייטער, פשוט איבערגעקערט די שטוב, פונקט ווי ערב פסח, איינגעקויפט עטליכע אַנטיקען ביי וואָלוואָרט'ס און אויסגעפוצט די ווענט, מיט פאַרשידענע קאָלי־רען פאַפּירען... אַלץ פאַרטיג, האָב איך איינגעקויפט אביסעל פרוכט, אויס־געבאַקען אַ פיינעם שטרודעל כדי אויפצונעמען די געסט.

שבת נאך מיטאָג, האָב איך געבאָרגט ביי די שכנים עטליכע בענקלעך, אַ פאָר גלעזלעך, אביסעל געשיר, און אויסגעפוצט דעם טיש, אַז עס איז פשוט געווען אַ מחיה. ארויסגעשיקט מיין דייוועלען מיטן רויטען נעזעל, און איהם אנגעזאגט ער זאָל למען השם נישט וואַגען אהיים צו קומען צו פריה... און מיר האבען זיך צוגעגרייט אויפצונעהמען די געסט.

זיי זענען טאקע געקומען צו דער באַשטימטער צייט.

מען האט געגעסען, געטרונקען, איך האב זיך מיט זיי צוזאַמענגערעדט, און אויסגעפונען אַז זיי זענען זעהר חשובע און פיינע מענשען, ער אַ גבאי אין אַ שוהל, און זי, אַ פּרעזידענטין פון עגונות סאסייטי. מיין טאכטער האט די גאַנצע צייט נישט אַראָבגענומען די אויגען פון דעם יונגען מאַן, וועלכער האָט באַראַפּט זיין איהר חתן, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איך האב געקוואָלען פון נחת... ס'איז נישט קיין קלייניגקייט אַריין צו קומען אין אַזאַ יחוס.

ווען איך האָב זיך אויפגעשטעלט צו דערלאַנגען טהעע, האט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טהיר, מיין האַרץ האָט זיך אין מיר אָבגעריסען פון שרעק. עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געוואוסט, אַז אַן אומגליק קומט צו מיר.

אַ מינוט שפּעטער האט זיך האַסטיג געעפענט די טהיר, און עס איז אריינגעפאַלען סעמי'ס מאַמע, מיט אַ געוואַלד, און מיך גענומען זידלען און רופען מיט די שרעקליכסטע נעמען אין דער וועלט, פאַר די פרעמדע מענשען אין די אויגען, הלמאי מיין דייוועלע האט געמאכט איהר סעמי אַ בלוי אויג, און איהם אויסגעדרעהט דאָס לינקע הענטעל...

ווען עס עפענט זיך אַ גרוב, וואָלט איך איינגעזונקען געוואָרען פון חרפה...

מיסים, א געזונד אין אייך האָב איך כלומרשט מיט איינגעהאלטענעם כעס געזאגט, (און א פגירה אויף אייך געטראכט) צו וואָס זאָלט איהר לעבען, מאַכט איהר מיר אַ סקאנדאל, בין איך דען שולדיג אין דעם? געהט אוועק פון דאנען געזונדערהייט, האָב איך קוים ארויסגעזאָגט, לאָזט מיך צורוה איך בעט אייך.

אָבער מיין בעטען האָט ניט געהאָלפען, זי, דערזעהענדיג פרעמדע מענשען, האט זיך פארגענומען אויפסניי, זי האט אפנים געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט, איך וועל אייך סאמאנסען, וועל איך, אז מען האָט אזעלכע קינדער ווי אייערע, אזעלכע מזיקים וואוינט מען נישט מיט זיי צווישען פיינע מענשען, נאָר מיט ווילדע אינדיאַנער, אזעלכע וואָלטען אייך בעסער געפאַסט... אָבער וואַרט, איהר זייט נאך נישט געסעטעלט מיט מיר, איך וועל אייך נאך ווייזען וואָס איך קען האט זי געגראזשעט מיטן פינגער, נישקשה, מען קען אייך מיט אייער משפחה... איך האָב זיך לענגער נישט געקענט באהערשען, כ׳בין צו צו איהר, געעפענט די טהיר און זי אַרויסגעוואָרפען פון שטוב. וואָס זי האָט געשריגען פון יענער זייט טהיר וויל איך אייך נישט דערצעהלען...

די מחותנים האבען זיך איבערגעקוקט א ווײלע, דאן האבען זיי זיך אויפגעשטעלט, צוגעוואָרפען א זייטיגען זייט געזונד, און אוועק אהיים מיטנעהמענדיג זייער זיהנדעל. . . .

מיין טאַכטער איז אריין אין בעד רום, און זיך שטאַרק צוויינט.

איך בין געבליבען אליין, און באטראַכט דעם צוגעגרייטען טיש, מיט די סענדווידזשעס און קייקס וועלכע זענען געבליבען ליגען אונבאַרירט.

גלייך איז מיין דיזוועלע אריין אין שטוב מיט א געלעכטער פון א זינער, אבער איך האָב זיך צו איהם גענומען, און אויסגעלאָזט מיין ביטער האַרץ צו זיין קאָפּ..

ממזר! האָב איך אויסגעשריגען, פאַר וואָס האָסטו געשלאָגען דעם באָי, וואָס האָסטו צו איהם גזלן, איך קען דאך נישט לעבען פון דיר.

דעטס אָלרייט מאַם, דאַנט בי עקסייטעד, האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיג, דאָס איז נאָר געווען אַ פרענדלי פייט, יו סי, מאַם, איך וויל ווערען א פראָפעשאָנעל פרייז פייטער, און דיר געבען פרנסה... אָה מאַם, האָסט באַראַפּט אנקוקען סעמי׳ס בלעק איי, האט ער זיך צולאכט, מיר אויף צו להכעיס. . .

א וויסטער חלום זאָל אויסגעהן צו דיין קאָפּ, דו שנץ איינער, א פרייז פייטער ווילסטו ווערען, א גליק האָט מיך געטראָפען, א יחוס פאַר מיין באָבען, איך וועל דיר אונטערהאקען דיינע זייטען, אויב דו וועסט זיך דעם געדאנק נישט ארויסשלאָגען פון דיין קאָפּ, אזא פרנסה פאסט נישט פאַר א אידישען באָי.

פאַרוואָס נישט? האָט דיזוועלע מיר געגעבען אן ארגומענט.

איז דען קיד בערג, נישט א אידישער באָי? איז דען מייזלער נישט קיין איד? זיי זענען אמאָל געווען באַרימט, און פאַרדינט אסך געלט, און זייערע מאמעס זענען געווען שטאָלץ מיט זיי... פליז מאַם, דאָנט בי אָלד

פּעשאָנד, יו סי, אין דער פּריהו וועל איך דאַוונען ווי מען האָט מיך געלערנט ביי מיין בר מצוה, און אין רינג וועל איך טראָגען אַ מגן־דוד צו ווייזען אז, איך בין א גוטער און פּרומער איד, פֿאַרשטעהסט מאַם? וויפּיל כבוד וועסטו האָבען פּון מיר?...

יאָ, אין דער פּריה וועסטו דאַוונען, אויפֿן פּייט וועסטו טראָגען א מגן דוד, צו ווייזען אַז דו ביזט אַ איד, און חתונה האָבען וועסטו מן הסתם מיט אַ שיקסע. יעס, יעס, איך פֿארשטעה די ביזנעס, איך וויל נישט אזעלכע פרנסות, מוחל, מוחל ער איז ארויסגעלאָפּען פּון שטוב.

דעם צווייטען טאג איז געקומען א בריף פּון מיין טאכטער׳ס געוועזענעם חתן, ער שרייבט אז ער קען מעהר נישט קומען צו אונז, ווייל זיין מאַמע האָט געזאָגט, אז ער האָט נאָך צייט חתונה צו האָבען... נאָר ווען ער וועט האַלטען דערביי וועט ער איהר לאָזען וויסען, דערוויילע איז אבער נישטאָ וואָס צו רעדען וועגען דעם... זי האָט נאכן איבערלעזען דעם בריף, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, און טרערען האָבען זיך געגאָסען פּון איהרע אויגען...

מיך האָט פֿארקלעמט ביים הארצען, נישט באַשערט אַ שטיקעלע נחת, האָב איך געטראַכט, און געשאָלטען יענע שעה פּון מיין געבוירען.

דייוועלע אבער געהט אָן מיט זיין פּראַקטיק. שלאָגט יענעם, און קריגט אַליין צובראָכען די ביינער, אָבער, עס מאכט נישט אויס זאָגט ער, ער וויל דאָך ווערען אַ פּרייז פּייטער, און מיך פֿאַרזאָרגען מיט פּרנסה!...

# אינטעליגענץ...

דרעהען זיך ארום ביי אונז אין לאָנדאָן, ליטעראַטען, אינטעליגענטען. מענשען מיט פאַרלאַנגען, פאַר עפּעס העכערעס, עפּעס שעהנערעס ווי דאס איינפאַכע.

מענשען אינטעלעקטועלע, מיט אַ בעסערען געשמאַק, מיט פּרעטענציעס אויף אידעאַליזם... וועלכע גאַרען פּשוט נאָך אביסעל גייסטיגען פאַרגעניגען, צו דערזעלבער צייט שיטען זיי פעך און שוועבעל, אויף די היגע פינסטערע מאַסען, אויף די וויטשעפּעלער אידען, וועלכע לעבען אין אונוויסענהייט, אין פינסטערניש, און לאָזען זיך אפילו נישט ערציהען, פון די גייסטיגע פיהרער, פון דעם בעסערען עלעמענט.

און באַגעגענט איהר זיך מיט איינעם פון יענע, רעדט ער זיך פאַר אייך אָב זיין ביטער האַרץ... ווי שווער עס איז צו לעבען אין אַזאַ מצב, ווי דאַס אידישע לאָנדאָן, און ווי איהם ווילט זיך אַנטלויפען פון דאַנען וואָס שנעלער... בשעת מעשה פיהלט איהר מיט איהם די לאַגע, און איהר העלפט איהם באַ־קלאָגען זיין ביטערען גורל..

ביז... איינינגע פון אונזערע בעסערע מענשען האָבען זיך באַטראַכט, אז עס איז שוין צייט איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך צוזאַמען נעהמען מיט אַלע כחות לעזען די פראַגע, און זעהען מיט אַלע מעגליכקייטען עפּעס צו טון אויף דעם דאַזיגען געביט.

פאַרוואָס הערט מען פון אנדערע לענדער ווי פוילען, רוסלאַנד און אמעריקאַ, אַזעלכע לעבהאַפטע גרוסען וועגען אידיש געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט, און פאַרוואָס זאָל דאָ ביי אונז עקזיסטירען אַזאַ גלייכגילטיגקייט צו אַזאַ וויכטיגער פראַגע?

מיר מוזען אַרוים אין דער עפענטליכקייט. האָב איך געהערט איינעם פון זיי זאָגען, רופען, וועקען די מאַסען, און זיי באַווייזען, אז עס איז שוין די העכסטע צייט, פאַר אונז דאָ אין לאָנדאָן צו פאַרנעהמען זיך מיט גייסטיגער און געזעלשאַפטליכער ארבייט, שוין צייט אראָפּצוואַרפען פון זיך דאס וואָכענ־דיגע, דאָס פּראָזאַאישע, און פאַרנעהמען אַזאַ פּאָזיציע ווי עס פּאַסט, פאַר בעסערע, פאַר אינטעליגענטע קרייזען... דער חוב ליגט אויף אונז. מיר טראָגען די פאַראַנטוואָרטליכקייט (האָט ער ווייטער געערדט מיט פייער) מיר דאַרפען פאַררופען פאַרזאַמלונגען, מאַכען ליטעראַרישע אבענדען, פאָרטרעגע, לעק־טשורס, א.ד.ג., אויסבילדען דעם עולם. ווען עס זאָל אפילו זיין פאַרבונדען מיט די גרעסטע שוועריגקייטען, טאָרען מיר זיך מיט אונזער אַרבייט אונזער

מיסיע ניט אָבשטעלען, נאָר געהן פאָרווערטס און איך בין זיכער עס וואָלט אונז געלונגען, צו ברענגען די ווייטשעפּעלער אידען אויף א גאָר העכער מדרגה.

שטעלט זיך פאָר, אז צו אונז קומט אַהער אַ גאַסט פון יענע לענדער פון צייט צו צייט, און ווען ער דערזעהט אונזער גייסטיגע אָרימקייט מוז עס אויף איהם מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק, ער פאָהרט אוועק אהיים, און דערצעהלט זיכער דעם אמת וועגען אונז, וועלכער איז זיכער נישט א גרויסער כבוד... ביי דער מאַסע איז עס פון א קליינער ווערדע, אבער מיר עטליכע בעסערע מענשען, טראָגען די קאָנזעקווענצען...

הכלל, איינזעהענדיג אַז זיין טענה איז אַ גערעכטע, האָט מען אין דעם בעסערען קרייז באַשלאָסען זיך צוזאַמען צו קומען א געוויסען אבענד, ביי איינעם פון די באַטרעפענדע אין הויז, אום ארומצורעדען די נויטבאַדערפטיגע ברענענדע פראַגע, און באַשליסען ווי אַזוי צו נעהמען די ערשטע שריט.

אלע די צו ועמען ליטעראַטור און אינטעליגענץ האָט אַ שייכות, זענען געווארען איינגעלאַדען צו דעם אבענד, וואס איז געוועזען פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט פאַר זיי בכלל, און פאַר דעם גאַנצען לאָנדאָנער יודענטום בפרט...

אין דעם גרויסען שפייזע זאַל, איז געוועזען ליכטיג און וואַרים, דער טיש שעהן געדעקט, מיט פאַרשידענע געטרענקע און גוטע צובייסעכץ...

און מערקווירדיג, אלע זענען געקומען, און נאָך צו דער באַשטימטער צייט...

נאָך דער פריינדליכער באגריסונג, האט מען זיך א נעהם געטון צו דעם געשמאקען „סאַפּער” וועלכען די בעל הביתטע מיט דער דינסט האָבען צו־געטראָגען. מען האָט געגעסען, געטרונקען. דערצעהלט וויצען, און אָנעקדאָטען, פון וועלכע די צוהערער, האָבען שטאַרק געלאַכט און זיך העכסט אמוזירט.

אלע האָבען באַוואונדערט די שעהנע צימערען, מיט די נייעסטע און באַ־קוועמטע איינריכטונגען, און עס איז ענטשטאַנען א פראַגע, וואָס איז פראַק־טישער, קויפען אָדער דינגען אַ הויז... עס זענען ארויסגעזאָגט געוואָרען מיינונגען, פאַר און געגען...

אָבער די רעזאָלוציע איז געוועזען, אַז פאַר דעם וואָס עס האָט געלט איז פראַקטישער צו קויפען...

עס זענען אויך ערהויבען געוואָרען פראַגען וועגען געשעפט און וועגען די לעצטע פאָליטישע געשעהענישען אין לאַנד, עס איז היים דעבאַטירט גע־וואָרען וועגען דער נייער רעגירונג, ביי וועלכער יעדער פון די אנוועזענדע האָט ארויסגעצייגט, אַ שטאַרקען אינטערעס.

די דאַמען האָבען צורעכט געמאַכט זייערע פריזירען, טואַלעטען, זיך צוגעפודערט און פאַרריכערט, רעקאָמענדירענדיג איינע די אַנדערע צו גוטע פיקטשורס...

עס איז געוואָרען שפּעטליך, און די דיסקוסיע וועגען פאַרשידענע פראַגען האָט נאָך אלץ אָנגעהאַלטען.

נאָר אום צו מאכען דעם אבענד אינטערעסאנטער, אינטימער, האט דער בעל הבית פאָרגעשטעלט זיינע צוויי טאַלאַנטפולע קינדער, וועלכע זענען זעהר באַגאַבט אין שפּילען פּיאַנאָ און פידעל, און וועלען טאקע צוליב די חשובע געסט עפּעס פאָרטראַגען. די נייעס איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פרייד, און די קינדער האבען געגעבען א לאַנג דויערענדען קאָנצערט פון די נייעסטע לידער אין זייער רעפּערטואַר.

ביז איינער פון די געסט האָט פון גרויס מידיגקייט דערלאַנגט אַ העפליכען געניץ... וועלכער איז געוואָרען אונדירעקט באַמערקט ערשט, דאַן האָט מען אַנאָנסירט אַז די קינדער מוזען געהן שלאָפען און דער קאנצערט איז צו ענדע. די קינדער זענען באַדאַנקט געוואָרען מיט אַ שטאַרקען אַפּלאָז, דער פאָטער און די מוטער זענען געוואָרען באַוואָרפען מיט קאמפּלימענטען, מיט פאָראויס־זעהענדע גרויסע קאַריערעס פאַר זיי, וועלכע האָבען די עלטערען, דערהויבען צום זיבעטען הימעל פון גליק.

מען האָט ווידער אַריינגעטראָגען וויין און בראָנפען מיט פרישע צו־בייסעכץ, דער עולם האט געגעסען, געטרונקען, צו ביסלעך, די נשמות האָבען זיך צעוואַרימט.... די אויגען צופינקעלט, אויפן האַרצען איז געוואָרען פרעה־ליך, און אַלץ אַרום האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מען איז דאָ היינט אַהער געקומען, פייערען אַ שמחה—ניט אנדערש.

אָט די גייסטרייכע שטימונג האָט אָנגעהאלטען ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאכט... און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען פאַרמאַטערט, האט מען איינגעזעהען אַז עס איז שוין צייט צו געהן. אַלע געסט האָבען זיך האַרציג געזעגענט מיט די בעלי בתים, באַדאַנקט פאַר די גוטע מאכלים, פאַר דער פריינדליכער אויפנאַמע, און אוועק אהיים שלאָפען...

# דער באָנטשע וואָס שווייגט ניט

מיין שוסטער, וועלכער הייסט „באָנטשע," איז א איד אין די מיטעלע יאָהרען, אָבער זיינע צרות, האבען אויף איהם אזוי שטארק געווירקט, אז ער זעהט שוין אויס כמעט ווי א זקן. א טיפ איז דער שוסטער מיינער, פונקט ווי דער אמת'ער וועלט־בארימטער „באנטשע" פרץ'ס, דער חלוק איז נאָר, וואָס יענער האָט געשוויגען, און מיינער רעדט... דאס הייסט אז ניט ער, נאָר זיינע צרות רעדען, פאַרזיכערט ער אייך...

קומט אריין א „קאסטאָמער" אין זיין שטיבעל, וואָס דינט פאַר אן עס־צימער, קיך, שלאָפצימער, און „ווארקשאָפ," און ברענגט א פּאָר שיך צו פאַרריכטען, בעט איהם באָנטשע גלייך זיצען, אין דעם ספּעציעלען שטול, וואָס שטעהט שוין צוגעגרייט פאַר די קאסטאמערס. קלאפּט אריין גאנץ געמיט־ליך, א טשוועקל נאָך א טשוועקל, וועלכע ער שלעפּט קינסטליך ארויס פון זיין מויל, און ביני לביני דערצעהלט ער אייך זיין לעבענס געשיכטע. און אויב איהר הערט איהם אויס מיט געדולד, און שלאָגט איהם ניט איבער מאכט ער פאַר אייך אַ גאנץ פיינעם דזשאָב.

קודם כל, לאזט אייך באָנטשע דער שוסטער וויסען, אז ער איז ברוגז אויף דער גאָרער וועלט אויף דער „גאווערנמענט" מיט זיינע פיהרער, וועלכע מאכען שווער דאָס לעבען, אויף די „פּאָליטישענס", אויף די קאמיטעטען, מיט די קאנפערענצען, וועלכע לאָזען זיך תמיד אויס מיט גאָרנישט... און ווי אזוי מען באהאנדעלט דאס ביסעל אידען, וועלכע זענען פאַרבליבען צושפּרייט אויף דער וועלט.

איך ווייס ניט ווי אנדערע, נאָר מיר קומט אויס זעהר אָפּט צו הערען זיין ביאָגראַפיע ווייל מיינע שיך האלטען זיך אין איין רייסען. צו קויפען נייע איז ניט פאַראן גענוג געלט, לייג איך א לאטע אויף א לאטע, און הער ווידער אמאָל די זעלבע געשיכטע, וועלכע ער דערצעהלט יעדעס מאל מיט פרישער באגייסטערונג, פונקט ווי ער וואָלט דאס דערצעהלט צום ערשטען מאָל.

—זייט איך בין צו מיין שכל געקומען, דערצעהלט ער—האב איך נאך ניט באגעגענט קיין איין ערלעכען מענשען, אויף דער וועלט, אלץ איז פול מיט שווינדעל, באטרוג, גניבה און גזלה...

—ווען איך בין נאך א קינד געווען, זאָגט באָנטשע, איז מיר מיין מאמע, א ליכטיגען גן־עדן זאָל זי האָבען, אפּגעשטארבען, מיין טאטע האָט לאנג ניט געוואַרט, און באלד חתונה געהאט מיט א אידענע א מרשעת, וועלכע האָט

גליַיך געזוכט פֿון מיר פּטור צו ווערען, און אז מען זוכט געפֿינט מען.

—מיט א וואָך שפּעטער האָט מיך מיַין טאַטע אוועקגעגעבען צו א שוסטער לערנען דאָס פֿאַך, האָט אָבער די מייסטראָווע אויך געוואָלט האבען א נוצען פֿון מיר, ווייל זי איז נעבעך געווען א גרויסע קבצנ׳טע מיט אכט קליינע ווערים... האָט זי מיר גליַיך געגעבען צו פֿאַרשטעהן, אז איך מוז טון אלץ, וואָס זי וועט מיר הייסען, און זי האָט געהייסען... יעדען פֿרימארגען ארויסגיסען די פּאָמוניצע, פֿארוויגען דאָס קליינע קינד, וועלכעס האט פֿון הונ־גער קיינמאל ניט געקענט איינשלאָפֿען, און געהאלטען אין איין וויינען. איך האָב אויך געמוזט ארויף טראָגען האָלץ פֿון קעלער. האָדעווען צוויי קליינע דארע הינדעלעך, וועלכע האבען זיך דעם גאנצען טאג ארומגעדרעהט אין שטיבעל און געקוואָקעט, און קיינמאל נישט געלייגט קיין איי און די בעל הבית׳טע האָט זיי געשאָלטען מיט טויטע קללות... דערפֿאַר האָב איך צו מיטאָג באקומען א שטיקעל שווארצע ברויט, מיט עטליכע קאָלטע קארטאָפֿעל וועלכע זענען פֿארבליבען פֿון נעכטען, און א היבשען טרונק וואסער... שוין רעכט פֿארנאכט ווען איך בין פֿארטיג געוואָרען מיט דער בעל הבית׳טע האָט מיך דער מייסטער צוגערופֿען, און מיר פֿארזיכערט, אז איך וועל אמאָל זיין א גוטער בעל מלאכה.... אָט אזוי האָב איך אָפּגעפֿינסטערט זיבען לאנגע יאהר, און ווען איך בין פֿון דאָרט אוועק, האב איך זעהר גוט געקענט אלץ וועגען הויז ארבייט, נאָר ניט שוסטעריי.

מיין טאַטע האָט מורא באקומען, איך זאל איהם ניט פֿאַלען צו לאַסט, האט ער מיט דער הילף פֿון מיין שטיף־מאַמע פֿאַר מיר אויסגעזוכט א כלה, אַ קיילעכדיגע יתומה, און צו אכצעהן יאהר מיך חתונה געמאַכט. פֿאַרזאָרגט האט ער מיך און מיין ווייב, מיט קעסט אין די הייזער, און א דירה אין הקדש. אָט אזוי האבען מיר זיך אפגעמוטשעט עטליכע יאהר, ביז מיין ווייב׳ס א פֿעטער, וועלכער האָט זיך צו יענער צייט געפֿונען דאָ אין לאָנדאָן, האָט אויף אונז רחמנות באקומען, און אונז אראָבגענומען אהער, און ערשט דאָ האָט זיך פֿאַר מיר אָנגעהויבען א נייע פּעקעל צרות. באלד צו מאָרגענס נאָך אונזער קומען, האָט מיך דער פֿעטער גענומען אויפֿן פֿארהער.

—ער, א ברייט ביַיניגער געזונטער אידעל, מיט א געלער באָרד, איך א קליין יונג אויסגעמוטשעט, בין געשטאנען פֿאַר איהם מיט מורא און דרך ארץ.

—„וואָס קענסטו״? איז געווען זיין ערשטע פֿראגע.

איך האָב זיך דערשראָקען פֿאַר זיין שטרענגען בליק און טאָן, בין געבלי־בען שטעהן ווי צעמישט, און אַליין ניט וויסענדיג וואָס איך זאג, האָב גע־ענטפֿערט: „קינדער פֿארוויגען, פּאָמוניצעס ארויסטראָגען, הינער האָדעווען״.

—ער האט מיך באַטראכט מיט צוויי נארישע קעלבערנע אויגען, און גע־לאכט אין דער געלער באָרד אריין.

—„איך מיין, וואָס פֿאַר א בעל מלאכה ביזטו״

—אה! דאס מיינט איהר? האָב איך זיך ערשט געכאפּט, און אנגעהויבען

פֿאַרשטעהן. איך בין א שטיקעל שוסטער, אין דער היים האָב איך געלערנט דאָס פֿאַך, אָבער דאָ בין איך אזוי גוט ווי גאַרנישט.... איהר פֿאַרשטעהט? האָב איך געפֿרעגט אין פֿאַרלעגענהייט, מיט א קורצער צייט שפעטער, בין איך געזעסען ביי אונזערן א לאַנדסמאַן, טאקע אַן אמתן שוסטער און געלערנט דאס פֿאַך, מיין ווייבעל וועלכע האט זיך קוים געהאַלטען אויף די פֿיס, פֿון שוואכקייט, איז געווארען אַ דינסט ביי איהר פֿעטער אין הויז, און דערפֿאַר האָט ער אונז געגעבען עסען, און א צימער צום שלאָפֿען.

אָבער באלד האבען זיך אָנגעהויבען פֿרישע צרות פֿאַר אונז. א יאהר נאך אונזער קומען אַהער, האָט מיך גאָט באגליקט, און מיין ווייב האָט מיר געבוירען א צווילינג, אַ יונגעל מיט א מיידעל.

דער פֿעטער מיט דער מומע זענען געוואָרען מלא רציחה אויף אונז, ערשטענס מן הסתם צוליב דעם ווייל זיי אליין האבען קיין קינדער ניט געהאט, צווייטענס האָבען זיי געהאַט א טענה, סטייטש ווי קומט עס, אז אַזעלכע קבצנים ווי מיר האבען זיך דערלויבט צו האבען קינדער. הערענדיג די פרע־טענזיעס האָבען מיר ביידע זיך געפֿיהלט ווי פֿאַרברעכער, כאָטש איך האָב ניט גענוי פֿאַרשטאַנען וואָס זיי האבען געמיינט מיט דעם...

—נאָך דער קימפעט, פֿאַרשטעהט זיך אז מיין ווייבעל האָט מעהר ניט געקענט באַדינען דעם פֿעטער מיט דער מומע, האָט מען אונז געהייסען געהן פֿון דארט. דער פֿעטער האט גע׳טענה׳ט אז ער קען ניט אויסהאַלטען קיין פֿיער דאָרמאיעדניקעס, און עס איז ענג אין דער דירה...

—מיר האָבען געפֿונען א קליין שטיבעל, און זיך אַהין אריינגעצויגען, אָבער מיט ליידיגע ווענט, נאר אזוי ווי אידען זענען דאָך בני רחמנים, האבען זיך די שכנים צוזאַמענגעלייגט, און מען האָט אונז אריינגעטראגען עטליכע נויטיגע זאַכען, און אויך א וויגעלע פֿאַר די קינדער, דאָס איז געווען אונזער גאַנץ פֿאַרמעגען.

—דער לאַנדסמאַן ביי וועמען איך האב געארבייט, האָט מיר רעמאָלט מיינע „ווײדזשעס” געהעכערט און איך האָב שוין פֿאַרדינט אויף א שטיקעל ברויט, און אויף דירה־געלד.

—ווען איך האב שוין בעסער בעקענט דאָס פֿאַך, האָב איך זיך אויס־געזוכט אַ בעסערען פלאַץ, און אָנגעהויבען פֿאַרדינען ניט שלעכט, און זיך גלייך אריינגעצויגען אין צוויי שטיבלעך.

—די קינדער זענען דעמאָלט אונטערגעוואַקסען, די אויסגאַבען זענען געוואָרען גרעסער, האב איך געאַרבייט, שווער און ביטער, געמאכט "אָווער־טיים”, און מיין ווייב האט געוואַשען פֿרעמדע וועש, כדי עס זאָל זיי ניט פֿעהלען קיין זאַך, די קינדער זענען געווארען גרעסער, און אָט האָבען מיר געהאָפֿט צו האבען א שטיקעל נחת פֿאַר אלע צרות. האָט אָבער אפנים גאָט נישט געוואָלט, און אונז געשטראָפֿט מיט פרעה׳ס מכות...

ווען די קינדער זענען אלט געווארען אכצעהן יאהר, האט אונזער טעכטערל, וועלכע איז אויסגעוואַקסען ווי א שעהנע בלום, זיך באַקענט מיט א

קריסט, זי האט זיך נישט געהיט, און פאר אונז דערצעהלט דעם אמת, מיר האבען זיך ביי איהר גענומען בעטען, זי זאל אונז ניט פארשווארצען דאס פנים, נאר זיך בעסער אויסזוכען א אידישען אנשטענדיגען באי. פון וועלכע עס איז פאראן א היבשע צאל, און מיט איהם חתונה האבען ווי עס פיהרט זיך ביי אידען, אבער זי האט דערפון ניט געוואלט הערען. און ווען די מאמע האט איהר געסטראשעט אז זי וועט זיך דאס לעבען נעהמען, אויב זי וועט דעם קריסט ניט אויפגעבען, איז זי אוועק פון דער היים, און מיר האבען מעהר פון איהר ניט געהערט. מיין ווייב איז זעהר קראנק געווארען, און זיך ניט נעקענט באדינען אליין, האב איך זי געמוזט אריינגעבען אין א אונהיילבארער היים, מיין זוהן האט זיך דאס לעבען דערעסען, איז ער אוועק נאך אמעריקא. די ערשטע צייטען פלעגט ער נאך שרייבען און אמאל שיקען א פעקעל שפייז, אמאל עטליכע דאלאר, אבער זיים די לעצטע צוויי יאהר איז ער ווי אין וואסער אריין.

איך האב געמוזט אויפגעבען יענע וואוינונג, און זיך אהער אריינגעצויגען. וואלט איך דאס שוין אויך פאר ליב גענומען, איז אבער צוליב דער ענגשאפט און פייכטקייט דא, האב איך באקומען רעוומאטיזם, וועלכע מוטשעט מיך אויס און איך קען גאנצע נעכט קיין אויג נישט פארמאכען.

יעדע נאכט ווען איך געה שלאפען, בעט איך זיך ביי גאט, ער זאל צונעמען מיין נשמה, ווארים צוליב וואס דארף איך לעבען, און זיך מוטשען, קען רען די וועלט ניט עקזיסטירען אהן מיר?

אבער אפילו, ער אין הימעל איז אויך נישט דערזעלבער ווי געווען ער האט אויך אויפגעהערט רחמנות צו האבען אויף עלענדע און קראנקע מענשען, לאזט זיי דוקא לעבען, און ווער ווייסט ווי לאנג ער וועט מיך נאך דא האלטען אויף צו להכעים...

אט אזוי ענדיגט באנטשע זיין ביאגראפיע צוזאמען מיט מיינע שיך. צום סוף טוט ער א שווערען זיפץ, א שפיי אויף איין שוך, און אויפן צווייטען, נעמט א בארשט מעשה עקספערט, פוצט זיי אויס, און דערלאנגט מיר די שיך. איך באצאהל איהם מיט דאנק, ווינש איהם צו א גוטען טאג, און באפריי דאס בענקעל פאר א צווייטען „קאסטאמער,” וועלכער וועט אודאי באלד קומען און אויסהערען באנטשען וואס שווייגט נישט...

# אייגענטלעך!...

פונקט ווי עס זענען פאַראַן טויזענד ווערטער אין אַלע לשונות מיט וועלכע מען באנוצט זיך טאָג טעגליך, מחמת אויסצודריקען מיינונגען, געפיהלען און געדאַנקען, אַנדערע פון א קלענערער, אַנדערע פון אַ גרעסערער באדייטונג, אזוי האבען מיר אויך, דעם זעלבען פאַל אין אונזער אידיש לשון.

אבער קיין איין ווארט, פון די אלע טויזענדער, איז נישט אזוי וויכטיג, און נוצליך, ווי דאָס וואָרט „אייגענטלעך" און דאָס איז דערפאַר, ווייל דאס באַטרעפענדע וואָרט טראָגט נישט קיין שום באַשטימטען כאראַטער, עס איז נישט פאַרבונדען מיט קיין שום אַנדער וואָרט, און איז דערפאַר נישט פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר דעם וואָס קומט נאכדעם...

עס איז, ווי מען זאָגט ביי אונז אידען, נישט מילכיג און נישט פליישיג... און קען דערפאַר באַנוצט ווערען אין יעדען פאַל און ביי יעדען שמועס, איבער־הויפּט, העלפט עס זעהר פיל ארויס, בשעת איהר דאַרפט האַלטען א באַגריסונגס רעדע אָדער גאָר א פאָרטראַג...

עס טרעפט זיך אָפט, ביי פאַרשידענע רעדנער, אז בשעת זיי שטעהען אויף דער פלאַטפאָרמע און רעדען, ווערען זיי נעבעך אזוי צוטומעלט, אמאָל צוליב דעם גרויסען עולם, און אַמאָל צוליב דער ניט צוגעגרייטער לעקציע, אָבער רעדען, ביז זיי פאַרגעסען וואו זיי האַלטען... און דאָס ברענגט זיי אין א גרויסער פאַרלעגענהייט, דאן שפּילט דאָס ווארט „אייגענטלעך" א גרויסע ראָלע, און קומט זעהר גוט צונוץ. און אויב דער רעדנער האָט שכל, ראַטעוועט עס איהם ארויס פון א דורכפאַל... ווייל נאך דעם וואָרט קען ער זיך דער־ליבען א ווײַלע אָפצושטעלען, זיך פאַרטראַכטען, און אפילו דאָס אונגעדולדיג־סטע פובליקום וועט אויף איהם קיין פאַריבעל נישט האָבען... עס גיט איהם אויך אַ מעגליכקייט, זיך אפצורוהען, אפציהען דעם אטהעם, און זיך דערמאָנען דעם איבריגען טייל פון זיין רעדע...

אין פאַל אייך קומט אוים אמאָל צו דיסקוטירען מיט אייערען אַ פריינד, צו אפילו מיט א שונא, און אויב די דיסקוסיע נעמט אָן א שטאַרקען כאַראַק־טער פון אויסדרוק, און איהר ווילט אויסמיידען א קאנפליקט, איז אויך זעהר פּראַקטיש און ווינשענסווערט, זיך צו באנוצען מיט דעם וויכטיגען וואָרט, אזוי אַז ווען איהר ווילט למשל זאגען צו אייער געגנער ענטשולדיגט: פריינד, איהר ווייסט נישט וואָס איהר רעדט... אָבער גלאַט אזוי, מאַכען די באמערקונג, וועט עס קלינגען ווי אן אטאקע, און עס קען זיך נאך ענדיגען מיט א צוזאַמענשטויס. ווען איהר וועט אבער אָנפאַנגען אייער מיינונג מיט

דעם וואָרט „אייגענטלעך" און דאָס אויסציהען מיט אַ גמרא ניגון, וועט אייער ענטפֿער באַקומען אַן אַנדערע באַדייטונג, און ווען אייער דיסקוטאַנט זאָל אַפילו זיין פֿון די גרעסטע היץ־קעפּ, זשוליקעס און נישט טאָלעראַנטע פּאַרטיי מענשען, וועט ער אייך רעספּעקטירען אויפֿן בעסטען אופֿן...

אפילו דאַן, ווען מען קומט צו אייך מאַהנען אַ חוב, און איהר זייט נישט אין דער לאַגע אין דער היינטיגער שלעכטער צייט צו באַצאָהלען, ווייל אנשטאָט די צוואַנציג פֿונט אַ וואָך, וועלכע איהר האָט ביז איצט פֿאַרדינט, פֿאַרדינט איהר איצט נישט מעהר ווי טרויעריגע אכצעהן... פֿאַרשטעהט זיך אַז דאָס מאַכט אַ גרויסען אונטערשיד. אייך איז ביטער אויפֿן האַרצען... מוזט איהר אָבער זיין זעהר פֿאָרזיכטיג, און נישט אַ זאָג טאָן צו איהם, אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַז איהר האָט נישט קיין געלט, ווייל די קאָנזעקווענצען פֿון אַזאַ ענטפֿער, וועלען זיכער נישט זיין קיין גינסטיגע. אָבער, ווען איהר וועט זיך אין דעם פֿאַל אויך באַנוצען מיט דעם וואָרט „אייגענטלעך" וועט עס אייך פֿיל אַרויסהעלפֿען. זאָגט אַזוי:

„אייגענטלעך, ליבער פֿריינד, האָב איך פֿאַר אייך קיין געלט נישט היינט."

דאַן וועט איהר האָבען די מעגליכקייט זיך צו איבערצייגען, אַז ווי שלעכט יענער מענש זאָל נישט זיין, און ווי ער זאָל קיין האַרץ נישט האָבען, וועט אייער איידעלער אויסדרוק אויף איהם מאַכען אַ גוטען איינדרוק, און ער וועט אויף אייך נישט ברוגז ווערען... אדרבה, ער וועט זיך מיט אייך פֿריינד־ליך געזעגענען, אייך צו ווינשען „אַ גוטען טאָג"—און געהן אַהיים.

דאַכט זיך נישט מעהר, ווי איין איינפֿאַך וואָרט, אַ פשוט וואָרט, און דאָך האָט'עס אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף מענשען, אין יעדען הינזיכט.

אויך אפילו דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ שידוך, האָט עס אַ גרויסע באַדייטונג, אויב מען באַנוצט זיך דערמיט אין צייט...

ווען צום ביישפּיל אייער טאָכטער, געהט אויס מיט אַ בּאָי, און טראַץ דעם וואָס זי האָט קיין נדן נישט, געפֿעלט אייך נישט דער יונגערמאַן, זאָלט איהר חלילה נישט אַ זאָג טאָן, אַזוי פּראָסט און ספּאָנטאַן: „טאָכטער, מיר געפֿעלט נישט דער בחור, איך וויל איהם נישט!"—דאָס וועט דאָס מיידעל שטאַרק פֿאַרדריסען, זי וועט האַלטען פֿאַר אַ חוצפה פֿון אייך, צו מישען זיך אין איהרע אַנגעלעגענהייטען און זי וועט זיכער, אויף צו להכעיס, אוועק מיט איהם צום רעגיסטראַר און חתונה האָבען מיט איהר באַשערטען אָהן אייער וויסען. דאָס וועט אייך און אייער פֿאַמיליע פֿאַרשאַפֿען האַרץ וועהטאָג, אָבער עס וועט זיין פֿאַרפֿאַלען. איהר קענט דאָס אָבער פֿאַרמיידען, ווען איהר וועט צו איהר זאָגען אַזוי: „טאָכטער מיינע, „אייגענטליך" געפֿעלט מיר נישט דער שידוך, און איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אויסגעהן מיט דעם בחור"...

אָט דאָס קען איך אייך פֿאַרזיכערען, וועט אויף איהר מאַכען דעם געוואונשטען איינדרוק, עס וועט ווירקען צום גוטען, און זי, אייער טאָכטער, וועט איינזעהן אַז איהר האָט רעכט, און וועט אייך זיכער פֿאָלגען...

נאך א מעגליכקייט האָב איך געהאט זיך צו איבערצייגען, ווי וויכטיג דאס ווארט איז, און וויפיל נוצען עס ברענגט אויף אלע געביטען. אין דעם פאל האט עס געשלאָסען שלום צווישען צוויי קריגערישע צדדים. עס זענען צו מיר אין הויז אריינגעקומען צוויי פון מיינע פריינד, א מאן מיט א ווייב, און זיי האָבען פארלאנגט איך זאָל זיי אויסהערען, און זאָגען ווער פון זיי האָט רעכט, זי אָדער ער?

זיי האבען זיך ביידע פאר מיר געעפענט די הערצער, און געבעטען איך זאָל זיי אן עצה געבען....

דער מאַן האָט געהאט א טענה צום ווייב, הלמאי זי איז נישט קיין בעל הבית'טע. ווען ער'קומט פון דער ארבייט, טרעפט ער זי נישט אין שטוב, די קינדער „פייטען זיך," די קאץ שפאצירט ארום אויפן טיש לעקט אפ די טעלער, וועלכע שטעהען נאך פון מיטאָג נישט אָפגעוואשען. אין שטוב איז קאַלט, ממש געפרוירען צו ווערען, קיין נאכט עסען איז נישט צוגעגרייט, און זי איז נישטאָ אין שטוב....

זי, ווידער, באקלאָגט זיך, אז זי ארבייט שווער, טוט אליין די גאנצע הויז ארבייט, ווערט פארשווארצט ביי איהם, און אז עס ווערט איהר קאלא־מוטנע אויפן הארצן, לאָזט זי אלעס איבער און כאפט זיך אריין אין „סינעמא" אָדער צו דער נעקסט דאַריקער שכנה, וואו עס קומען זיך צוזאמען נאך עטליכע פרויען און זיי כאפען א „גיים", סאָלאָ אדער ברידזש, אָט דאָס זאָגט זי איז'איהר איינציגער פארגעניגען, אבער זי וועט עס נישט דערלאָזען, זאגט זי, ווען זי זאל אפילו וויסען אז זי מוז זיך גט'ען מיט איהם.

דער מאן האט דאס נישט געוואָלט ליידען, האט ער איהר געענטפערט א פאָר הארבע ווערטער. א וואָרט פאר א וואָרט, און עס איז שיער געקומען צו קלעפ. דאָ האָב איך זיך שוין אריינגעמישט, און גענומען דאס וואָרט:

—הערט מיר אויס, מיינע פריינד,—האב איך געזאגט,—פון אייערע ווערטער פארשטעה איך אז איהר האָט ביידע רעכט...

—אָבער, „אייגענטלעך" פאסט נישט, פאר אָזעלכע באשיידענע, אָנ־שטענדיגע מענשען, זיך ארום צו רייסען, און מאכען לייטישע געלעכטער. פאָלגט מיך און מאכט שלום. „אייגענטלעך" דארפט איהר אריינגעהן איינער אין צווייטענס פאלאזשעניע. ביי מיר זייט איהר ביידע גערעכט, אָבער איהר דארפט זיך צוליב אָזעלכע קלייניגקייטען נישט ארומרייסען און צושטערען אייער פאמיליען לעבען.

זיי זענען ביידע גערירט געווארען ביז טרערען פון מיינע ווערטער, איבער־הויפט נאָך ווי אזוי איך האָב זיי באטאָנט, און זיך באנוצט מיט דעם פראק־טישען וואָרט, וועלכעס צוטיילט אלע ארגומענטען, און דאָס האָט געראטעוועט די סיטואציע.

צום שלום וויל איך אויך ראטען אונזערע אידישע אקטיאָרען, אז ווען זיי שטעהען אויף דער בינע, אין אן ערנסטען מאָמענט און פארגעסען זייער פראָזא, איז אנשטאָט צו באנוצען זיך מיט אייגענע ווערטער, וועלכע האבען

פֿילע מאָל קיין שייכות נישט צו דער האַנדלונג, זאָלען זיי זיך גלייך באַנוצען מיט דעם וואָרט „אייגענטלעך", נאָך דעם מאַכען א פויזע, און דאָס וועט זיי ארויסהעלפֿען, ביז זיי וועלען ווידער דערהערען דעם סופֿלאר און זיך אזוי ארום ארויסדרעהען פֿון אַ פֿארלעגענהייט. אויב זיי וועלען דאָס טאָן, וועלען זיי מיר זיכער דאנקען פֿאר דער עצה...

יעדענפֿאלס, האָף איך „אייגענטלעך", אַז מיר איז געלונגען, אין דעם ארטיקעל, אייך צו איבערצייגען, ווי נוצליך און פראקטיש דאָס וואָרט „אייגענטלעך" איז און וויפֿיל נוצען עס ברענגט אין יעדען פֿאַל...

# א חזן א פּרעסער!...

ר' שלמה דער חזן איז אַן עריִטט קלאַסיקער פּרעסער. פאַר זיינע אַ שטיקעל ארבייט, דארף מעל איהם אויסקוישען יעדען עבר, מחמת, אז ער פּרעסט אָפּ אַ מלבוש, קען מען עס שטעלען אויף דער ווינסטאווע, אזוי טענה'ן זיינע גוטע פריינד, אפילו זיינע שונאים מוזען צוגעבען, אז נאָך אזאַ פּרעסער, ווי שלמה דער חזן, איז נישטאָ אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד. איי, דאָס וואָס ער קען קיין לעבען ניט מאַכען, און עס פעהלט איהם תמיד א טאָג אין דער וואָך, איז אַ קליינינקייט, אָבער א גוטער בעל מלאכה איז ער דאָך.

אין לאָנדאָן, זאָגט ר' שלמה, דארף מען זיין א פּאַרטאַטש... ווייל אויף עפּעס רעכטס, זענען דאָ ניט פאַראַן קיין מבינים, און נישט קיין בעלנים, און ער ווייזט אייך באשיינפּערליך אויף אז ער האָט רעכט... נעמט, זאגט ער, למשל א היימישען בעל תפילה. פאַר איהם איז דאָ קיין פּלאַץ נישטאָ; אז גאָט העלפט און ער באקומט שוין יאָ אמאָל די מעגליכקייט צו דאַווענען אַ שבת, (אויף פּראָבע הייסט עס) ווערט די שוהל פול מיט אידען, בלויז מבינים, דעה-זאָגער, און אָט זיי דאַרפען באַשטימען דעם אָרימען חזנ'ס גורל. דער חזן נעבעך, וועלכער וויל געפעלען, שטעלט אָן די כלי, און טוט דאָס בעסטע דעם עולם צו געפעלען. ער שטעהט ביים עמוד און שוויצט, אַז עס איז א רחמנות אויף איהם און אז ער האָט שוין געענדיגט, און האָפט צו באקומען די שטעלע, זאגט איינער פון די מבינים, אז ער זינגט, צו הויך, און א צווייטער זאגט, אדרבה, ער זינגט גאָר צו נידריג, דערפאַר ווייל ער האט ניט קיין קול ווי אַ חזן דארף האָבען... א דריטער זאגט, אַז ער האָט ניט קיין קאָלעוואַטור (קאָלאָראַטור) דאס מיינט, אז ער דרעהט ניט גענוג, גיט דער איד בעסער צו פאַרשטהן... און ווידער אַן אלטיטשקער, וועלכער איז ביים דאַווענען איינגעשלאָפען, זאגט, אַז ער קען קיין עברי. דער סוף איז, אז מען הייסט איהם קומענדען שבת דאַווענען ווייטער...

—ווי איהר קוקט מיר אָן,—זאָגט ווייטער ר' שלמה דער פּרעסער, — בין איך ביי אונז אין שטעטעל געווען דער בעסטער חזן. די שעהנסטע בעלי־בתים האבען מיר כבוד צוגעטיילט. מיין דאַווענען האט געשמעקט, אין דער גאַנצער געגענד אידען וואָס זענען געקומען אין דער שוהל וואו איך בין געווען אָנגעשטעלט,—האָט מען אין אַ פּראָסטען שבת, ניט געקענט א שפּילקע צו דער ערד וואַרפען, אזוי פיל מענשען זענען מיך געקומען הערען. היינט פון יום־טובים איז דאָך שוין אָפּגערעדט, נישט איין אידענע האָט אָוועקגע'חלש'ט ביי מיין כל־נדרי זאָגען, און ווען נישט די ווינסטע מלחמה וואָלט איך זיכער מיר

אויסגעלעבט מיינע יאָהרען דאָרט, בכבוד גדול. ווען דער עולם האָט אָנגעהוי־בען זיך צו צולויפען פון די היימישע שטעטלעך, האָבען מיך מיינע לאנדסלייט אריבערגענומען אהער, און א דאנק זיי בין איך מיט מיינע בני בית לעבען געבליבען.

זיי האָבען מיך גלייך אריינגענומען אין זייער שוהל, און איך האָב געמיינט אז איך וועל שוין זיין פאַרזאָרגט מיט פרנסה.

אָבער ווי זאָגט מען א ווערטעל: דער מענש טראַכט און גאָט לאַכט.

די לאנדסלייט מיינע, האָבען זיך דורך די לאנגע יאהרען, וואָס זיי גע־פינען זיך דאָ, אסימילירט: מען קומט אין שוהל אין א פראַסטען שבת, אויס־געפוצט מיטן פראַק, אין צילינדער, מיט די פיינע טייערע זיידענע טליתים. די קינדער זייערע לערענט מען די תפילות אויף ענגליש, און אז עס קומט ראש השנה, יום כפור, ווערט די מענערשע שוהל אָנגעפילט מיט מיידלעך און פרויען, וועלכע קומען צו יזכור, דערנאָך צוגעהט מען זיך אהיים און שפעטער קומען זיי ווידער הערען דעם שופר. ווען איך האב זיך ארומגעקוקט איז מיר ביטער געוואָרען אויפן הארצען, אזעלכעס האב איך נאָך ניט געזעהן . . .

און איך, דער חזן פון דער אלטער'היים, שטעה ביים עמוד, איינגעהילט אין מיין היימישען וואָלענעם טלית מיטן קאַפל, און דאווען מיטן היימישען נוסח, קענט איהר זיך פאַרשטעלען דעם קאָנטראַסט. הכלל, איך האָב איינגע־זעהן, אז דער שידוך טויג נישט, און איך האב זיך אָפגעזאָגט פון דער שטעלע. זיי האבען מיין רעזיגנאַציע אנגענומען מיט צופרידענהייט, און פאַר מיר באשטימט א קליינעם געהאלט, ביז איך וועל באקומען א צווייטע שטעלע. איך האָב שפעטער פרובירט נאָך אין עטליכע שולעכלעך. אבער דאָרט זענען געווען אסך טאבאַק-שמעקער, האָבען זיי טאקע באלד דערשמעקט, אז איך טויג ניט פאַר זיי. דער סוף איז געווען אז איך, דער גוטער היימישער בעל תפילה, האָב זיך געמוזט אויסלערנען א פאַך, כדי מפרנס צו זיין מיין ווייב און קינדער. וואָלט איך געווען פון יענע חזנים, וואָס האלטען דאָס חזנות פאַר א געשעפט, די וועלכע לאָזען זיך וואקסען א בערדעל, פאַר ראש השנה און נעמען עס אראָפ באלד נאך יום כפור, וואָלט איך זיכער באקומען א פאָסטען, כאָטש אויף די ימים נוראים, אָבער אזוי ווי דאָס קען איך ניט, האָב איך אפילו דאָס שטיקעל מעגליכקייט אויך פארלוירען, און אוים. . .

איהר הערט, זאגט ווייטער ר' שלמה מיט א שמייכעל, מיט א יאָהר צוריק, מאכט זיך אזא מעשה:

ניט לאנג פאַר די יום טובים, קומט צו מיר מיינער א באַקאַנטער, און שלאָגט מיר פאָר א געשעפט.

ער וויל, זאגט ער, נעהמען א האל, מאכען דערפון א שוהל, בלויז אויף ראש השנה און יום כפור, און איך זאָל זיין דער חזן. ער איז זיכער אז מיר וועלען גוט פאַרדינען. דעם אמת געזאגט, איז מיר דער פלאן ניט שטארק גע־פעלען, אָבער אזוי ווי איך בין א איד'אָן אָרימאַן, האב איך באשלאָסען דעם פאַרשלאַג אנצונעהמען. ער איז גלייך אוועק, געדונגען א שעהנעם גרויסען זאל,

אין דער איסט־ענד, האָט אָנגעהויבען מאכען אַלע פֿאַרבערייטונגען, און איך האָב דערווייל זיך איינגע'חזר'ט די תפילות. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאכט קיינעם וועגען דעם געשעפֿט ניט צו דערצעהלען. דעם אמת געזאגט, האָב איך זיך אביסעל געשעמט, פֿאַר די וועלכע האָבען מיך געקענט, און געוואוסט מיין שטעלונג צו רעליגיע.

אבער ווען איך בין אַרויס אין ווייטשעפעל אביסעל זיך דורכגעהן, איז מיר געוואָרען פֿינסטער אין די אויגען, אויף די ווענט זענען געווען אויסגע־קלעפט גרויסע פלאַקאַטען, מיט מיין בילד, און מען שרייבט דארט צו, אז, דער וועלט בארימטער חזן, וועט דאַווענען מיט א גרויסען קווייער. . . איך האָב זיך שטארק פֿארשעמט, וועגען דעם גרויסען בלאָף, אויף מיין חשבון, איך בין טאקע אַ גוטער חזן, האָב איך געטראַכט, אָבער ניט וועלט באריכט, און פֿון קווייער האָב איך קיין באגריף נישט געהאָט.

איך בין גלייך אַוועק צו מיין באקאַנטען, און איהם אויסגעזידעלט פֿאַר דער חוצפה. סטייטש, האב איך פראָטעסטירט, ווי מעג מען זאגען אַזאַ ליגען? האָט ער מיך גוט אויסגעלאַכט, און געזאגט אז איך בין א יאָלד, און פֿארשטעה ניט קיין ביזנעס. . . ער האָט מיר אויך גלייך דערצעהלט, אז ער האָט שוין פֿארקויפֿט א גרויסע צאָהל בילעטען און מיר געוויזען אַ פעקעל פאַפיר געלט, וואָס ער האָט געקראָגען באצאָהלט.

נו, האָב איך איינגעזעהן, אַז מיין פראָטעסט וועט גאָרנישט העלפֿען און איך וועל שוין מוזען די זאַך אדורכפֿיהרען.

איין וואָך פֿאַר יום טוב, האָט ער מיר געבראַכט דעם קווייער.... איך זאָל מיט זיי איינשטודירען די זאכען.

איך האָב באַטראַכט מיינע משוררים, און עס איז מיר ביטער געווארען אויפֿן הארצען. אַ חברה צולאַזענע יונגלעך, מיט צעריסענע שיכלעך, פֿאַר־שמירטע העמדלעך, שמוציגע פנימ'לעך, און נאַסע נעזלעך. . . און מיט אָט דער געמיינדע, דארף איך, ר' שלמה דער חזן, ווערען א שליח ציבור, און אויס־בעטען א גוט יאָהר פֿאַר כלל ישראל.

אָבער, טראַכט אַהין, טראַכט אהער, עס איז פֿאַרפֿאַלען, איך מוז זיך נעהמען צו דער ארבייט. כ'האָב זיי אַלעמען אויסגעשטעלט און גענומען לער־נען. איך האָב באַלד אויסגעפֿונען, אז מיין מיה איז אומזיסט, ווייל ניט זיי האבען זיך צו מיר צוגעהערט, און ניט זיי האבען אפֿילו געקענט נאכזאָגען אַ אידיש וואָרט. דערצו אויך קיין שטימען צום זינגען. איינינע פֿון זיי האבען זיך מיטגעברענגט זייער נאכטמאָל, „פֿיש און טשיפס” און געגעסען מיט אפעטיט, בשעת איך האָב מיט זיי געלערנט.

איך האָב מיט זיי אפגעהאָרעוועט עטליכע טעג און נעכט, ווי פרעה מיט די אידען אין מצרים, אָבער עס האָט מיר נאָרניט געהאָלפֿען. זיי האָבען גענומען באשולדיגען איינער דעם צווייטען, ביז זיי האבען זיך גוט צושלאָגען. די געוואַלדען זענען געגאַנגען ביז צום הימעל, איך האָב זיי קוים צושיידט, און ווען די שכנים זענען זיך צוזאמענגעלאָפען זעהן וואָס עס קומט פֿאָר, האב

איך זיי אלע ארויסגעווארפן אין גאס. אָבער מיט דעם בין איך נאך ניט פטור געוואָרען פון זיי. די חברה'ניקעס האבען געגומען האקען אין דער טיר, און געהייסען איך זאָל זיי באצאהלען פאַר די עטליכע טעג אַרבייט. אוך איך האב געכאפט א פעקעל צרות פון זיי, ביז איך האָב זיך פון דער באנדע באַפרייט. ווען מיין באַקאַנטער איז אויף צו מארגענס געקומען געוואויר ווערען, וואָס ביי אונז איז געווען, האָב איך דערלאנגט א שפיי אויף איהם, מיט זיין גע־שעפט און אוים... אוים חזן, אוים משוררים, אוים אלעס, און א סוף. ער האָט נעבעך ניט ווילענדיג געמוזט אָפגעבען דאס געלט פאַר די בילעטען, און פאַרלירען דאס האַנט געלט פאַרן זאַל. אָבער איך בין ארוים מיט א ריינעם געוויסען.

איינזעהענדיג אַז איך וועל שוין דא אין לאָנדאָן, פון מיין חזנות קיין נחת נישט האָבען, האָב איך באַשלאָסען צו ווערען א פרעסער.

בעסער צו זיין א מזל'דיגער בעל מלאכה, איידער א שלימ'מזל'דיגער חזן, האָב איך געטראַכט.

איצט ווילען זיך די לאַנדסלייט אויף מיין חשבון, און זאָגען, אז ר' שלמה דער חזן, איז אַ גוטער פרעסער ... אָבער ווענען אַרט עס איך פאַרדין מיר מיין שטיקעל ברויט אויף אַן ערליכען אופן.

נאָר אַז עס פאַרגלוסט זיך מיר דוקא, אמאָל, צו דאַווענען פאַרן עמוד, נעהם איך אין א פראָסטען שבת צוזאמען א מנין אידען, און צוגיס זיך אזוי נשמה'דיג, מיט די היימישע אידישע תפילות, אז עס צוגעהט פשוט אין יעדען אבר, און אזוי ווי קיין געלט קאָסט עס קיינעם ניט, באַקום איך אסך יישר כח'ס נאכן דאַווענען, און אַלע געהען אהיים צופרידען. אבער ווען עס קומען די הייליגע טעג, פיל איך אז איך קען ניט איינרוהען, עס טשוכקעט אין הארצען, און עס ציהט צום ברעטעל, עס ווילט זיך זאָגען כל נדרי, דאַווענען מוסף, זאָגען דעם ונתנה תוקף דעם על תשליכינו, און אלע אַנדערע הייליגע תפילות אזוי ווי אמאָל אין דער אַלטער היים, אבער געה זאָג... אז עס איז נישטאָ קיין מזל צו באקומען אַ שטעלע אין וועלכער עס איז שוהל, אדער בית המדרש. דערפאַר אָבער געה איך ניט צו זיי, איך דאווען אין אַ שטיבעל, צווישען פרומע אידען, און בעט גאָט ער זאָל מיין תפלה דערהערען צום נייעם יאָהר, און איך זאָל געהאָלפען ווערען צו דעם וואָס מיין הארץ באגעהרט... און איך בעט אַז אלע אידען זאָלען געהאָלפען ווערען, מיט א ניי גוט יאָהר, און עס זאָל מעהר קיין צרות ניט זיין אויף דער וועלט, און אלע זאָלען האָבען א כתיבה וחתימה טובה, אמן.

# נערוועז!...

אין א געוויסען טאָג, האָב איך זיך געפיהלט זעהר מיד, אָנגעשטרענגט, און באַשלאָסען זיך ארייננצולייגען אין בעט אויף עטליכע שעה, מחמת, אויס־צורוהען מיינע שוואכע צורודערטע נערוועז.

און כדי ניט צו ווערען געשטערט, האָב איך אוועקגעשיקט מיין גאַנץ הויזגעזינט פון שטוב, און זיי אַלעמען אנגעזאגט, זיך צו זוימען וואָס לענגער. דאַן האָב איך זיך געמאכט באקוועם אין בעט, און אָנגעהויבען דרעמלען.

פלוצלונג האָט זיך אָן עפען געטאָן די טיר פון מיין שלאָפצימער, און עס איז אריינגעקומען מיין „נעקסט־דאָריקע" שכנ'טע.

דערזעהן מיך ליגענדיג אין בעט, האָט זי פארבראָכען מיט ביידע הענט און אויסגערופען זעהר סימפאטיש:

—אוי וועה איז מיר! איהר ליגט גאָר אין בעט? נו, פונקט ווי דאס הארץ האָט מיר געזאגט; איך זעה עס איז שוין אזוי שפעט און אייך זעהט מען ניט אין גאס — איז ניט אַנדערש נאָר איהר „מוזט" זיין קראַנק, און צוליב דעם בין איך טאקע ארויפגעקומען אייך זעהן.

גלייך ווי איך האָב זי דערזעהן, איז מיר שלעכט געוואָרען, ווייל איך קען זי פאַר א נודניצע. איך האָב תיכף גענומען זוכען מיטלען ווי אזוי פון איהר פטור צו ווערען.

— יא, איך פיל זיך זעהר קראנק, — האָב איך געענטפערט — דער דאקטאר האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל צו קיינעם נישט רעדען, און איך דאַרף פון קיינעם ניט ווערען געשטערט.

— יא, — מאכט זי, — עס פארשטעהט זיך, אז א מענש איז קראַנק מוז ער רוהען, ניט אנשטרענגען זיך, ווייל דאָס מאכט דעם חולה נאָך ערגער ווי ער איז—זאָגט זי ווייטער מיט רחמנות, און בשעת מעשה זיך צוגעשפארט ביי מיר אויפ'ן בעט.

— וואָס איז אייער קראַנקהייט, מיט רעספעקט צו מעלדען, מעג איך עס וויסען? — האָט זי ווייטער געפרעגט נייגעריג.

— מיינע נערוועז זענען זעהר שוואך. איך דארף וואָס מעהר שלאָפען. דאָס איז די איינציגע רפואה, האָט מיין דאָקטאָר געזאגט. — ערקלער איך איהר און איך האָב א גענעץ געטאָן, מיט דער האָפנונג, אז זי וועט זיך באלד אָפטראָגען...

— אַזוי? אויף נערוועז ליידט איהר, נעבעך? — זאגט זי מיט אויטאָ־

ריטעט, פונקט ווי איינער רעדט וועגען אן ענין אין וועלכען ער איז בא׳הבנ׳ט, דערביי מאכענדיג זיך אזוי באקוועם אויפן בעט, אז זי האט מיר שיער צודריקט מיינע פיס...

— אט דאס זעהט איהר איז דאך טאקע מיין קראנקהייט, נישט פאר אייך געדאכט... איך ליידט שוין פון איהר באלד צוואנציג יאהר. דאס איז אזא וויסטע צוטשעפעניש פון וועלכע מען קען קיינמאל נישט פטור ווערען, און אויב איהר ווילט געגוי וויסען וועגען דער קראנקהייט, טא פרעגט מיך, וועל איך אייך איבערגעבען וואס מען האט זיך אלץ אויסצושטעהן פון דעם צרה׳דיגען חולאת. ביי אייך, פארשטעה איך, פאנגט זיך עס ערשט אן, איהר זענט נאך א גרינע אין דעם פרט, מחמת איהר האט נאך נישט די ערפארונג וואס איך. אבער איך בין שוין אן אלטער קאנדידאט. איהר מעגט מיך אויס־הערען, עס וועט אייך צונוץ קומען מיין טייערע — האט זי ווייטער גערעדט, נישט אכטענדיג דערויף וואס איך האב פארווארפען מיטן קאפ און פאר־מאכט די אויגען.

— אמאל, זעצט זי פאר — האב איך זיך געפילט אביסעל בעסער, און געמיינט אז שוין בין איך געהאלפען געווארען. פלוצלונג האט עס מיך אין מיטען נאכט אויפגעוועקט, עס איז מיר געווארען אזוי שלעכט, אז איך האב געמיינט אז אט, אט שטארב איך אוועק... און אזוי ווי איך האב זיך דער־שראקען פארן טויט, האב איך אויפגעוועקט דאס גאנצע הויזגעזינד. מען האט געבראכט א דאקטאר, ער האט מיך גוט באטראכט און אויסגערופען... טרעפט וואס? ... אז מיר איז גארנישט, איך בין געזונט, זאגט ער, נאר איך האב זיך איינגערעדט א קרענק... צוגענומען עטליכע פונט און אוועק א בייזער, הלמאי מען האט געשטערט זיין שלאף. נו, האט איהר שוין אמאל געהערט אזא משוגעת פון א נארישען דאקטאר? פונדעסטוועגען האב איך אויסגעפונען, אז אינגאנצען משוגע איז ער נישט, ווייל אויף צומארגענס בין איך אויפגעשטאנען געזונט און פריש, פונקט ווי עס וואלט גארנישט פאסירט... און פון דאן אן געהט מיין ׳מאן ארום א ברוגזער אויף מיר. טאמער גיב איך אמאל א קרעכץ, בייזערט ער זיך און לויפט אוועק פון שטוב, אבער ער מיינט ניט קיין שלעכטס, אדרבה זאל איהם אנקומען וואס ער ווינשט מיר... וואס קען מען טאן, אז זיי, די מענער, ווילען נאר מען זאל שמייכלען צו זיי, היינט געה שמייכעל אז ס׳שמייכעלט זיך ניט. דערפאר זאג איך, אויב ביי אייך וועט אמאל דאס טרעפען אין מיטען נאכט דארפט איהר זיך ניט שרעקען, ווייל אין דער אמתן איז עס נישט קיין געפעהרליכע קראנקהייט, און מען שטארבט נישט דערפון, פונדעסטוועגען, מעגט איהר הערען וואס עס קען זיך טרעפען מיט א מענשען, וועלכער ליידט פון נערוועז.

און זי האט פארטגעזעצט:

— איינמאל איז מיין אלטער נישט אהיים געקומען אין צייט פון דער ארבייט; עס איז אוועק א שעה, צוויי און דריי, און ער איז נישטא, האב איך אנגעהויבען טראכטען און קלערען, וואס דאס קען זיין, איז מיר פלוצלונג איינ־

געפֿאַלען אַ געדאַנק, אז נישט אַנדערש, נאָר ער האָט געהאַט אן „עקסידענט", מ׳ען האט איהם איבערגעפֿאָהרען, ער ליגט אין האָספּיטאל א צו׳מזיק׳טער, און אָט וועט מען מיך באַלד קומען רופֿען... און איך זעה זיך שוין מיט מיינע אייגענע אויגען שטעהען ביי זיין בעט, עס פֿאַרקלעמט מיך ביים האַרצען, איך פֿאַרברעך מיט די הענט און צעוויין זיך אויפ׳ן קול פונקט ווי א קליין קינד, פֿאַלען צו מיר צו די קינדער דערשראקענע און פֿרעגען: מאַמע, וואס וויינסטו? ענטפֿער איך, קינדערלעך מיינע, אייער טאַטע ליגט אין האָספּיטאל און האַלט זעהר שלעכט . . . דערשרעקען זיך די קינדער און וויינען. גלייך מיט מיר און ס׳ווערט אין שטוב ווי יום כפור צו כל נדרי, נאָר באלד עפֿענט זיך די טיר און... מיין אַלטער קומט אריין א פֿרעהליכער, אַ ביסעלע ב׳גלופֿין, און זינגט זיך אונטער א פּאָפּולער לידעל פֿון אידישען טעאַטער, דער־צעהלט אז ער האָט אָנגעטראָפֿען אין גאַס אן אַלטען גוטען ברודער, איז מען אַריין אין שענק, גענומען צו ביסלעך און דעריבער האָט ער זיך פֿאַרזאַמט, כאַפּט מיך ארום קושען, און וויל דוקא איך זאָל מיט איהם געהן א טענצעל. . . נו, האָט איהר שוין געהערט אזאַ מין אָנשיקעניש? !. . . אז ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, אָט די נאַרישע נערווען. שוין יאהרען לאַנג געה איך אין האספּיטאל, זעה דאָרט אַ גוטען דאָקטאר, אַ ספּעציאַליסט, נעהם מעדיצין מיט פּילען, אָבער עס העלפט מיר ווי א טויטען באַנקעס. איך זאָג איהם, דעם דאקטאָר, אז איך האָב נישט קיין אַפּעטיט צום עסען, קען ניט שלאָפֿען, און וויל איהם נאך עפּעס זאָגען, הייסט ער מיר ארויסשטעקען די צונג און האַלטען אזוי לאַנג ארויסגעשטעקט ביז ער פֿאַרשרייבט די מעדיצין, וועלכע ער הייסט מיך נעהמען נאכן עסען, און די פּילען גיט ער מיר צום שלאָפֿען. זאָג איך, הער דאָקטאָר לעבען, איך האב דאָך אייך נאָר וואָס געזאגט, אז איך האָב ניט קיין אַפּעטיט און קען ניט עסען; זאָגט ער, נעהמט פֿאַרן עסען, עס איז אַלץ איינס.... דאָס מיינט, טייטש איך אויס, אז איך בין שוין א קאַנדידאַט פֿאַר יענער וועלט. נאר די פּילען צום שלאפֿען זענען יאָ גוט, וואָסזשע טוט מיין נאַרישער מאַן? אזוי ווי איך נעהם א פּיל און שלאָף איין געשמאַק, וועקט ער מיך אויף, פונקט צו דער שעה, איך זאל נעהמען נאָך איינע, אזוי ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסען... נאָר דער עיקר האָט ער מיר פֿאַרזאָגט ניט צו רעדען אַסך, ווייל דאָס איז פֿאַר מיר סם המות. נו, היט איך זיך טאַקע דערפֿון, ווי פֿון א פֿייער. אָבער מען איז דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש און א פֿרוי דערצו, רעדט מען אַמאָל עטליכע ווערטער מעהר ווי מען דאַרף. ווי זאגט איהר, האָב איך רעכט צו ניין?

איך בין געלעגען און געפֿיהלט דעם טעם פֿון טויט. זי האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, און זיך דערשראָקען. איך האָב אפּנים אויסגעזעהן פונקט אזוי ווי איך האָב געפֿיהלט האָט זי זיך אַ האַסטיגען שטעל אויף געגעבען, אזוי אז דאס גאַנצע בעט מיט מיר האָט זיך א טרייסעל געטאָן און אויסגערופֿען:

— וועה איז מיר, איך זיין שוין דאָ אזוי לאנג און איהר האָט נאָך אין

אייער מויל קיין ביסען נישט געהאַט. איך וועל אַריינגעהן אין קיך אייך מאַכען עפּעס עסען אָדער טרינקען, איהר זעהט דאָך אויס פאַרחלש'ט...

—ניין, ניין, מען דאַרף נישט,—בעט איך זיך ביי איהר,—איך וויל נאָר שלאָפען. איי ווען איך קען שלאָפען! — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און איהר צוגעוואָרפען אַ פאַראַכטעטען בליק.

— יאָ, ווען איהר וואָלט געקענט שלאָפען, וואָלט פאַר אייך זעהר גוט געווען. איך וואָלט גערן אַראָבגעלאָפען און אייך געבראַכט איינע פון מיינע פילס, אָבער איך קען אייך נישט לאָזען אליין. איך וועל שוין בעסער צוּוואַרטען ביז איינער פון אייער פאַמיליע וועט קומען און אפשר וועט גאָט העלפען, איהר וועט איינשלאָפען אָהן אַ פיל, וועט בעסער זיין. איהר מיינט אַז דאס איינ־נעהמען איז אַזוי גוט? עס פאַר'סמ'ט דאס הארץ און מען קען חלילה שטאַרבען פון אַ האַרץ־שלאַג...

מיך באַגיסט אַ קאַלטער שוויים און איך פיל אַז אויב זי געהט נישט אַרויס פון שטוב, וועל איך צוזאַמענברעכען... נעהם איך זיך ביי איהר בעטען אַז זי זאָל געהן אהיים, און איך פאַרזיכער איהר, אַז איך קען בלייבען אליין, איך וועל זיין „אָלרייט," אָבער זי וויל דערפון נישט הערען, און טענה'ט ווייטער:

— וואָס הייסט איך וועל אייך לאָזען אליין? נו, וואו איז יושר און רחמנות? איין מענש מוז העלפען דעם צווייטען ווען ער איז אין נויט, מען זאָגט אַז נאָר דאַן דערקענט מען אַן אמתן פריינד. איך האָף אַז פון היינט און ווייטער, וועט איהר שוין וויסען ווער עס איז אייך אַ פריינד... איך וועל דאָ ביי אייך זיצען אפילו אַ גאַנצע נאַכט, אויב מען וועט דאַרפען...—האָט זי מיר פאַרזיכערט.

איך האָב זיך אויפגעזעצט און מיט ביידע הענט זיך נעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

— וואָס קען איך טאָן פאַר אייך, טייערינקע? איך זעה אַז איהר פיהלט זיך נישט גוט, — האַט זי זיך ביי מיר געבעטען.

— „מיסעס," — האָב איך אויסגעשריגען מיט מיינע לעצטע כחות, נאָך דעם ווי מיין געדולד האָט געפּלאַצט. — „מיסעס," טוט מיר אַ טובה און געהט אהיים, לאָזט מיך צורוה, מיר איז גאַרנישט, איהר הערט? געהט אייך פון דאַנען וואָס גיכער...

—איי, דאס רעדען שוין נעבעך אייערע קראַנקע נערוועז, — האַט זי מיט גרויס רחמנות מיר געטרייסט, — אייך דוכט זיך נאָר אַז עס איז אייך גאָר־נישט. אין דער אמתן זענט איהר געפעהרליך קראַנק, מיין ליבע, איין גאָט זאָל אייך העלפען! שפּאַרט זיך צו און ליגט רוהיג, וועט עס אפשר איבערגעהן, און אַז אייך וועט בעסער ווערען, וועל איך אייך מיטנעהמען צו מיר אין האָס־פּיטאַל; דאָרט וועט איהר זעהן אַ גוטען נערוועז ספּעציאַליסט.

אָט דאָ האָב איך זיך שוין לענגער נישט געקענט באַהערשען. ווי אַ

ווילדע חיה בין איך ארויס פֿון בעט, געכאפּט דעם פּייער־אייזען, און אויסגע-שריגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע:

„מיסעס," אויב איהר געהט נישט ארויס פֿון דאַנען שפּאַלט איך אייך דעם קאָפּ!

זי האָט זיך שטארק דערשראקען, געעפֿענט די טיר און אויסגערופֿען מיט א ווילדען קול:

—געוואלד, מענשען, קומט ארויף, זי איז נעבעך משוגע געוואָרען!

מיט די ווערטער איז זי שנעל אראָפּ פֿון די טרעפּ. איך האָב זיך מיט מיינע לעצטע קרעפֿטען צוריק אריינגעשלעפּט אין בעט, און אויף אן אמתן אָפּגעלעגען צוויי וואָכען קראַנק...

# דער סופּרייז...

אַ צופֿרידענער איז דזשעק יענעם פֿרימאָרגען אויפֿגעשטאַנען, זיך ארומגעוואַשען, אָפּראַזירט, אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ, צו הערען די לעצטע נייעס, וואָס עס קומט פֿאָר אויף דער וועלט. ער האָט זיך צוגעגרייט דעם פֿרישטיק, אָפּגעקאָכט דאָס „רעשענד" איי, וועלכע זיין ווייב האָט פֿאַר איהם באַקומען, צום ערשטען מאָל זייט פֿיער וואָכען, און זיך געזעצט צום טיש מיט גרויס אַפּעטיט... אָבער גלייך ביים עפֿענען דאָס איי האָט ער זיין אַפּעטיט פֿאַרלוירען, ווייל עס איז געווען אַזוי פֿריש, אַז ער האָט עס איבערגעבעטען מחילה, און מיט כעס אַרויסגעשליידערט אין מיסט קאַסטען... דאַן האָט ער אפּגעגעסען עטליכע שטיקלעך ברויט מיט מאַרגאַרין, פֿאַרטרונקען מיט אַ טעפּעל קאַווע, און זיך פֿאַרטיג געמאַכט צו געהן צו דער אַרבייט, אויף דעם נייעם דזשאָב, וועלכען ער האָט נאָך עטליכע חדשים זוכען קוים געפֿונען, דאַן האָט ער ארויפֿגעטראָגען זיין ווייבעל אַ טעפּעל טיי אין „בעדרום," אַ קוש געטאָן דער „בייבי" און ארויס פֿון שטוב.

דאָס וועטער אין דרויסען איז געווען אַזוי קאַלט און פֿראָסטיג, אַז עס האָט פּשוט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. דזשעק האָט זיך פֿעסטער איינגעטוליעט אין זיין מאַנטעל, און גענומען געהן מיט פֿעסטע טריט.

אַ מאַן האָט איהם אפּגעשטעלט מיט אַ ברייטען „האַלאָו דזשעק," ער איז געשטאַנען און באַטראַכט דעם מאַן מיט פֿאַרשענדע בליקען.

וואָס־זשע, דו דערקענסט מיך נישט. דזשעק, מיך, דיין אַמאָליגען בעסטען חבר סיימאָן? האָט יענער געפֿרעגט. יעס, דו ביזט עס טאַקע, מיין פֿריינד סיימאָן, האָט דזשעק געענטפֿערט אין פֿאַרלעגענהייט, ווערסט מיר מוחל זיין, דו האָסט זיך אַזוי פֿאַרענדערט אין די לעצטע עטליכע יאָהר, זייט איך האָב דיך נישט געזעהן, אַז עס איז דיך שווער צו דערקענען, אָבער איך בין זעהר צופֿרידען, וואס מיר האבען זיך געטראָפֿען. זאָג מיר וואס מאַכסטו? ווי געהט עס דיר? אָבער סיימאָן האָט נישט געענטפֿערט, און ווען דזשעק האָט זיין חבר בעסער אָבזערווירט, האָט ער נישט בעדאַרפֿט וואַרטען אויף קיין ענטפֿער וואָס מיט איהם איז פֿאָרגעקומען, אונטער דער צייט וואָס זיי האָבען זיך נישט געזעהן.

דזשעק האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער, און אויסגעפֿונען אַז ער האָט נאָך אביסעל צייט, האָט ער פֿאַרבעטען זיין פֿריינד, אין אַ דערבייאיגען טייפּלאַץ, צו האבען מיט איהם אַ קאַפֿע, און צו דערוועלבער צייט אויסגעפֿינען

וואָס מיט איהם איז פֿאָרגעקומען, אונטער דער צייט וואָס זיי האָבען זיך נישט געזעהן.

זיצענדיג ביים טישעל, האט דזשעק געהאט די מעגליכקייט סיימאָנען בעסער צו באַטראַכטען, ער האט אויסגעזעהן זעהר שלעכט און נידערשלאַגען, און פֿיל עלטער פֿון זיינע יאָהרען, א מאָדנער רחמנות געפֿיהל האָט איהם ארום גענומען און ער האָט אין גדאַנק גלייך באַשלאָסען אז ער מוז איהם העלפֿען. זאָג מיר סיימאָן, וואָס איז מיט דיר געשעהן זייט מיר האבען זיך געזעהן צום לעצטען מאָל, און וואָס טוסטו? ווי לעבט זיך דיר?

פֿרעג נישט דזשעק, דו וועקסט אין מיר אויף וואונדען, וועלכע הויבען זיך נאָר וואָס אָן צו פֿארהיילען, דאָך וועל איך דיר אין קורצען איבערגעבען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, און דאס איבעריגע וועסטו שוין אליין פֿארשטעהן, האָט סיימאָן אָנגעפֿאַנגען.

ווען מיר האָבען זיך צום לעצטען מאל געזעהן, איז געווען אין יאָהר ניינצעהן דריי און פֿערציג. דאן בין איך געווען א סאָלדאַט, דאס געדענקסטו דאָך מן הסתם, אין יענער צייט האָב איך זיך באקענט מיט א מיידעל אין וועלכער איך האָב זיך שטארק פֿארליבט, דער צופֿאַל האָט מיך גליקליך געמאכט. און געגעבען האָפֿנונג אויף א גוטער צוקונפֿט, ווען איך וועל באַפֿרייט ווערען פֿון מיליטער, האָב איך, ווי יעדער יונגער מאַן, פֿאנטאזירט פֿון א שעהן און גליקליך פֿאמיליען לעבען.

מען האָט מיר אינפֿארמירט, אז איך ווער אוועקגעשיקט נאָך אינדיע, און אויף דעם סמך האָב איך באקומען פֿיער וואָכען אורלויב, אונטער דער צייט האָב איך מיט מיין געליבטער חתונה געהאט, כדי זיך צו פֿארזיכערען מיט מיין גליק, און מיט נאָך טויזענדער אזעלכע ווי איך, בין איך אָפגעפֿאהרען צום באַשטימטען אָרט. די אַלע שוועריגקייטען וועלכע מיר איז אויסגעקומען מיט צו מאכען אין יענער צייט, זענען פֿארלייכטערט געוואָרען, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין ווייבעל וועלכע וואַרט אויף מיר מיט אונגעדולד: איין מינוט איז זי מיר נישט ארויס פֿון געדאַנק, איהרע אָפֿטע בריף זענען געווען פֿיל מיט ליבע און איבערגעבענהייט. נאָר פּלוצלונג האָט זי אויפֿגעהערט צו שרייבען, עס זענען אוועק עטליכע מאָנאַטען, איך בין געוואָרען נערוועז און יעיער אראָפּ פֿון זינען, איך האָב געשריבען, טעלעגראפֿירט, און געטון אַלעס מעגליכע אָבער קיין ענטפֿער נישט באקומען, איך האָב מיט אמאָל דערפֿיהלט אז מיין וועלט גערט אונטער, און נישט געוואוסט וואָס צו טון.

ענדליך האָט זיך די מלחמה געענדיגט, איך בין געקומען אהיים קראַנק און צובראָכען, און זיך געגויטיגט אין פֿריינדשאפֿט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז זי מיין געטרייע ווייבעל, האָט אַ צייט לאַנג געלעבט מיט א צווייטען מאָן, און ווען די מלחמה האָט זיך געהאַלטען ביים ענדיגען, איז זי מיט איהם אוועק פֿון לאָנדאָן, און קיינער ווייסט נישט וואו אהין. קענסטו דיר לייכט פֿארשטעלען ווי איך האָב געפֿיהלט, דאָס האָט אויף מיר אזוי שטארק גע־ווירקט, אז איך בין געוואָרען שלעכט און פֿאַרדאָרבען, אוים פּראָטעסט צום

לעבען, האָב איך זיך גענומען צום טרינקען, און עס איז מיר שוין אויסגעקומען מעהר ווי איינמאל איבערצונעכטיגען אין א פּאָליציי סטאַנציע. קיין געלט האָב איך נישט, ארבייטען איז מיר אונמעגליך, איך בין שוין שולדיג פאר,עטליכע חדשים דירה־געלט, און אויב איך וועל נישט באַצאָהלען, וועט מיך די בעל הבית׳טע מעהר נישט האַלטען, דאָס האָסטו אין קורצען מיין לעבענס צו־שטאַנד. דזשעק איז געוואָרען שטארק נעריהרט פון זיין פריינד׳ס לעצטע ווערטער. ער האָט אריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, ארויסגענומען א פונט און איהם דערלאַנגט.

אָבער סיימאָן האָט זיך אפּגעזאָגט און נישט געוואָלט נעהמען, ניין, דזשעק האָט ער געזאגט, איך וויל פון דיר נישט קיין געלט, איך וויים אז דו ביזט א שווערער ארבייטער און קענסט זיך נישט ערלויבען אזא לוקסוס. איך דאנק דיר יעדענפאַלס. און איצט זאָג מיר וואָס הערט זיך ביי דיר? ביזטו שוין פאַרהייראט, האָסטו פאַמיליע? און אזוי אין אַלגעמיין וואָס הערט זיך, מאכסט א לעבען? איך האָב זיך גאַרנישט וואָס צו באַקלאָגען סיימאָן, איך בין א מאָן פון א ווייבעל, און א פאָטער פון א זיס,טעכטערל, א לעבען מאך איך. איך, זעהסטו, האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגען. און איצט איידער מיר צוגעהן זיך בעט איך דיך זעהר זאָלסטו קומען צו מיר, אָט דאָ האָסטו מיין אַדרעס, (האָט ער איהם דערלאַנגט א קארטע), מיין געוויסען וועט זיך נישט באַרוהיגען ביז איך וועל דיר ארויסהעלפען מיט עפּעס, צו דערלייכטערן דיין טרויעריגע לאַגע, מיין פרוי וועלכע באַזיצט אַן איידעלע גוטע נשמה, וועט דיך ווילקאָמען, און דו וועסט ביי אונז געפינען א ווארימע היים.

איך דאנק דיר דזשעק, אבער איך זעה נישט קיינע מעגליכקייטען טראָץ דיין ווילען, מיט וואָס דו קענסט מיר העלפען. איך וועל דיר פאַרטרויען א סוד, ווי אן אמתן גוטען פריינד, וועסטו זעהן אז איך האָב יאָ א מעגליכקייט פאַר דיר עפּעס צו טאָן, ער האָט זיך נענטער צוגערוקט צו סיימאָנען, און איהם איינגערוימט אין אויער: איך האָב מיט עטליכע חדשים צוריק, געוואונען צוואַנציג פונט אויף א פערד, פון וועלכען אפילו מיין ווייבל ווייסט נישט, איך קען עס איהר נישט זאָגען, ווייל זי וויל נישט איך זאָל שפּילען אין פערד, איך האָב מורא דאָס געלט ארומצוטראָגען ביי זיך, איך זאָל עס נישט פאַרלירען, האָב איך דאָס איינגענייט אין קעשענע פון מיינעם אַן אלטען ווינטער מאנטל, וועלכען איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו טראָגען, און איהם פאַרשטופּט אין אזא ווינקעל וואו קיינער וועט איהם נישט געפינען, אָט פון דעם געלט קען איך מיר ערלויבען דיר צו העלפען מיט עטליכע פונט, איצט האָב איך מעהר קיין צייט נישט איך מוז געהן, אלזאָ פאַרגעס נישט צו קומען, דו הערסט!

זיי האָבען זיךביידע פריינדליך געזעגענט, און פאַנאַנדער געגאַנגען, סיימאָן האָט זיך א ווײַלע אָפּגעשטעלט אין גאַס, און ווידער אמאָל איבערגע־לעזען דאָס קאַרטעל, זיך פאַרטראַכט און א צופרידענעם שמייכעל געטאָן.

מיט א שעה שפּעטער האָט ער אָנגעקלונגען אין דזשעקס טיר, זיין ווייבל

האָט געעפֿענט און געפֿרעגט וואָס ער פֿאַרלאַנגט. האָט איהר אפֿשר אַלטע זאַכען צו פֿאַרקויפֿען מיסעס? האָט ער געפֿרעגט, און אראָפּגערוקט זיין הוט איבער די אויערן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן און באַשלאָסען, אַז זי וואָלט נעקענט עפּעס מאכען מיט עטליכע איבריגע שילינג.

איך וועל אַ קוק טאָן, האָט זי געענטפֿערט, און געבעטען דעם סוחר אַריין אין שטוב.

זי האָט זיך באמיהט עפּעס צו געפֿינען, און ארומגעזוכט אין יעדען ווינקעל, סיימאָן האָט זיך דערווייל ארומגעקוקט און באַטראַכט, זיין חבר׳ס היים, זיין שעהן יונג ווייבל, און עס איז איהם באַפֿאַלען אַ מאָדנע אייפֿער־זוכט...

פֿאַרוואָס קומט עס יענעם און ניט איהם? האָט ער געטראַכט. אין עטליכע מינוטען איז זי אריינגעקומען פֿון ערגעץ וואו און געהאַלטען אין האַנט אַן אַלטען ווינטער מאַנטעל...

אָט דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געפֿונען, האָט זי געזאָגט ביי סיימאָנען האָבען אַ פֿינקעל געטון די אויגען. ער האָט גענומען דעם מאַנטעל, איהם כלומרשט באַטראַכט מעשה סוחר, און געפֿרעגט, וויפֿיל ווילט איהר פֿאַר דעם אַלטען מלבוש? איך וועל אייך זאגען דעם אמת מיסטער, איך האָב נאָך קיינ־מאָל נישט פֿאַרקויפֿט קיין אַלטע זאַכען, און וויים נישט וויפֿיל דאָס האָט די ווערט, נאָר אזוי ווי איך זעה אַז איהר זייט אַן עהרליכער מענש וועל איך לאָזען דעם פּרייז צו אייך, האָט זי נאַאיוו געזאָגט. איך וועל אייך געבען אַ פֿונט, וועט איהר זיין צופֿרידען? האָט ער געפֿרעגט, און נישט ארויסגעלאָזט דעם מאַנטעל פֿון האַנד. עס האָט זיך איהר נישט געלאָזט צו גלויבען אז דאס איז אַן עהרליכער מסחר, און זי האָט געפֿרעגט דעם אידען: זייט איהר זיכער אַז איהר נאַרט זיך נישט אָב מיסטער? איהר קענט זיין זיכער אַז נישט, האָט ער געענטפֿערט, איהר דערלאַנגט דעם פֿונט, גענומען דעם מאַנטעל און מיט שנעלע טריט ארויס אין גאַס.

זי איז געבליבען שטעהן ווי אַ צעטומעלטע, עס האָט זיך איהר נישט געלאָזט צוגלויבען אַז ער האָט איהר טאַקע געגעבען אַ פֿונט פֿאַר דער אַלטער שמאַטע. זי האָט דאָס געלט ווידער אַמאָל באַטראַכט, און ווען זי איז געקומען צום באַשלוס, אַז ער האָט זי נישט גענאַרט האָט זי אַ צופֿרידענעם שמייכעל געטאָן, און באַטראַכט, וואָס פֿאַר אַ סופּרייז דזשעק וועט האָבען, ווען ער וועט זיך דערוויסען. ווי נאָר איהר מאַן האָט יענעם אָוועגט געעפֿענט די טיר, איז זי איהם אַנטקעגען געלאָפֿען מיט דער גוטער בשורה...

דזשעק, איך האָב פֿאַר דיר אַ סופּרייז, איך האָב היינט געמאַכט אַ גוט געשעפֿט, האָט זי צופֿרידען געשמייכעלט.

דו אַ געשעפֿט? האָט דזשעק געלאַכט פֿון זיין ווייבעל. יעס, איך האָב

היינט פֿארקויפֿט דיין אַלטען אָבגעטראָגענעם מאַנטעל, וואָס איז דאָרט אין ווינקעל אונטער די טרעפּ געלעגען פֿאַרשטעקט. און האָב פֿאַר איהם באַקומען אַ גאַנצען פֿונט. האָט זי איהם דאָס געלט געשטופּט צו ווייזען אַז זי זאָגט אמת...

אָבער דזשעק האָט שוין דאָס געלט נישט געזעהן, עס איז איהם געוואָרען פֿינסטער פֿאַר די אויגען, און ער איז שיער געפֿאַלען אין חלשות. גלייך ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט זיין ווייבעל איהם גענומען מוטשען, ער זאָל איהר זאָגען וואָס מיט איהם איז געשעהן. מילא מיט איהר איז ער שוין פֿאַרטיג געוואָרען, ער האָט איהר דערצעהלט אַזאַ ליגען, וועלכען זי האָט אָנגענומען פֿאַר אַן אמת... דאָס איינציגע וואָס האָט געמאַטערט זיין געוויסען איז געווען אַז ער וועט מעהר ניט קענען העלפֿען זיין בעסטען פֿריינד סיימאָן, ווי ער האָט איהם צוגעזאָגט...

# צוליב אַ ירושה.

אין אַ געוויסען קאַלטען ווינטער אבענד, זענען צוזאַמענגעקומען דריי פֿריינד, ביי אַ באַקאַנטען אין הויז, און אַזוי ווי עס האָט אין דרויסען געקאַפּעט אַ דראָבנער רעגען, האָבען זיי באַשלאָסען יענעם אבענד צו פֿאַרבלייבען אין שטוב און פֿאַרברענגען אין אַן אינטימער אַטמאָספֿערע.

קיין קאָרטען שפּילער זענען זיי נישט געווען, רעדען פֿון פּאָליטיק, האָט זיך זיי שוין דערעסען און איבערהויפּט איז געווען אַ שאָד צו צושטערען די פֿיינע שטימונג, אונטעה ווערכער זיי האָבען זיך דאַן געפֿונען: און גלאַט אַזוי זיצען האָט דאָך אויך נישט קיין זין. איז מען געפֿאַלען אויף אַ פּלאַן: מען זאָל דערצעהלען עפּיזאָדען פֿון לעבען, וועלכע זאָלען זיין אַמוזירענד און אינטערעסאַנט.

מען האָט געצויגען קניפּלעך ווער עס זאָל היינטיגען אבענד זיין דער דערצעהלער, און דער אויף ווען דער גורל איז געפֿאַלען, האָט גלייך ערקלערט, אַז ער וועט דערצעהלען אַן אינטערעסאַנטען עפּיזאָד, וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין זיין לעבען און ער וועט דאָס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסען. ער האָט זיך אויסגעהוסט, זיך געמאַכט באַקוועם אויפֿן בענקעל, און אָנגענומען אַן ערנסטע מינע. די אַנדערע פֿריינד האָבען אויפֿגעשטעלט מויל און אויערען צו הערען וואָס מיט זייער פֿריינד איז פֿאָרגעקומען, און יענער האָט אָנגעהויבן:

—ווען איך האָב זיך דערקענט מיט מיין כלה, האָט זי מיר גלייך אריינגערעכענט אין נדן אַ רייכע מומע, וועלכע האָט פֿאַר איהר צוגעגרייט אַ גרויסע ירושה. און טראָץ דעם וואָס איך האָב מיין כלה ליב געהאַט און וואָלט זי גענומען אַפֿילו אָהן נדן, איז מיר די מעשה גאָר שטאַרק געפֿעלען געוואָרען, פֿאַרשטעהט זיך, אַז מען געהט חתונה האבען, דאַרף מען זיך איינאָרדענען אַ היים, דאָס איז פֿאַרבונדען מיט גרויסע אויסגאַבען און אַז עס פֿאַלט צו אַ ירושה אַ גרויסע דערצו, איז עס זעהר ווילקאָמען. די מומע, האָט זי מיר דערצעהלט, איז שוין גאָר אַן אַלטע, זי האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, אָבער אין די יונגע יאָהרען האָט זי אָנגעפֿיהרט מיט גרויסע געשעפֿטען, געלעבט זעהר שפּאָרזאַם און אָנגעזאַמעלט פֿיל טויזענדער. אַזוי ווי מיין כלה איז געווען די איינציגע קרובה, איז, זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז דאָס אַלץ וועט איבערגעהן צו איהר. איבערהויפּט האָט די מומע איהר עטליכע מאָל געגעבען אָנצוהערען, אַז אויב זי וועט זיין גוט צו איהר, וועט זי קיין חרטה נישט האָבען...

געוואוינט האָט די מומע אין אַ פּראָווינץ שטאָט, אָבער צוליב די גרויסע הוצאות פֿלעגט זי זעהר זעלטען קומען נאָך לאָנדאָן, נאָר מיין כלה פֿלעגט זי

זעהר אָפּט באזוכען. געוואוינט האָט זי אַליין אין איין צימער, וועלכעס האָט געדינט פאר אן עס און שלאָף צימער. קיינער פלעגט צו איהר נישט אריינקומען און זי פלעגט זיך האַלטען אָפּגעזונדערט פון מענשען. זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דער איינזאמקייט, און איז געווען צופרידען מיט איהר שיקזאַל. איהר איינציגער נאָהענטער פריינד איז געווען א פערסיאנער קאַץ, וועלכע זי האָט אויפגעהאָדעוועט און שטענדיג געהאַלטען ביי זיך.

עטליכע מאָנאַטען נאָך אונזער פאַרלאָבונג האָבען מיר גענומען מאכען פאָרבערייטונגען פאר אונזער חתונה. איך בין ארומגעגאנגען מיט פרייד אין הארצען און זיך געפיהלט גליקליך. מיר האָבען געפונען צוויי צימערען, ווייל לויט יענע אומשטענדען האָבען מיר זיך נישט געקאָנט ערלויבען מעהר. מען האָט אריינגעשטעלט א טיש, עטליכע שטולען, א שפיגעל, א קאמאָד און א בעט. מיין כלה האָט איינגעקויפט אלע הויז ווירטשאַפט און געמאכט אונזער היים באקוועם ווי נאָר מעגליך.

דער דאטום פון דער חתונה איז געקומען נענטער, מיר האָבען ארויסגעשיקט איינלאדונגען צו פריינד און באקאנטע, אזוי ווי עס פיהרט זיך ביי לייטען, פארשטעהט זיך, אז מיר האָבען אויך נישט פארגעסען די רייכע מומע מיט מיין כלה׳ס גרויסע ירושה.

עטליכע טעג פאר דער חתונה האָבען מיר באקומען א טעלעגראמע פון דער מומע, אז זי קומט מאָרגען צו פאהרען, און געבעטען, מען זאָל זי אפוואר־טען ביי דער סטאנציע. צו דער באַשטימטער צייט זענען מיר ביידע אוועק צום באהן. מיר האָבען זיך שטארק דערפרעהט מיט איהר. ערשטענס, האָב איך זי קיינמאָל ניט געזעהן און צווייטענס, האָט זי אונז באַלד דערצעהלט, אז זי האָט מיט זיך געבראכט א שעהנע חתונה מתנה.

שטארק געפעלען איז זי מיר נישט, איך האָב באלד באמערקט אז זי איז א קאפריזנע אַלטע מויד, אונרוהיג און נערוועז, אָבער באלד איז מיר געקומען אויפן געדאנק די ירושה און איך האב באשלאָסען, אזוי אויך מיין כלה, צו זיין זעהר העפליך און גוט צו איהר.

ניט ווייסענדיג פארן מאָמענט וואָס מיט איהר צו טון און ווי אזוי איהר ארויסצוווייזען גענוג גאסטפריינדליכקייט, האָבען מיר זי אוועקגעפיהרט אין אונזער וואוינונג. זי האָט פשוט אָנגעקוואָלען פון נחת און זיך ניט געקענט אָפּלויבען פון די ציכטיגע צימערען.

פלוצלונג איז מיין כלה געפאַלען אויף א פלאַן, זי האָט אָנגעבאָטען די מומע, זיך דערווייל צו באנוצען מיט אונזער בעדרום. דער מומע איז דער פלאַן זעהר שטארק געפעלען; ערשטענס די זויבערקייט און צווייטענס, ווער זי זיך איינשפּאָרען האָטעל עקספענסעס. גלייך האָט זי זיך געמאכט היימיש, אויס־געפאקט איהר באגאזש, צוהאנגען די קליידער, אוועקגעלעגט איהר נאכט העמד אויף אונזער בעט און די שטעק שיך דערנעבען.

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך איהר היימישקייט גענומען אביסעל פאר־דריסען, א גאנצען לעבען האָב איך געחלום׳ט וועגען אָט די שעהנע צימערען;

זיי זענען ביי מיר געווען הייליג. יום טוב'דיג און צום סוף קומט גאר א מומע, א פרעמדע, וועלכע איך קאן ניט רעכט, און מאכט דאס אלעס אזוי פראסט און וואכענדיג. נאר גארנישט, איך האב געזעהן אז עס איז פארפאלען און איך מוז יעצט שווייגען ביז נאך דער חתונה...

פון דאן אן האב איך אנגעהויבען צעהלען די טעג. עפעס האב איך דער־פיהלט א קאנקורענטע אין דער מומע. מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז זי איז אהערגעקומען פארנעהמען מיין פלאץ... און איך האב געוואלט פון איהר וואס גיכער פטור ווערען.

ענדליך איז געקומען אונזער חתונה טאג. די חופה און די וועטשערע זענען צוגעגאנגען אויפן בעסטען אופן, די געסט האבען זיך פיין אמוזירט, די מומע האט געטאנצט א מצוה טענצל און פון גרויס פרייד האט זי איבערגע־באפט די מאס מיט עטליכע גלעזלעך בראנפען, אזוי אז דער קאפ האט זיך איהר פארדרעהט און זי האט געגומען רעדען נארישקייטען...

מיין כלה האט געהאט טויזענד חן, מיר דאכט זיך אז זי איז גאר קיינמאל אזוי שעהן ניט געווען, איך האב זי נאך מעהר ליב באקומען יענעם אבענד און געוואונט אויף דעם מאמענט צו בלייבען מיט איהר אליין, כדי איך זאל איהר קענען זאגען ווי ליב איך האב זי. מיין בליק איז געפאלען אויף די מומע און איך טראכט מיט נקמה: היינט מומעניו, וועסטו שוין ניט לעגען דיין נאכט־העמד אויף מיין בעט. היינט בין איך בעל הבית... א מצווה אויף דיר, דו נארישע בהמה וואס דו ביסט...

עס האט אנגעהויבען ווערען שפעט. די געסט האבען זיך גענומען פונאנ־דערגעהן, מען האט זיך געזעגענט, צוקושט, צוגעוואונשען. מיר האט זיך שוין אויך געוואלט געהן אהיים, מחמת איך בין געווען מיד און פארמאטערט. די פריהערדיגע נאכט האב איך מיט קיין אויג ניט פארמאכט. רוף איך אפ מיין כלה אן א זייט און פרעג ביי איהר:

— וואס וועט זיין מיט דער מומע?

— זי וועט מן הסתם געהן שלאפען אין א האטעל, זי איז דאך נישט קיין בהמה און וועט זיכער פארשטעהן,— ענטפערט מיין כלה.

בין איך צופרידען און מיר טוען זיך אן די אויבער־רעקלעך און נעהמען געהן צו אונזער דירה וועלכע איז נישט ווייט פון דעם חתונה זאל, און די מומע געהט מיט אונז גלייך. טראכט איך, זי מוז דאך געהן, זי קען דאך אין זאל נישט פארבלייבען, וועט זי זיך מיט אונז זיכער געזעגענען אין גאס און אוועקגעהן אין א האטעל.

הכלל, מיר געהען, מיר זענען שוין באלד אין דער היים און... זי געהט מיט אונז.

ס'איז שלעכט! א חוצפה'דיגע מומע, טראכט איך. מיר געהען אריין אין שטוב, זי אויך. מיר רעדען שטיל צווישען זיך, זי הערט זיך איין און ווארפט אויך אריין אווארט... מיין כלה טוט אויס די אויבערשטע קליידער, זי אויך. אלס פראטעסט טו איך זיך אויך אויס... זי מאכט זיך נישט זעהענדיג, פינקט

ווי נישט זי מיינט מען. דער זייגער שלאָגט שוין צוועלף, שוין באלד אזעק א האלבע נאכט און זי זיצט. טו איך אַ וואונק צו מיין כלה, זי זאָל אריין אין בעדרום און זיך לייגען אין בעט, אפשר וועט דאָס העלפֿען. אָבער מיין כלה ליגט שוין, און זי זיצט... ווער איך פֿארצווייפֿעלט און פֿאל אויף אַ פּלאַן, אַז ניט אַנדערש, נאָר מען מוז איהר זאָגען אָפֿענע דבורים, ווען איך זאָל אפילו וויסען צו פֿארלירען די ירושה, אויב נישט, וועט עס קיין סוף נישט נעהמען. נעהם איך זיך אָן מיט האַרץ און רוף זיך אָן צו איהר:

— מומע, שוין צייט צו געהן שלאָפֿען!

נאָר ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזען, האָט זי זיך פֿאר מיינע רייד נישט אָפּגעשראָקען. זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעשטעלט, געגעבען אַ פֿוילען געניץ און געענטפֿערט:

יאָ, דו האָסט רעכט, שוין צייט צו געהן שלאָפֿען.

...און איז אַריין אין בעדרום.

טראַכט איך: גאָט צו דאַנקען עס האָט געווירקט. זי איז זיכער אַריין אהין אָנטון דעם מאַנטעל און וועט מן הסתם באַשטעלען אַ טעקסי זי צו פֿיהרען צום האָטעל. אָבער עפּעס איז מיר נישט געפֿעלען וואָס זי זוימט זיך אַזוי לאַנג; שטעלט אייך פֿאָר מיין איבעראַשונג אַז ווען איך בין אַריין אַהין, האָב איך צו מיין שטוינען דערזעהן ווי די מומע ליגט מיט מיין כלה אין בעט...

עס האָט מיך פֿארקלעמטביים האַרצען, פֿון גרויס פֿאַרדרוס האָב איך געכאַפּט מיין מאַנטעל דערלאַנגט אַ שטאַרקען זעץ מיט דער טיר, און ארויס אין גאַס, וואו איך האָב אַרומגעוואַנדערט די גאַנצע נאַכט.

באַלד אויף צו מאָרגענס אין דער פֿריה האָבען מיר זי באַגלייט צו דער באַהן און עקספּאָרטירט אַהיים. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז זי געשטאָרבען, און ווען מען האָט געעפֿענט די צוואה האָט מען זיך דערוואוסט אַז זי האָט איהר גאַנץ פֿארמעגענס איבערגעלאָזען פֿאַר דער קאַץ...

אַלע האָבען צוגעגעבען אַז דער עפּיזאָד איז געווען זעהר אינטערעסאַנט.

# מיין פעטער אדם, און די מומע חוה!...

ווי לאַנג וועסטו נאָך שטעהן ביים שפּיגעל, שמירען דעם פּנים, דרעהען די האָר, און זיך מאַכען נאַריש, אַלטיטישקע מיינע? האָט געפרעגט מיין פּעטער אדם ביי דער מומע חוה...

טפו, צו מיינע שונאים'ס קעפּ זאָל עס אויסגעהן, האָט זי געענטפערט מיט אַן אנגעצונדענעם כעס, אויפן פּעטער'ס לעצטע באמערקונג. ניט עלטער זאָלען זוערען די, וואָס ווינשען דעם אידען שלעכטס, געהערט א מעשה? מעגסט זיך שעמען, געטרייער מאַן מיינער, צו זאָגען אַז איך בין אַן אַלטע...

וואָס־זשע, חוה לעבען, מיר ווילסטו אויך איינרעדען, אַז דו ביזט נאָך א „יאַנג־טשיקען"... איך ווייס דאָך יאָ דעם אמת. צווישען אונז זאָל עס בלייבען, אָט וועל איך דיר טאקע באַלד באַווייזען. צו דער חתונה ביזטו אַלט געווען אַן ערך פון... האָט ער אָנגעהויבען מיט א גמרא ניגון. שאַ, קיינער פרעגט ניט ביי דיר, איז איהם די מומע א בייזע, אַריינגעפאַלען אין די רייד, רעג מיך ניט אויף, גיב מיר א טשאַנס זיך אנצוטון, ווועלען מיר קענען געהן ציימליך אויף דער חתונה, אויב ניט וועלען מיר בלייבען אין דער היים, האט זי איהם געסטראשעט.

אַן אומגליק מיט די ווייבער, איז דער פּעטער אדם געוואָרען אין כעס. האַלטען זיך אין איין אָנטון און זענען שטענדיג האלב נאַקעט, האַלטען אין איין עסען און זענען שטענדיג הונגעריג, נעהמען צו די ווידזשעס ביי די מענער, און האָבען קיינמאל נישט גענוג. איי, א מאָדנע פאָלק די ווייבער. אַ קלוגער איז געווען יענער, וואָס האָט אַריינגעשטעלט דעם פּסוק, שלא עשׂני אשה... איך דאַנק דיר גאָט וואָס איך בין נישט קיין אידענע... האָט דער פּעטער זיך געוויצעלט. נו א סוף, טו אָן דאָס קלייד און לאָמיר געהן, עס ווערט שפּעט.

וואַרט א ווײַלע, זעה נאָר ווי געשווינד עס טוט זיך אָן ביי איהם. פאַרגעס נישט, אַז מען געהט צווישען מענשען און מען וויל אויסזעהן יונג און שעהן, טאָר מען זיך נישט איילען, ווייל מען קען נאָך עפּעס פאַרגעסען, האָט די מומע געזאָגט גאַנץ קאַלט, און זיך ווידער אויסגעדרעהט צום שפּיגעל.

זאָג נאָר, חוה לעבען, אפשר האָסטו דערווייַלע עפּעס עסען, דאָס האַרץ חלש'ט מיר, האָט זיך דער פּעטער געבעטען מיט רחמנות.

געה, מאַך זיך נישט נאַריש, מיר וועלען דאָך באַלד עסען א גוטען מאָלצייט, נישקשה מיר האָבען גענוג באַצאָהלט דערפאַר. טאָ פאַרוואָס זאָלען מיר טאקע ניט אָפּעסען און אָפּטרינקען פאַר אונזער געלט? האָט געזאָגט די

מומע, און אריין אין צווייטען צימער ענדיגען איהר חתונה טואלעט.

דער פֿעטער האָט זיך דערווײַלע אװעקגעזעצט לייענען א צייטונג, אָבער נאכדעם ווי עס איז אוועק נאָך א האלבע שעה, איז ער געוואָרען אונגעדולדיג, און אנגעקלאפּט אין טיר.

נו, וואָס הערט זיך, ביזט פֿארטיג? וועה איז מיר, ווי לאַנג איז דער שיער זיך צו פוצען, איך געה דאָך אויס פֿון הונגער. אוי, ווייבער, ווייבער, עס איז פשוט ניט אויסצוהאלטען פֿון אייך, בנאמנות...

באלד, באלד, האָט די מומע געענטפֿערט פֿון יענער זייט טיר, עס האָט זיך ביי מיר אָפּגעריסען א בענדל פֿון קאָרסעט, ווערסט מוזען צוווארטען א ווײַלע.

דאס האָט דעם פֿעטער שטארק דערגערווירט, און ער האָט גלייך באַשלאָסען צו נעהמען אין איהר נקמה, און ניט געהן אויף דער חתונה, אבער גלייך האָט זיך געעפֿענט די טיר, און די מומע איז אריינגעפֿאַלען אַן אַן אָטהעם פֿון דעם שטארק צוגעצויגענעם קאָרסעט, און געבעטען דעם פֿעטער ער זאָל איהר צושפּילען דעם „סוספּענדער" ווייל איהר איז שווער זיך איינצובויגען, און איהם גלייכצייטיג געוואָרענט, ער זאָל זיין פֿאָרזיכטיג מיט איהרע נייע „ניילאָנס" וואָס קאָסטען א שפּאָר ביסעל געלט.

דערזעהן זי אין דעם צושטאנד, איז דער פֿעטער געווארען אביסעל ווייכער, און אויף איהר רחמנות באקומען, דורכגעפֿיהרט איהר פֿארלאנג, און זיך ווידער גענומען בעטען ביי איהר מיט גוטען...

נו, חוה לעבען, מאַך שוין א סוף, די צייט שטעהט נישט, מיר האבען שוין באדארפֿט פֿון לאַנג דארט זיין, און ביי דיר הויבט זיך נאָך אלץ גאָר ניט אָן, האָט דער פֿעטער געזאגט מיט הארצוועהטאג.

באלד בין איך פֿארטיג, אָט טו איך אָן דאָס קלייד, און מיר וועלען באלד קענען געהן, האט די מומע איהם געענטפֿערט גומטמוטיג, און זיך טאקע גלייך אָנגעטון. נאכדעם ווי זי האָט אָנגעטון איהר צירונג, די אוירינגלעך, בראָנסלעטן, און נאָך אייניגע קלייניגקייטען, האָט זי פֿון איהר האנדבייטעל ארויסגענומען אַ פֿלעשעלע פּערפֿיומע, און זיך באַגאָסען אזוי אז עס האט פֿארשמעקט די גאַנצע שטוב, דאָס האָט דעם פֿעטער׳ס הונגער נאָך שטארקער גערייצט, און ער האָט זיך ווידער גענומען בעטען ביי איהר, אפֿשר קענסטו מיר דאָך געבען כאטש א גלעזעל טיי, איך קען שוין לענגער ניט ווארטען און פֿאַל פשוט אוועק פֿון הונגער. עפּעס א קלייניגקייט, כ׳האָב דאָך שוין פֿון נעכטען אָן אין מייך מויל נישט געהאט, ווי לאַנג איז דער שיער צו פֿאַסטען?

אָט וועל איך זיך באלד פֿארנעהמען איצט מיט מאכען דיר טיי, אנדערש ווילסטו ניט, האָט זי זיך געבייזערט, איך פֿארשטעה ניט ווי א מענש נימט זיך עס נאָך די געשמד׳טע האלדז. איך אליין וואלט אויך געקענט מאכען מיט עפּעס עסען, פֿונדעסטוועגען האלט איך זיך איין, ביז צו דעם חתונה מאלצייט. דער מענש איז דאָך ניט קיין חיה, און מען קען זיך באהערשען אז מען וויל, האָט זי געזאָגט, און זיך אָנגעטון דעם העט.

שוין ווידער א נייעם העט, האָט דער פּעטער געפּרעגט, מיט אַן איינגע־האַלטענעם כעס, כדי זיך ניט אויפצורעגען, איידער מען געהט אויף דער שמחה. גלויב מיר עס איז אַן עבירה, איצטיגע צייטען אויסצוברענגען אַזוי פּיל געלט.

די עבירה אויף מיין קאָפּ, האָט זיך די מומע געוויצעלט. דו זאָג מיר בעסער צו דער העט פּאַסט מיר אָדער ניט; האָט זי ווידער געקוקט אין שפּיגעל, צוגעפּודערט דאָס נעזעל, און צוגעגעבען: זאָג אַליין אדם, האָסטו נאָך אַמאָל געזעהן אַזאַ שעהנע חוה ווי איך בין?

קום שוין, קום, איך וועל דיר ענטפערען אַן אַנדערש מאָל, האָט דער פּעטער זיך אָנגעטון דעם אויבעררָאָק, און גענומען געהן...

איצט געה און רוף אַרויף די שכנה, זאָל זי מיך אָנקוקען און פּלאַצען..., האָט באַפוילען די מומע.

אָבער דאָס וועט דאָך צונעהמען צייט, און עס איז שוין אַזוי שפּעט, האָט ער זיך ביי איהר געבעטען.

טו ווי מען הייסט דיך! האָט זי געזאָגט אין אַ שטרענגען טאָן, פּונקט ווי אַ האַר צו זיין דינער. חוה בלייבט חוה, האָט דער פּעטער געזאגט צו זיך אַליין, און אַראָפּ די טרעפּען. באַלד האָט ער זיך אומגעקערט מיט דער שכנה פון אונטערשטען פלעט. די שכנה האָט איהר גלייך גענומען באַוואַרפען מיט קאָמפּלימענטען, ווי שעהן און יונג זי זעהט אויס. דאָס האָט מיין מומע אַ גרויסע הנאה געטון, און זי האָט די שכנה געהייסען זיצען, זיך מאַכען באַקוועם אָנגעגאָסען אַ גלעזעל בראָנפען און איהר דערלאַנגט. ביי דער געלעגענהייט האָט שוין דער פּעטער אויך געכאַפּט אַ טראָפּען, זיך ממש מחיה געווען, און אויפגעמונטערט זיין פאַרחלש׳טע נשמה, אָבער צוליב דעם קוק וואָס די מומע האָט איהם צוגעוואָרפען איז איהם דער טראָפּען געבליבען שטעהן אין האַלדז. עס האָט איהם גענומען שטיקען, און ער האָט זיך שטאַרק צוהוסט אויף אַ ווייַלע. האָסט אפשר אַ קיכל צו פאַרבייסען, האָט זיך דער פּעטער ביי איהר געבעטען.

אַ מכה, האָט זי איהם שטילערהייט געענטפערט מיט אַ פאַרביסענעם כעס. ניט פאַר מיר, פאַר איהר, האָט ער אָנגעצייגט אויף דער שכנה...

נאָך אַלע אינפאָרמאַציעס, וועלכע די שכנה האָט באַקומען פון מיין מומען, וועגען איהר קלייד, דעם העט, די שיך, וואו זי האָט דאָס אַלעס גע־קויפט, און וויפיל זי האָט באַצאָהלט פאַר יעדען אַרטיקעל, זאַכען וועלכע זי האָט אונבאַדינגט באַדאַרפט וויסען, כדי צו קענען גענוי איבערגעבען צו די אַנדערע שכנים, פון יענעם געגענד, האָט מען זיך געכאַפּט אַז עס איז שוין באמת שפּעט, און מען דאַרף געהן...

מען האָט זיך געזעגענט און צוקושט מיט דער שכנה, איהר צוגעוואונשען „פּליז גאָד" ביי איהרע קינדער, האָט מען צוגעשלאָסען די טיר און אַראָפּ אין קאָרידאָר. נאָר פּלוצלונג, ווי די מומע איז אַראָפּ דעם לעצטען טרעפּ, האָט זי דערלאַנגט אַזאַ געשריי, פּונקט ווי עס וואָלט אַן אומגליק געטראָפען.

דער פֿעטער איז געבליבן שטעהן דערשראָקען און אָהן לשון. וואָס איז חוה־לעבען, וואָס איז געשעהן, זאָג און נעהם מיר ניט ארויס די נשמה.

וועה איז מיר, האָט די מומע פֿארבראָכען די הענט, איינער פֿון מיינע נייע „ניילאָנס״ האָט ביי מיר געפּלאַצט, און איך פֿיל ווי דער רים לויפֿט ביז אַראָפּ. וואָס טוט מען?

דעם פֿעטער איז אַזש פֿינסטער געוואָרען פֿאר די אויגען. וואָס־זשע וועט זיין איצט? האָט ער געפּרעגט מיט וועהטאָג און פֿאַרדרוס. דאָס איז דערפֿאַר ווייל דו ביזט נישט געווען פֿאָרזיכטיג, האָט ער איהר פֿאָרגעוואָרפֿען.

ניין, דאס איז דיין שולד, האָט די מומע זיך גענומען וואַרפֿען אויף איהם, דאָס איז ווייל דו האָסט מיר אַזוי אומגעלומפּערט צוגעשפּילעט דעם „סוספּענ־דער״ און איהם צוגעטשעפּעט אויף א ניט ריכטיגען פּלאַץ. די מענער האָבען גאָר קיין שכל ניט, און מען קען זיך אויף זיי מיט אַזעלכע זאַכען נישט פֿאַר־לאָזען.

דער פֿעטער איז נעבעך געבליבן שטעהן אין גרויס פֿאַרלעגענהייט, און די מומע איז צוריק ארויף אין שטוב, צורעכט מאַכען דעם נייעם „ניילאָן״.

אַפּוואַרטענדיג א שפּאַר שטיקעל צייט אונטען, איז דער פֿעטער זעהר מיד געוואָרען, און זיך אַ ווײַלע אַנידערגעזעצט אויף דער שוועל, און אַנדריי־מעלט געוואָרען.

דער סוף איז געווען, אַז ווען זיי זענען ענדליך אָנגעקומען אין זאַל, איז שוין געווען נאָכ׳ן עסען, די טישען זענען געווען ריין אָפּגערוימט, און די געסט האָבען פֿרעהליך געטאַנצט צום קלאַנג פֿון דער הערליכער מוזיק.

זיי האבען זיך קאַלט באגריסט מיט די מחותנים, גענומען א גלעזעל משקה, מיט א שטיקעל איבערגעבליבענעם לעקעך ביים בופֿעט, און ווי פֿאַרשעמטע זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל. די מומע, כאָטש זי איז געווען שטאַרק הונגעריג, האָט ביי זיך אָבגעמאכט צו ליידען און שווייגען, ביז אַלץ וועט זיין אַריבער. דער פֿעטער אָבער, האָט זיין הונגער נים געקענט באהערשען, האָט ער זיך/אונבאַמערקט ארויסגעגנבעט פֿון זאַל, אריין אין אַ רעסטאָראַן, און געאָרדערט א סטייק מיט טשיפּס...

# ר׳ משה דער שניידער.

(אַ לאָנדאָנער באַלאַדע)

זיצט זיך ר׳ משה פאַרקלערט און פאַרטראַכט
און פילט ניט אפילו, אַז ס׳איז שוין באַלד נאַכט—
דאַכט זיך אַן עושר, וואָס האָט ער צו זאָרגען;
ער דאַרף דען, חלילה, זיך לייען און באָרגען?
גרויסע סאַלאָנען פאַרפוצט אזוי שעהן,
אַ קאַר מיט א שאָפער, איהר מעגט עס שוין זעהן.
די קינדער דערצויגען, געבילדעט און הויך,
אפילו א דאָקטאָר א זוהן האָט ער אויך!
די טאָכטער שפילט פיאַנאָ גאָר איינס אין דער וועלט;
אמת, זי האָט איהם געקאָסט זעהר פיל געלט.
הײנט ערשט זיין ווייבעל מיט דימענטס באַדעקט,
מיט פודער און ליפּסטיק, פערפיומען — עס שמעקט!
אַ טייערען „מינק־קאוט” געקויפט האָט ער איהר,
אזוי ווי עס פאַסט פאַר א ווייב פון אַ גביר.
שטענדיג פאַרנומען מיט קאָרטען און ספאָרט,
האָט קיינמאָל קיין צייט ניט צו רעדען א וואָרט.
באַלד דאַרף דאָ קומען איהרער א פריינד,
אויסנעהמען ערגעץ וועט ער זי היינט;
אָפּזאָגען פּאַסט ניט, ס׳איז קיין עטיקעט,
פאַר דעם קען זיין ווייבעל איהם געבען א גט.
זיצט זיך ר׳ משה גאָר איינער אליין
און נעמט זיך באַטראַכטען וואָס אמאָל איז געווען.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אמאָל, ערשט מיט עטליבע יאָהרען צוריק,
איז ער געווען א שניידער, געניייט אין פאַבריק.
זיין ווייבעל, א ווייבעל מיט לייטען צוגלייך,
געווען זיי איהם טרייער ווי איצטער אסך.
די קינדער דאַן האָבען געליבט איהם אָהן שיעור
אַ בעסערער לעבען געווען איז פריער:

דאָס איינציגע שטיבעלע ציכטיג און ריין,
זי, אזא גוטע, א ליבע געווען.
ס'האָט איהר ניט געצויגען צו רייכטום און גאָלד,
מיט איהם נאָר צוזאמען פֿארברענגען געוואָלט.
נו, איז זיך ר' משה צופֿרידען געווען,
נאָר פּלוצלונג איז איהם אַן אומגליק געשעהן...

---

א מלחמה אַ גרויסע איז אַרויס אויף דער וועלט,
האָט יעדער גענומען זיך יאָגען נאָך געלט.
אויך איהם האָט עס דעמאלט פֿארשלעפּט אין כאַאָס,
געוואָרען איז ער דאַן פֿאר זיך באַלעבאָס:
געארבייט מיט מענשען בייטאָג און ביינאכט,
ביז ער האָט א גרויסען פֿארמעגען געמאַכט.
דאַן האָט זיין ווייבעל גענומען פֿארשטעהן,
אַז לעבען ווי ביז איצט איז ניט אַזוי שעהן,
און ס'האָט ניט גענומען קיין לענגערע צייט,
האָט מען געצויגען אוועק זעהר ווייט.
געקויפֿט זיך אין ערזשווער אַן אייגענע הויז—
מען לעבט, גאָט צו דאנקען, לייטיש און גרויס.
מען לאַדענט איין געסט, מען געהט אויך צו זיי,
און דינסטען אין הויז ניט איינע נאָר צוויי.
זי איז שוין געוואָרען געבילדעט אָהן א שיעור —
רבונו־של־עולם, ווי קומט עס צו איהר?!
אַלעם פֿארשטעהט זי, מיט יעדען באַקענט,
אין „ליידיס סאָסייטי" א פּרעזידענט.
דאכט זיך זי איז קיינמאָל געווען אַזוי קלוג,
איצט רעדט זי שטענדיג פֿון פּאָליטיק.
אלץ, וואָס איז אידיש, שמעקט איהר ניט מעהר:
פֿארברענגען מיט פֿרעמדע, איז איהר באַגעהר...
אידיש טעאַטער? זאָל גאָט אויסהיטען!
פֿון דעם וואָלט זי זיכער אנטלאָפֿען אין מיטען;
און כאָטש זי פֿארשטעהט ניט די ענגלישע שפּראַך,
דאָך לויפֿט זי צו יענע אָהן צאָהלט געלט אסך.
אַזוי לעבט זיך איצטער אונזער מאדאם —
נו, זאגט מיר, איך בעט אייך, האָט דאָס א טעם?

---

ר' משה זעהט קיינמאָל קיין ווייב און קיין קינד;

מען לויפט און מען פליהט, ווי געטראָגען פון ווינט,
בלייבט ער זיך זיצען עלענד פארטראַכט
און צעהלט זיין פארמעגען פון פריה ביז ביינאכט.
„גאָטעניו, זאָגט ער, ווען דו זאָלסט מיך פרעגען,
„מוחל וואָלט איך דיר געווען דאָס פארמעגען,
„אויב דו ווילסט באווייזען מיר אמתע וואונדער,
„דאן גיב זשע צוריק מיר מיין ווייב מיט די קינדער.
„איך דארף ניט דיין רייכטום, עשירות און גליק,
„איך בעט דיך, זיי מוחל און נעהם עס צוריק!
„וואָס טויג מיר דאָס אלעס? איך דארף עס ניט! ניין!
„בעסער זאָל שוין זיין ווי אמאָל ס'איז געווען...״

# נחת פֿון דער מאַמע'ן!...

אַז עס איז באַשערט אַ מענשען אַ גליק, דאַרף מען דערצו נישט האָבען קיין שכל, קיין שעהנקייט, קיין חכמה, און קיין שום פּיצעל פֿעהיגקייט... מען דאַרף אַפּילו נישט זיין קיין מאַנספּאַרשוין נאָר אַ פּראָסטע אידענע... אַלין איינס, דאס גליק שטעלט זיך פֿאַר קיין זאַך נישט אָב, און אַז עס איז באַשערט, קומט עס גלייך אין שטוב אריין...

אָט דאָס האָב איך אויסגעפֿונען ערשט מיט עטליכע וואָכען צוריק, און איך גיב עס אייך דאָ איבער מיט אַלע פּיפּטשיקלעך...

איך קען אַ פֿרוי וועלכע האָט ביי איהר מאַן, דעם טאַטען פֿון איהרע דריי דערוואַקסענע טעכטער, געהאַט אַ פֿינסטערען מזל. (טראַץ דעם וואָס זיי האָבען גראַדע חתונה געהאַט אויס ליבע...) געאַרבייט האָט ער זעהר ווייניג, און ארומגעריסען זיך מיט איהר גאָר אסך, דעם גאַנצען טאָג פֿלעגט ער ארום געהן ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, און אויסלאָזען זיין ביטערען כעס צו איהר, זיין ווייב...

די צרות זענען געווען גרויס, די פּרנסה קליין און נישטיג, האבען די דריי טעכטער נישט געקענט צוזעהען, דער מאַמעס האַרץ־וועהטאָג, לא אליכם, און פֿון גרויס רחמנות צו איהר, האבען זיי געמאַכט יד אחת, זיך געדונגען א דירה און ארויסגעצויגען פֿון דער וויסטער היים...

האָט עס דער מאַמען נעבעך שטאַרק וועה געטון, דאָך האָט זי אויף זיי קיין פֿאַריבעל נישט געהאַט, און געטראַכט ביי זיך טיף אין האַרצען, אַז ווען זי האט נישט קיין מורא פֿאַר לייטישע מיילער, וואָלט זי אַליין אויך געטון דאָס זעלבע... ווי עס זעהט אויס, האט דער רבונו של עולם נישט געקענט צוזעהן דעם צער פֿון דער צובראָכענער און באַליידיגטער פֿרוי און מוטער, איז ער געפֿאַלען אויף אַ פּלאַן, און האָט אין אַ שעהנעם פֿריה־מאָרגען אהין אריינגע־שיקט זיין אדיוטאַנט דעם מלאך המות, און צוגענומען דעם שלים מזל פֿון דער וועלט, און אזוי אַרום באַפֿרייט די אידענע מיט איהרע דריי טעכטער פֿון אַ לאַסט...

פֿונדעסטוועגען, האָט זי, דאָס ווייב זיינס, שטאַרק געקלאָגט ביי דער לויה, און נאכגעשריגען דעם ארון, מיין טייערער מאַן וואו לאָזטו מיך איבער? ביזט דאָך געווען אַזאַ גוטער, אַזאַ געטרייער מאַן, ווי וועל איך קענען לעבען אָהן דיר? וועה איז מיר... די טעכטער האָבען גראַדע קיין איין טרעהר נישט פֿאַרגאָסען, נאָר זיי האָבען זיך אַלע אויסגעפּוצט אין שווארצען, און זיך באַ־טראַכט אין שפּיגעל אויסצוגעפֿינען אויב די קאָליר פּאַסט זיי...

די אַלטע האָט זיך אויסגעוויינט, מען איז אָבגעזעסען שבעה לויט דעם

מנהג ווי עס פֿיהרט זיך, עס זענען געקומען פֿארשידענע פֿריינד זיי מנחם אבל זיין, יעדער פֿון זיי האָט מיטגעבראַכט א פֿיין פעקעל מיט פֿארשידענע זאכען, אויף צו דערכאפּען זיך די הערצער פֿאר די אבלים... מען האָט בשעת מעשה גערעדט וועגען פֿארשידענע זאכען, און אזוי איז אוועק די צייט פֿון דער שבעה. אָבער א שטיקעל טרייסט איז זיי דאָך פֿארבליבען, און דאס איז געווען א היבשע סומע געלט, וועלכע די ווסטע אלמנה האָט באקומען טויטען בענעפֿיט, פֿון א סאָסייטי צו וועלכער ער האָט באלאנגט, די טרייע טעכטער, האָבען נישט געקענט פֿארטראָגען דער מאַמעס איינזאמקייט, און האבען זיך צוריק אריינגעצויגען אין הויז. נאך די שלושים, האט די פֿאמיליע זיך פֿארנומען מאכען פלענער פֿאר דער צוקונפֿט.

נאך א לאנגען ישוב הדעת, איז מען געקומען צום באשלוס, אז אזוי ווי א ביסעל געלט איז פֿאראן, וועט מען עפֿענען א שטיקעל רעסטאָראַנט, ערגיץ וואו אין א פאָפּולארער געגענד פֿון לאָנדאָן, און אזוי איז טאקע געווען.

פונקט האָט זיך געמאכט א געלעגענהייט, וואו איינער אַ סוחר, פֿון אזא פלאַץ, האָט באשלאָסען צו פֿאהרען נאך ישראל, (וואו עס איז יעצט די מאָדע). און האָט זיי איבערגעגעבען זיין פרנסה, און אויס רחמנות צו דער אלמנה, האָט ער ביי זיי גענומען א קליינע סומע. מיט א קורצער צייט שפעטער, האבען זיי געעפֿענט א פֿירסט-קלאַס רעפֿרעשמענט פלאַץ, מיט אלע באקוועמליכ־קייטען.

און פֿאר אונזער אלמנה, האָט זיך געעפֿענט א טיר פֿון גליק. עס האָבען אָנגעהויבען אריינקומען פֿארשידענע געסט, מייסטען טהייל מענער, אלטע, יונגע, מיטעל־יעהריגע, פֿון יעדען סאָרט, די טעכטער האבען צו יעדען פֿריינד־ליך געשמייכעלט און די פרנסה האָט זיך געבעסערט פֿון טאָג צו טאָג.

אויך זי, די אלמנה, האָט אָנגעהויבען פֿארשטעהן, אז אין אַזא געשעפֿט דארף די בעל־הבית׳טע אויסזעהן שעהן און אטראַקטיוו, מחמת צו ציהען די קאַסטאָמערס, און זי האָט זיך טאקע גלייך גענומען אין די הענט אריין.

אַוועק צום הערדרעסער, זיך געלאָזט צו פֿארבען די האָר, און מאכען אַ „פערם" נאָך דער לעצטער מאָדע, צוגעשמירט די ליפען, רויט געמאכט די נעגעל, און אָנגעטון שעהנע מאָדערנע קליידער, און שטענדיג אין זינען געהאט, אז דער אויסדרוק אויף איהר פנים, זאָל הארמאָניזירען מיט איהר האלטונג, איהר פערזענליכקייט, און טאקע דערפֿאר האָט זי שטענדיג געשמייכעלט צו יעדען קאסטאָמער. אפֿילו צו יענעם וועלכער איז אריינגעקומען בלויז האָבען א „קאָפ אָוו טהי"...

דאָס האָט דערפֿיהרט אזוי ווייט, אז זי האָט געפֿונען חן אין די אויגען פֿון אַן אלטען רייכען דזשענטעלמאַן, וועלכער פֿלעגט אָפֿט אהין אריינקומען עסען אַ מיטאָג... און מיט א קורצער צייט שפעטער האָט ער זיך גענומען שדכנ׳ען צו איהר.

איהר צוגעזאָגט אַ רייכע היים, אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, טייערע צירונג, (וואָס איז איהם מן הסתם פֿארבליבען פֿון דער ערשטער ווייב...)

פיינע קליידער, א פער קאוט, און אלץ וואס קען א פרוי גליקליך מאכען...

ווען זי האט דאס דערהערט, האט איהר א טשוכע געטון, ביי דער נשמה, און א ציפ ביים הארצען. אזא וואונדערבארע געלעגענהייט, דאך האט זי ביי זיך נישט געקענט באשליסען, און זיך אן עצה געהאלטען מיט דער עלטסטער טאכטער.

נאכדעם ווי זי האט איהר אלץ איבערגעגעבען וועגען זיין רייכטום און אלץ וואס ער האט איהר צוגעזאגט, און נאך א זאך, אזוי ווי דער אלטער האט קיין אייגענע קינדער נישט, האט ער איהר צוגעזאגט, אבצושרייבען צו פינף הונדערט פונט פאר יעדער טאכטער, און יעדען פון זיי מאכען א חתונה און א היים...

דערהערט די גוטע נייעס, האט זיך דאס מיידעל צושמאלצען פון גליק, און זיך אנגערופען:

נו, מאמע, און דו ווילסט נאך נישט? זיי נישט קיין נאר, מאמע, האסט אזא גאלדענע געלעגענהייט גליקליך צו ווערען. פאלג מיך, נעהם און האב חתונה מיט איהם, אויב נישט צוליב זיך, דארפסטו עס טון צוליב אונז, דיינע קינדער, הלואי אויף מיר געזאגט אזא גליק, האט זי זיך געוואונשען... ער איז א רייכער מאן, דו וועסט ביי איהם ווערען א ליידי, אט איצט מאמע איז געקומען דיין אמת'דיג מזל, דיין אמת'ער באשערטער, האב זשע שכל און לאז איהם פון די הענט נישט ארויס...

מיר זענען דיר חלילה נישט דאגעגען, טראכט דעם וואס מיר דארפען פריהער חתונה האבען פון דיר... נאר אפשר האט גאט אליין אויף אונז רחמנות באקומען, און צוליב דיין גליק, וועלען מיר אויך געהאלפען ווערען...

ביי די ווערטער, האט זיך די וויסטע אלמנה אביסעל פארטראכט, און נישט געקענט ענטפערען.

ער איז דאך אבער שוין אן אלטער, באלד א זיבעציגער, האט זי געזיפ־צט, און, איך בין דאך נאך אין די מיטעלע יאהרען... האט זי קוים ארויס־געזעגט אין פארלעגענהייט...

אט, מאמע, דאס זענען נארישקייטען, האט זי די טאכטער געטרייסט. דער עיקר, איז, אז ער איז א רייכער מאן, פארגעס נישט מאמע, דו מוזט האנדלען פראקטיש... און מוזט וועגען אונז, דיינע טעכטער, אויך א טראכט טון, דו דארפסט נישט זיין קיין עגאאיסטקע מאמע, דיינע קינדערס צוקונפט דארף ביי דיר שטעהן העכער ווי דיין אייגענע...

די לעצטע ווערטער זענען דער מאמען גוט אריין אין הארצען, און זי האט באשלאסען זיך מקריב צו זיין פאר איהרע קינדער...

אויף צו מארגענס, האט זי זיי אנגעזאגט די גוטע בשורה, אז זי האט איינגעשטימט צום שידוך.

די קינדער האבען די נייעס אויפגענומען מיט גרויס פרייד.

מיט עטליכע וואכען שפעטער, האט מען מיט מזל געפראוועט די חתונה. אין שטוב איז יענעם אבענד געווען ליכטיג און פרעהליך. דער טיש איז

געוועןְ געדעקט מיט אַלדאָס גוטס, מיט וויין, לעקעך, בראנפֿן און מאַראַנצען...
דער טיש איז געוועןְ באצירט מיט בלומען, און ליכט האָבען געברענט אין די זילבערנע לייכטער. דעם חתן׳ס ערשטע מתנה...

די טעכטער האָבען זיך אַלע אויסגעפּוצט אין די שעהנסטע קליידער, און אַמוזירט די געסט.

איינע האָט געשפּילט פּיאַנאָ, די צווייטע האָט געזונגען פֿרעליכע לידלעך פֿון אידישען טעאַטער, און די דריטע האָט געטאַנצט א קאָמאַריסקע אויפֿן היימישען שטייגער, ווי עס פּאַסט זיך אויף דער חתונה פֿון אַזאַ פּאָר פֿאָלק. די שטימונג איז געוועןְ ווי אויף אַן אמת׳ער שמחה...

אויבען אָן ביים טיש, זענען געזעסען די גליקליכע חתן-כלה, און ארום עטליכע אינטימע פֿריינד.

דער אַלטיטשקער האָט צופֿרידען, אָבער נאַריש געשמייכעלט, און געקוואַלען פֿון זיין יונג ווייבעל...

און זי, דאָס יונגע ווייבעל, האָט געקוקט אויף דעם גרויסען דימאַנטענעם רינג, וועלכען ער האָט איהר פּרעזענטירט, און אויך געשמייכעלט...

די קינדער האָבען דאָס באַמערקט, און געוועןְ שטאַרק צופֿרידען דערמיט וואָס זיי האָבען זי צוגערעדט צום שידוך, און ענדליך דערלעבט אַ שטיקעל נחת פֿון דער מאַמען...

# איך דאַרף אַ דירה!...

אויב איהר האָט א דירה צו פֿארלאָזען, און ווילט האבען א שטילען גוטען שכן, דאן נעהמט מיך אריין איך זאָג אייך צו, אז איהר וועט קיין חרטה ניט האָבען...

און אויב איהר ווילט דווקא א שכן אָהן קינדער, קען איך אייך פֿאר־זיכערען, אז מיינע, זענען רוחות, נישט קיין קינדער... איך וויל אויך אז איהר זאָלט וויסען, אז איך קריג זיך נישט מיט די שכנים, האב נישט קיין נעה מאשין, קיין טעלעפֿאָן, קיין פיאנאָ, קיין רעפֿרידזשערייטאָר, קיין לאנד־זשער, און קיין דינסט. איך האָדעווע נישט קיין קעץ, קיין הינט, און קיין היהנער, צו מיר קומען נישט קיין מענשען, אחוץ עטליכע פֿריינד, וועלכע ווילען זעהן וואָס ביי מיר אין שטוב קומט פֿאָר, כדי צו קענען מיך בארעדען...

ביי אונז איז שטיל, רוהיג, א מחיה, אָט אזעלכע מענשען זענען מיר שוין... און מיט די אַלע מעלות, האָב איך נישט קיין מזל צו קיין דירה, פֿון מיין לעצטען פֿלעט האָט מען מיך פשוט ארויסגעוואָרפֿען און געשעהן איז עס צוליב א קלייניגקייט וועגען וועלכען עס איז פשוט נישט ווערט איבער־צורעדען, און די קלייניגקייט איז דער ראַדיאָ...

ווילט איהר דאָך מן הסתם וויסען ווי אזוי דאס איז געשעהן, וועל איך אייך דערצעהלען:

אַזוי ווי עס האבען זיך אָנגעהויבען צוצורוקען די לאנגע, קאַלטע, פֿינס־טערע ווינטער נעכט, איז מיר געוואָרען קאַלאַמוטנע אויפֿ'ן הארצען, און טרויעריג אויף דער נשמה. די קינדער מיינע פֿלעגען באלד נאך סאפער אנטרו־נען ווערען, און איך בין געבליבען זיצען איינע אליין אין שטוב, מיט די פֿיער ווענט, עלענד ווי א שטיין, פונקט ווי איך וואָלט קיינעם נישט געהאט אויף דער וועלט. נו, האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו טהון מיט זיך, לעזען האב איך נישט געקענט מחמת איך וואָרט שוין גאַנצע זעקס מאָנאטען אויף מיינע גלעזער, וועלכע איך דאַרף קריגען אהן געלט... אויסרעדען א וואָרט איז נישטאָ מיט וועמען, פֿלעג איך אזוי זיצען אליין גאַנצע אבענדען, באטראַכטען מיין ביטערען מזל, און גיסען טייכען טרערען אויף אלע טויטע מיטגלידער פֿון מיין משפחה, ביז איך בין קראַנק געוואָרען אויף מיינע נערוועז, אויפֿגע־הערט שלאָפֿען, עסען, און געוואָרען שוואַכער אין די כחות.

איך בין אוועק צום דאקטאר, און ווען איך האָב איהם איבערגעגעבען מיין קראַנקהייט, און ער האָט זיך דערוואוסט פֿון וואנען עס נעהמט זיך, האָט ער מיר געגעבען אַן עצה, און מיר געהייסען קויפֿען א ראַדיאָ. ערשטענס, האָט

ער מיר געגעבען צו פֿארשטעהן, אז מיט א ראדיא וועל איך נישט זיין אליין אין שטוב... צווייטענס, אז איך וועל זיך צוהערען צו דער מוזיק, וועט מיר ווערען פֿרעהליכער אויפ'ן הארצען, און בעסער אויף די נערוועו...

עס איז מיר אפֿילו נישט אנגעקומען אזוי גרינג, ווייל די פֿארדינסטען זענען היינט נישט ווי אמאל, אבער וואס טוט נישט א מענש פֿאר זיין געזונד? האב איך זיך אנגעשטרענגט, צונויפֿגענומען די לעצטע פאר פֿונט און געקויפֿט א ראדיא.

די ערשטע צייטען איז טאקע'געווען א פֿארגעניגען אין שטוב און איך האב געבענשט דעם דאקטאר פֿאר זיין קלוגער עצה, ווען מיינע צוויי מזיקים זענען אין אבענד אוועק פֿון הויז, בין איך מיר געזעסען, און מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צום פראגראם. די נייעס האב איך אפֿילו נישט אזוי גוט פֿאר־שטאנען, אבער איך האב'זיך אנגעשטויסען...

דערפֿאר האב איך געהאט גרויס פֿארגעניגען פֿון די מוזיק, איבערהויפט פֿון די לידלעך, נאך צום בעסטען זענען מיר געפֿעלען די אפעראס, איך פֿלעג זיך איינהערען מיט אזוי פֿיל אינטערעס אז נישט איינמאל פֿלעג איך פֿון זיס־קייט'אנטשלאפֿען ווערען...

דערפֿאר האב איך זיך אויפֿגעכאפט, ווען איינער א זינגער האט געזונגען „אלי, אלי" און „מיין אידישע מאמע". אט ביי דעם ליד, פֿלעג איך זיך גוט אויסוויינען, עס האט מיך דערמאהנט אין מיינע קינדער יאהרען, און אין מיין אלטער מאמע'ן דארט אויף יענער זייט ים. הכלל, מיר איז געווען גוט ווי די וועלט, און מיינע נערוועו זענען שטארקער געווארען, ווי פֿון דער בעסטער מעדיצין.'

מאכט זיך אבער אן אומגליק. דארף מיין טאכטער באקומען די פֿלו, קען זי נישט געהן צו דער ארבייט, ווערט א שטוב־מענש, און פֿון דאן אן האבען זיך אנגעהויבען מיינע צרות, איך בין געווארען דעם ראדיא א דם שונא, און פֿארשעלט די יאהרען דעם, וואס האט איהם אויסגעטראכט... אזוי ווי זי האט אנגעהויבען ארום געהן אויף די פֿיס, האט זי זיך גלייך גענומען צו דער כלי, און אנגעהויבען דרעהען אויף אלע זייטען. איך האב קיין דעה נישט, איך קען רעדען פֿון היינט ביז מארגען, און זי טוט דאס איהריגע. הערט זי אמאל א שטיקעל אידישע מוזיק, איז עס ביי איהר סם המות. בעט איך זיך ביי איהר: סטייטש, לאז הערען א אידיש שטיקעל. עס צוגעהט דאך אין יעדען אבר, זאגט זי, מען דארף נישט... איך, זאגט זי, בין שוין גענוג יאהרען אין ענגלאנד, און עס איז שוין צייט דאס אידישע צו פֿארגעסען, און דרעהט ווייטער.

מיר ווערט ביטער אויפ'ן הארצען פֿון איהרע רייד, פרוביר איך איהר געבען צו פֿארשטעהן, אז אידיש איז אונזער מוטער־שפראך מיט וועלכער מיר האבען זיך נישט צו שעמען, איבערהויפט איצט, ווען מיר האבען שוין אונזער אייגען לאנד ישראל, וואוהין מיר וועלען נאך אי"ה פֿאהרען מיט גאט'ס הילף. ענטפֿערט זי, אז זי דארף נישט קיין נייע לענדער, מיט נייע שפראכען, איהר

איז גוט דאָ, זי וויל אהין נישט פֿאָהרען, און אויב איך וויל, קען איך פֿאהרען אהין אָהן איהר. און ענדיגט מיט א באַפֿעהל, איך זאָל זיך פֿאר איהר נישט זאָרגען, ווייל זי ווייסט וואָס זי האָט צו טון... דערהערט די ווערטער, בין איך געוואָרען שטארק אויפֿגעבראכט און ארויס פֿון שטוב.

ארומדרעהענדיג זיך אין גאַס, האב איך זיך פֿארטראכט וועגען דעם ענין, און אויסגעפֿונען, אז נאר נארישע מאַמעס קענען דערווארטען דרך ארץ פֿון זייערע קינדער... האב איך באשלאָסען צו שווייגען, און זיך אומגעקערט אַהיים. מיט דעם האָט זיך עס אָבער נישט געענדיגט.

קומט דער אבענד נאָך סאפּער, דרעהט זי אָן דעם ראדיאָ אויף דער סטאַנציע פֿון טאנץ מוזיק, רוקט אוועק דעם טיש און די בענקלעך, נעהמט זיך ארום מיט מיין דייוועלע דעם תכשיט, און מען געהט אוועק א טענצעל.

דערווייל האָט אָנגעהויבען ווערען שפּעט, האט די שכינה פֿון אונטען פּראָטעסטירט, אז מען לאָזט איהר מיט איהר מאַן נישט שלאָפֿען, מען שטערט איהר הייסט עס... און זי וויל עס נישט ליידען, הערט מען זי ווי דעם קאָטער, און מען טאנצט ווייטער, קלאפּט זי ארויף מיט א שטעקען און שעלט מיט טויטע קללות, קלאפּט מיין דייוועלע צוריק אראָב מיט א האמער, און מען טאנצט ווייטער, ווערט א געוואלד, א טומעל אין הויז. קומט דאָס ווייבעל ארויפֿצולויפֿען אין די פּיזשאמעס, און איהר מאַן, אין נאכט העמד, און זיי סטראַשען צו ברענגען אַ פּאָליסמאַן, זאגט מיין טאכטער, אז זי האָט נישט קיין מורא פֿאַר דעם פּאָליסמאַן, ווייל זי צאָהלט רענט, אינקאַם טעקס, פּערטשעס טעקס, אינשורענס, און זי קען דערפֿאר טוען וואָס זי וויל... און אַזוי טוט מען זיך איינער דעם צווייטען אויף צו להכעים, אלע שכנים קומען זיך צוזאמען צו לויפֿען, שרייען ליארמען, אָבער עס העלפֿט ניט.

דער ראַדיאָ שפּילט, מיינע חברה טאַנצען, און דאָס פּאָר פֿאָלק פֿון אונטען לויפֿען ארויף און אראָפּ די טרעפּען. מיר פּלאַצט די גאַל, און איך בעט ביי גאָט, עס זאָל שוין ווערען צוועלף דער זייגער, דער ראַדיאָ זאָל אויפֿהערען שפּילען, און די מלחמה זאָל זיך ענדיגען, אבער, ווי זאָגט מען א ווערטעל: גאָט פֿארלאָזט נישט, און קיין צרות פֿעהלט נישט. דאַרף מיין דייוועלע, מיט זיין שאַרף קעפּעל, אויסגעפֿינען, אז ערשט נאָך האלבער נאכט, הערט מען מוזיק פֿון דער גאַנצער וועלט, הויבט ער אָן דרעהען, אָט איז ער אין וויען, אין בערלין, אין פּאריז, און אין איין מינוט ארום איז ער שוין אין ווארשע... איך הער רעדען פּויליש, און טראַץ דעם וואָס איך האָב שוין די שפּראַך נישט געהערט פֿון לאַנגע יאָהרען, פֿארשטעה איך יעדעס וואָרט, גלייך טוט ער א פֿליה נאָך רוסלאַנד, און פֿון דאָרט הערט זיך שפּילען א פּרעהליכע קאַמאַריסקע, איז מיין דייוועלע נישט פֿון די פֿוילע אינגלעך, און כאָטש עס איז שוין באלד איינס דער זייגער, פֿארלייגט ער די דאַרע הענטלעך, פֿאַר־וואַרפֿט די פּיסלעך אויף אונטען, און לאָזט זיך אוועק טאַנצען די פּרעהליכע קאַמאַריסקע, דער שווייס באַגיסט זיין שטערען, דאָס נעזעל ווערט נאַס... אָבער איהם קימערט נישט, ער טוט זיך דאָס זייניגע. איך האָב מורא באַקומען

פֿאַר דער ווייבעל פֿון ערשטען שטאָק, און זיך קוים ביי איהם איינגעבעטען, ער זאָל פֿארמאכען דעם ראַדיאָ, און מיר זענען אוועק שלאָפֿען.
אָבער ווי עס זעהט אויס, איז מיין שכינה יענע נאַכט נישט געשלאָפֿען, זי האָט געמאכט פּלענער, ווי אזוי פֿון מיר פּטור צו ווערען, און באלד אויף צו מאָרגענס, איז זי אוועק צום לענדלארד, מיטנעהמענדיג אונטערשריפֿטען פֿון אַלע שכנים פֿון אונזער גאַס. דער לענדלאָרד האָט מיר גלייך געגעבען נאָטיס, און מיך געהייסען מופֿען, נאָר אזוי ווי איך האָב נישט געוואָלט, האָט ער מיך מיט מיינע מזיקים, מיט די בעבעכעס, און מיטען ראַדיאָ ארויסגעוואָרפֿען אין גאַס.
דערפֿאַר האָב איך באשלאָסען זיך צו ווענדען צו אייך, און זאָגען, אז אויב איהר האָט א דירה צו פֿארלאָזען, און ווילט האָבען א שטילען, גוטען און אָנשטענדיגען איינוואוינער, נעהמט מיך אריין, און איך פֿארזיכער אייך אז איהר וועט קיין חרטה נישט האָבען, אדרבה, איהר וועט זיין צופֿרידען ביז גאָר...

# זי האָט געוואונען...

זאָג מיר נאָר מענדעל, איך וויל דיך וואָס פרעגען
צום, מאן זאגט זיין ווייבעלע חיה
פאַרוואָס האָבען אנדערע, עשירות פאַרמעגען
און לעבען עס איז א מחיה.
פאַרוואָס קומט נאָר יענע, אָט די גוטע זאכען
ציהרונג אי קליידער, און אַלעס
אָט יענע די רייכע זיי לעבען און לאַכען
און מיר האָבען קינדער און דלות
דו ביזט אַ פרומער, א איד פול מיט תורה
אין שוהל זיצסט דו אָב גאַנצע וואָכען
האַלסט אין איין לויבען, דעם הייליגען בורא
און איך האָב ניט וואָס צו פאַרקאָכען.
איך זעה צו, ווי אנדערע ווייבער זיי לעבען
זיך גליקליך און זענען צופרידען
און, איך האָב נאָר צרות, ליידען און קלאָגען
און לעב ווי ביי פרעה'ן, די אידען
און אונזערע קינדער, וואָס זענען זיי שולדיג
אַז דו ביזט אַ גרויסער שלים מזל
האָבען קיין, קלייד, און האָבען קיין שיך ניט
און דו זיצסט דיר רוהיג אין קלייזעל
איינס בין איך זיכער, אַז גאָט וועט אונז געבען,
און געבען וועט ער וואָס געשווינדער
אַ יאהר נאָך, א יאהר, אז מיר וועלען לעבען
וועט ער אונז באַגליקען מיט קינדער.

---

איצט האָט ר', מענדעל גענומען פאַרשטעהן
זיין שרה איז גאָר ניט קיין שלעכטע
תמיד א גוטע, אַ טרייע געוועזן
און מיט דעם איז זי אויך א גערעכטע.
הויבט, ער אָן שפאַנען ארויף און אראָפ
און קלערען, און זוכען אָן עצה
און גלייך שרייט ער אוים: מיין ווייבעל איך האָב

אוןַ טוט איהר א קלאפּ אויף דער פּלייצע.
גאָט איז א גוטער איך קען גוט זיין ווילען
דערפאַר וועל איך אייביג איהם דינען
פּרואוו־זשע מיין ווייבעל אויף לאָטערי שפּילען
און דו וועסט מיט גאָט׳ס הילף געווינען
עס האָט איהם געפאָלגט גלייך, זיין ווייב די געשעצטע
געקויפט שוין א לאָטערי צעטעל
קיין געלד נישט געהאט, דאָס קישען דאָס לעצטע
פאַרקויפט האָט זי שוין פון איהר בעטעל.

— — — — — — — — — — — — — — —

יעצט זיצט זיך אין קלייזעל, דער מאַן און טהוט בעטען
אז גאָט זאָל זיין תּפילה דערהערען
ער זאָל פון דעם דלות אמאָל איהם שוין רעטען
דאָס ווייב זיינס געהאָלפען זאָל ווערען,
ניט דאַרפען זאָל ער זיך שוין שעמען פאַר לייטען
און קענען מיט מענשען זיך גלייכען
זאָל גאָט איהם באווייזען א נס ווי פאַרצייטען
די טעכטער כאָטש חתונה מאַכען.
זער וואָלט אויך זיין רבי׳ן דעם כשר׳ען אידען
א פדיון א גרויסען געגעבען
געהייסען איהם בעטען, עס זאָל שוין זיין פרידען
און גרינגער זאָל ווערען דאָס לעבען
אזוי האַלט ער אין טראַכטען, וואָס ער וועט אַלץ קויפען
און זיסע חלומות זיך שפּינען
קומט ווי פון הימעל, א קינד זיינס צולויפען
און שרייט אויס: די מאַמע האָט געוואונען. . .
וויפיל שרייט מענדעל, קינד זאָג געשווינדער
גאָטעניו ביזט דאָך א גוטער,
געוואונען די מאַמע. . . א צווילינג—צוויי קינדער
שרייט אויס דאָס קינד מיט א ציטער.

---

ערשט איצט איז ר׳ מענדעל געקומען צום שכל
אז אין קימפּעט ליגט ווידער זיין שרה
דערלאַנגט האָט ער נעבעך א ביטערען שמייכעל
און א בייזער פאַרמאַכט די גמרא.

# אַ דעלעגאַט צו דער קאָנפֿערענץ!...

ווען דער גבאי פֿון אונזער שוהל האָט באקומען אן איינלאַדונג צו שיקען אַ דעלעגאַט צו דער קאָנפֿערענץ, פֿאררופֿען פֿון אַ גרויסער אידישער ארגאַניזאַציע, צו באקעמפֿען דעם אנטיסעמיטיזם, האָט ער קודם כל די קארטע גוט באַטראַכט פֿון אַלע זייטען, כדי זיך איבערצוצייגען פֿונוואַנען זי קומט און ווער עס זענען די פֿיהרער פֿון אט דער ארגאַניזאַציע.

אונזער גבאי, מוזט איהר וויסען, איז אַ פראַקטישער איד, וואס פֿאַרשטעהט, אַז היינטיגע צייטען, ווען עס עקזיסטירען אזוי פֿיעל פּאָליטישע קלייזלעך, וועלכע האַלטען אין איין רופֿען קאנפֿערענצען און קאָנגרעסען, מוז מען זיין זעהר פֿאָרזיכטיג, מחמת מען קען לייכט אריינגעשלעפּט ווערען אין אַ בלאָטע... איבערהויפּט, ווען עס האַנדעלט זיך אין אַזעלכע פּאַרשוינען ווי אונזערע מעמבערס, וועלכע פֿארשטעהען נישט קיין פּאָליטיק און מישען זיך נישט אין קיין שום אויסערליכע אָנגעלעגענהייטען; לעבען זיך, שטיל און רוהיג, אַ אידיש לעבען, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטען; קומען יעדען שבת צום דאַווענען; היטען אפּ כשרות; כאַפּען אָפּט אריין אַ קאַפּיטעל תהלים, אַ קדושהלע, ווען עס לאָזט זיך און אַ גלעזעל משקה, אויב עס מאכט זיך אַ שטיקעל שמחה ביי אן אייגענעם, ביי אַ מעמבער, הייסט עס; היטען אָפּ זייערע קינדער, זיי זאָלען, חלילה, נישט אראָפּ פֿון דרך הישר; און ווייטער אינטערעסירט זיי קיין זאַך נישט; האַלטען נישט פֿון לעזען אַ צייטונג, אויסער אַז עס קומט אַמאָל אונטער איינע צופֿעליג, כאַפּט מען אַ קוק, אָבער אָהן אַ שום אינטערעס. מיט איין וואָרט, דאס איז אַ חברה פֿון אַ היבש ביסעל מיטגלידער, וועלכע לעבען אין אַ וועלטעל פֿאַר זיך.

איצט, שטעלט זיך פֿאָר, אַז אַזאַ אינסטיטוציע באקומט אן איינלאַדונג צו אַ קאנפֿערענץ!

נו, האָט דער גבאי ווידער אַמאָל באַטראַכט די קארטע, און נאכדעם ווי ער האָט אויסגעפֿונען, אַז די פֿראַגע אנטיסעמיטיזם איז אַ ריין אידישע... האָט ער באַשלאָסען, אַז מען דאַרף זיך באַטייליגען.

באַלד אויף צומארגענס האָט דער גבאי טאַקע מיט׳ן סעקרעטאר פֿאַררופֿען אַ ספּעציעלען מיטינג און גלייך אויסגעוויילט אַ דעלעגאַט.

כמעט אַלע מיטגלידער האבען זיך פֿאַרזאַמעלט ביים גבאי אין הויז. יעדער פֿון זיי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אויב דער גבאי האָט פֿאַררופֿען אַ ספּעציעלען מיטינג, מוז עס זיין זעהר וויכטיג. דאַן האָט זיך יעדער אַוועקגעזעצט אַרום

דעם גרויסען טיש און מיט נייגעריגקייט געווארט צו הערען וועגען וואס אייגענטליך עס האנדעלט זיך.

דער סעקרעטאר האט פארגעלעזען דעם בריף מיט דער איינלאדונג, און ווען דער עולם האט שוין געוואוסט דעם צוועק פון היינטיגען מיטינג, האט דער גבאי גענומען דאס ווארט און דערקלערט, אז מיר דארפען שיקען א דעלעגאט, כדי זיך געגויער צו דערוויסען וואס דארט קומט פאר.

האבען אלע צוגעשאקעלט מיט די קעפ צו באווייזען, אז זיי זענען איינ־שטימיג מיט דעם גבאי, בלויז איין מעמבער, וועלכער איז געזעסען א ברוגזער די גאנצע צייט, מחמת ער איז נאך פון פריהער געווען צעקריגט מיט דעם גבאי, איז געווען דערגעגען און האט גלייך מאטיווירט פארוואס:

—איך האלט נישט, אז עס איז פאראן אזא זאך ווי אנטיסעמיטיזם—האט דער ברוגזער איד דערקלערט. — מיר אלע ווייסען, אז די גוים האבען פיינט אידען. עס איז נישט קיין נייע זאך, מיר אלע געדענקען עס נאך פון דער אלטער היים. מיר דארפען זיך בלויז נישט מישען מיט זיי, געהן אונזער אייגענעם זועג, וועלען זיי אונז נישט באלעסטיגען! און אז משיח בן דוד וועט, מיט גאטס הילף, קומען צו רייטען אויף זיין אייזעל, וועט ער אונז פיהרען קיין ארץ־ישראל. מיר וועלען ווערען אויסגעלייזט פון גלות און פון אנטיסעמיטיזם. איך האלט, אז עס איז נישט כדאי צו רופען קיין קאנפערענץ וועגען דעם; עס איז נישט וויכטיג,—האט דער קעגנער ארויסגערעדט אין איין אטהעם. . .

מען האט די פראגע גענומען צו אפשטימונג, און דער גבאי, וועלכער האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די מעמבערס, האט געהאט א מערהייט און אויסגעפיהרט דאס זייניגע. עס איז באשלאסען געווארען צו שיקען א דעלעגאט צו דער קאנפערענץ.

איצט האט זיך אנגעהויבען א נייע פראבלעם; ווער זאל זיין דער דעלעגאט? קיינער פון די פארגעשלאגענע האט נישט געוואלט אננעהמען די דעלעגאציע; יעדער פון זיי האט אנגעגעבען אן אורזאך פארוואס ער קען נישט געהן.

צום סוף, האט מען זיך גענומען צום שמש און איהם דערקלערט, אז אזוי ווי אנדערע מעמבערס ווילען אבער קענען נישט אונטערנעמען די זאך, מוז ער ארורכפיהרען די שליחות, מוז ער עס טון. ער איז א מענש מיט א סך פרייער צייט, וויידזשעס (שכירות) נעהמט ער, א לעבען מאכט ער, מוז ער געהן אלס דעלעגאט צו דער קאנפערענץ.

ווען דער שמש האט דאס דערהערט, איז איהם, נעבעך, שלעכט געווארען. ער האט דערזעהען, אז ער איז אריינגעפאלען און קען זיך דערפון נישט באַ־פרייען; האט ער פארביסען מיט די ליפען און געמאכט א שוויג.

ווען עס איז געקומען דער טאג פון דער קאנפערענץ, האט ער זיך געפילט א היבש ביסעל נערוועז, און צוטראגען; ער האט יענעם טאג נישט געקענט עסען און נישט איינרוהען.

זיין ווייב האָט עס באמערקט און איהם געטרייסט, אז ער וועט, מיט גאָט'ס הילף, דאס בשלום איבערקומען...

נאָכמיטאָג האָט ער זיך אויסגעפוצט אין זיינע שבת'דיגע בגדים, אביסעל צוגעשווירען דאָס בערדעל. די ווייב האט איהם פיין אויסגעפוצט די שיך, איהם געגעבען דאָס נייע העמד אנצוטון און אָנשטאָט דאָס רויטע נאָזטיכעל איהם געגעבען א ווייס. „מען קומט צווישען מענשען, דארף מען אויסזעהן מענשליך"... האָט זי געזאָגט. ווען ער איז שוין געווען אינגאנצען פאַרטיג, האט ער א קוש געגעבען די מזוזה און אוועק צו דער קאָנפערענץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט גרויס אומגעדולד האבען די מעמבערס, מיט דעם גבאי בראש, געוואָרט אויף דעם אבענד, ווען דער שמש וועט איבערגעבען א גענויעם באריכט פון דעם וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען און וואס מען האט באשלאָסען. ענדליך איז געקומען די צייט.

מוצאי שבת, נאך מעריב, האָט זיך דער עולם ווידער פארזאמעלט ביים גבאי אין שטוב.

דער גבאי האָט געמאכט הבדלה, חברה־לייט האבען מיטגעזונגען המבדיל. דערנאָך האָט די גבאי'טע מכבד געווען דעם עולם מיט טיי און צובייסען, א פיינעם שטרודעל, וואס זי האט אליין געבאקען. נאכ'ן עסען און טרינקען האבען זיך אַלע דערפילט אין א געהויבענער שטימונג און מען האָט זיך גענומען צום שמש און זיין באַריכט פון דער קאָנפערענץ.

דער שמש האָט זיך אויסגעהוסט, אויסגעשנייצט די נאָז, כדי צו באקומען א היתוך הדיבור, און, שפילענדיג זיך מיט א טיי־לעפעלע, כדי אויסצומיידען די בליקען, וועלכע זענען געווען אויף איהם געווענדעט, און אנגעהויבען מיט א נערוועזען טאָן, וואָס איז געווען לייכט צו באמערקען:

—חשובער גבאי און מעמבערס, איך האָב גענומען דעם אדרעס און בין צוגעפאהרען אהין מיט'ן באס, און אזוי ווי איך בין אראָפּ פון באס, האב איך גלייך גענומען בלאנדזשען און האב באין אופן נישט געקענט געפינען דאס פלאץ. איך האָב יעדען פארביינעהער אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואו עס געפינט זיך דער האָטעל. מען האט מיך געשיקט אהין און אהער, אויף רעכטס און אויף לינקס, און ווען עס קומט נישט אונטער מיינער א באקאנטער, וועלכער איז אויך געגאנגען אהין, וואלט איך נאך ארומגעבלאנדזשעט...

ווען איך בין אריין אין האָל און אפּגעגעבען די קארטע, בין איך געבליבען שטעהן ווי א צעטומעלטער; איך האָב געמיינט, אז דאס איז דער גן־עדן אויף דער וועלט...

זינט איך לעב האָב איך נישט געזעהן אזויפיל שעהנע בילדער, ווי איך האָב דאָרט געזעהן אויף די ווענט; אזויפיעל שעהנע, זיידענע פאָרהאַנגען, און ווייכע, געבעטע שטולען!

מען האָט געבעטען יעדען צו פארנעהמען א פלאץ. נו, האב איך זיך

געזעצט ביי דער טיר, ווייל איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער אויבענאָן איז פֿאַר די גדולים, ווי ביי אונז אין שוהל...

די בימה איז גלייך געוואָרען העל באַלויכטען. עס זענען אַרויף עטליכע פֿיינע מענשען און זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט... איינער, אַן אַלטיטשקער, האָט געהאַלטען זעהר אַ פֿיינעם ספּיטש, געלויבט שטאַרק אונזערע אידען און געזאָגט, אַז זיי זענען אַ שעהן און קלוג פֿאָלק. (פּונקט ווי מיר וואָלטען דאָס נישט געוואוסט..) אַ צווייטער האָט אָפּגעגעבען אַ גרוס פֿון אַמעריקאַ; אַ דריטער—פֿון פּוילען; אַ פֿערטער—פֿון אַפֿריקע, פֿון אַרגענטינע; און אַ שעהן יונג מיידעל האָט אָפּגעגעבען אַ גרוס פֿון ישראל. מען האָט געהערט גרוסן פֿון דער גאַנצער וועלט אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז פֿון די אַלע ספּיטשעס האָב איך ווייניג וואָס פֿאַרשטאַנען, ווייל אַלע האָבען גערעדט אויף ענגליש.

נאָכדעם האָט אַ יונגערמאַן אַרויסגעלעזען פֿון אַ פּייפּער אַ מין רעוואָלוציע (רעזאָלוציע); אַזוי האָבען זיי עס אָנגערופֿען. אַלע האָבען געפּאַטשט, האָב איך אויך געפּאַטשט... און ווען אַלע האָבען געהויבען די הענט, האָב איך אויך געטון דאָס זעלבינע.

דאַן האָט מען ווידער גערעדט און גערעדט. און איך מוז זיך מודה זיין, אַז פֿון לאַנגווייליגקייט בין איך אַנטשלאָפֿען געוואָרען... און זיך אויפֿגעכאַפּט ערשט דאַן, ווען מען האָט אויסגערופֿען, אַז איצט קען מען געהן טרינקען טיי! איך בין טאַקע געווען דורשטיג און פֿאַרמאַטערט. בין איך מיט נאָך אַנדערע אַריין אין צווייטען צימער, וואו עס זענען געשטאַנען געדעקטע טישען מיט פֿיינע טשאַסטעס און אַנדערע נעשמאַקע זאַכען. איך בין זיכער געווען, אַז דער טיי איז פֿריי, ווייל נאָכ׳ן אויסהערען אַזוי פֿיעל ספּיטשעס ווערט טאַקע טרוקען אין האַלז; פֿאַרדינט מען צו באַקומען אַ פֿיינעם טיי. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבען אַ טישעל און געוואַרט, מען זאָל מיר דערלאַנגען מיין חלק. אָבער ווען איך האָב דערזעהן ווי אַ וועיטערקע קומט צו צו מיין שכן און הייסט זיך באַצאָהלען, האָב איך זיך גלייך אָפּגעטראָגען; איך וועל שוין אויסקומען אָהן זייער טיי... סאַי ווי סאַי בין איך נישט געווען זיכער מיט זייער כשרות..

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָט זיך דאָס גאַנצע עסק געענדיגט. אַלע האָבען זיך אויפֿגעשטעלט און מיט גרויס דרך־ארץ געזונגען התקוה, פּונקט ווי אין אידישען טעאַטער. זעהט איהר, דאָס איז מיר געפֿעלען בעסער ווי די גאַנצע קאָנפֿערענץ... נאָכדעם האָט מען זיך געזעגענט, ווי אייגענע גוטע ברידער, און מען איז אַוועק אַהיים.

אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב אייך איבערצוגעבען — האָט דער שמש געענדיגט. פֿרייער אָפּגעאָטהעמט און געווישט דעם שווייס פֿון שטערן.

—און וואָס איז מכח דעם אַנטיסעמיטיזם? — האָט דער גבאי געפֿרעגט.

—אַה, דעם אַנטיסעמיטיזם מיינט איהר? — האָט דער שמש געענטפֿערט אין פֿאַרלעגענהייט. — יאָ, דאַכט זיך, אַז מען האָט וועגען דעם אויך

גערעדט... אָבער ווער קען אַלץ געדענקען? צו דעם דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, נישט פון קיין שמש...

—וויים איך וואָס?—האָט דער איה, וועלכער איז געווען דערגעגען, זיך אפגערופען. — איך האב אייך פריהער געזאגט, אז עס זענען פאַראַן ביי אונז אין לאַנדאָן מענשען מיט גרינגע קעפּ, האבען נישט וואָס צו זאָרגען, גלוסט זיך זיי קאנפערענצען און קאָנגרעסען. זאָלען זיי זיך טומלען, עס איז נישט אונזער עסק, מיר האָבען אייגענע צרות...

דער גבאי האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ און זיך אנגערופען:

— איך וויים? אפשר האט איהר טאקע רעכט, ר' חיים...

קייס נומער 1

# דער אינטימער ווינקעל!...

אינטימע ווינקלען, זענען פאראן אין פילע צייטונגען, און זשורנאלען, מחמת זיי ברענגען גרויסע נוצען דער געזעלשאפט... דערפאר האט אויך אונזער רעדאקטאר, אויפ'ן אלגעמיינעם פארלאנג פון די צאלרייכע לעזער, באשלאסען צו טון דאס זעלבע.

מיר האלטען אבער, אז דער אופן ווי אזוי זיי ווערען אנגעפיהרט ביי אנדערע, מיט אריינשרייבען בריף, און באקומען ענטפערס, איז נישט פראק־טיש און נישט אינטים, ווייל יעדער בריף, ווערט פארעפענטליכט, און געלעזען פון אלע די, וועלכע האבען ליב צו וויסען, וואס ביי אנדערע קומט פאר, איי דאס וואס איהר ווילט מיר אפשר איינרעדען, אז צוליב דעם וואס דער שרייבער, שרייבט ניט אונטער זיין אמת'ן נאמען, דאס איז א נארישקייט, א לאבזע, אונזערע לעזער זענען קלוגע מענשען, פארמאגען א שטארקען פסיכא־לאגישען אונטערגרונד, און שטויסען זיך לייכט אן ווועמענס בריף דאס זענען... דערפאר, האבען מיר עס געמאכט, אויף אן אמת'ן אינטימען אופן... מיר האבען א ספעציעלען אפיס, מיט אן עקספערט עצה־געבער, וואו יעדער קען קומען, זיך טרעפען מיט איהם פערזענליך, איהם איבערגעבען זיינע צרות, און דער עיקר, דאס בלייבט א סוד, און קומט קיינמאל נישט ארויס אין דער עפענטליכקייט...

און דאס איז זעהר וויכטיג, ווייל איהר דארפט נישט פארגעסען, אז צו אונז קומען מענשען, מיט שווערע הערצער, ביטערע מזלות, שלעכטע שוויגערס, נארישע טאטעס, און פארשידענע אנדערע פראבלעמען פון גרויס וויכטיגקייט.

טראץ דעם וואס עס הענגט א צעטעל אויף דער וואנט אין רעדאקציע, און ווארענט אז קיין שום זאך זאל נישט ווערען ארויסגעטראגען, (אחוץ די פילע באסקעטס, מיט דרוקלאזע ארטיקלען...) האב איך דאך באשלאסען, אייך איבערצוגעבען אייניגע אינטערעסאנטע פאקטען, וועלכע קומען פאר טאג טעגליך, צווישען די לעזער און אונזער עצה־געבער. אבער מיט א תנאי, אז אלץ וואס איך דערצעהל, זאל למען השם בלייבען צווישען אונז...

און כדי אייך נישט לאנג אויפצוהאלטען, מחמת איהר זאלט חלילה נישט פארלירען אייער געדולד (א זאך וועלכע מיר פארמאגען, אין א קליינער פראפארציע, היינטיגע צייטען), וועלען מיר זיך גלייך פארנעמען מיט דעם ענין...

קיים נומער 2

# די מאמע שטעהט איהר אין וועג...

עפּענט זיך אויף די טיר, און עס באווייזט זיך אן עלטערע מיידעל, פון א יאהר... שווער צו זאגען, מיט א בלאס, לענגליך פנים, קליינע רויטע אנגע־שטרענגטע אויגען, פארשטעלט מיט גרויסע ברילען, א מויל פרעמדע ציין, און מיט לאנגע דארע אויסגעארבייטע פינגער, זי בעט מען זאל איהר געבען אן עצה, וועגען א זעהר וויכטיגע פראגע, איך האב איהר גלייך אריינגעפיהרט צו אונזער עצה־געבער, ער האט איהר זעהר פריינדליך אויפגענומען, ממש ווי אן אייגענע... זי האט זיך אוועקגעזעצט, און דערצעהלט פאלגענדעס:

מיט צוויי יאהר צוריק, האט זי באקאנטשאפט געשלאסען, מיט א פיינעם יונגען מאן, זי איז מיט איהם אויסגעגאנגען ווי דער שטייגער איז, און מיט מזל א כלה געווארען. זי וואלט שוין היינט זיכער געווען חתונה געהאט, ווען נישט איהר מאמע, וועלכע שטעהט איהר ווי א ביין אין האלז...

איהר מאמע, דערצעהלט זי ווייטער, איז א שעהנע בלאנדע פרוי... און זעהט כמעט אויס יונגער פון איהר.

איך, זאגט זי, בין אן אינטעליגענטע מיידעל, לעז ביכער, באזוך לעקציעס פארטרעגע, געה אין אידישען טעאטער, און האלט נישט פון פארבען און שמירען זיך... מיין מאמע אבער, איז זעהר מאדערנע, און האלט גראדע יא דערפון, די אונטערשטע שורה איז, מיין חתן האט זיך פארליבט אין מיין מאמע'ן, און געהט מיט איהר אויס...

עס טרעפט אפט, אז זיי ווערעןביידע פארפאלען אויף גאנצע טעג... איך קוק דאס צו און עס פלאצט אין מיר די גאל... רעד איך אמאל וועגען חתונה האבען, איז הימעל עפען זיך, זיי פאלען מיך ביידע אן, און פרעגען מיט א ביטערען כעס, סטייטש, וואס האב איך קיין צייט נישט?... אבער איך פארשטעה גאנץ גוט, אז דאס איז נאר אן אויסרייד, דער אמת איז אז, זי, מיין מאמע, איז אויך שטארק פארליבט אין מיין חתן, איך האב זיך אין דעם, שוין מעהר ווי איינמאל איבערצייגט. מיר איז ביטער אויפ'ן הארצען, און איך וויים נישט וואס צו טהון. איך בין זעהר פארצווייפעלט, האט זי געזאגט, מיט טרערען אין די רויטע אויגען, איך בעט אייך גיט מיר אן עצה. זעהר נישט פיין פון אייער מאמע'ן, האט דער עקספערט געזאגט, מיט גרויס מיטלייד צו איהר... און וואס זאגט אייער פאטער צו דעם?

איך האב נישט קיין טאטען, ער איז געשטארבען ווען איך בין נאך א קינד געווען, האט זי געענטפערט, און אבגעווישט די טרערען.

הייסט עס אז אייער מוטער איז אן אלמנה אזוי פיל יאהרען. אט דאס זעהט איהר, איז שוין א גאנץ אנדערע זאך, און מען דארף וויסען ווי צו האנדלען אין דער פראגע וועלכע איז פון גרויס וויכטיגקייט... אויב דאס איז דער פאל, ראטען מיר אייך, צו זיין א געטרייע איבערגעבענע טאכטער,

און האנדלען מיט רחמנות, פאלגט מיך, לאזט איהר צו דעם געליבטען... זאל זי מיט איהם חתונה האבען, ער וועט זיכער זיין צו אייך א בעסערער שטיף־פאטער ווי א מאן...

און איהר זייט אזוי גוט און זוכט אייך אויס א צווייטען חתן, צוברעכט נישט אייער מאמע'ס הארץ, וועלכעס דארף ביי אייך אויך זיין טייער, און איהר מוזט עס היטען ווי אן אויג אין קאפ... דער עיקר טוט ווי מיר ראטען אייך, און איהר וועט נאך פון איהר אסך נחת האבען...

זי האט פארזיכערט צו פאלגען אונזער קלוגען און פראקטישען עצה־געבער, אבער מיט א באדינג, אז איהר מאמע זאל זיך נישט דערוויסען, אז זי איז דא געווען, ווייל סאמער חלילה יא, וועט זי איהר נישט פארבעטען אויף דער חתונה, און דאס וואלט איהר פארשאפט אסך פארדרוס, ווייל, ווער, ווער, אבער זי איז זיכער בארעכטיגט צו זיין אויף איהר מאמע'ס און איהר חתן'ס חתונה...

מען האט איהר פארזיכערט, אז דאס וועט בלייבען א סוד... און זי איז אוועק א צופרידענע, און מיט א ריינעם געוויסען...

פאציענט נומער 3

## די גניבה

עס איז אריין אין אפיס א פראמינענטער שרייבער, און זיך געווענדעט צו אונזער עקספערט מיט א קלאג...

איך האב צו אייך, א זעהר וויכטיגע בקשה, מען האט מיך בא'גנב'עט און איך בעט איהר זאלט מיר העלפען, געפינען די גניבה...

וואס למשל האט מען עס ביי אייך צוגע'גנב'עט, און ווי קען איך אייך העלפען אין דעם פאל? האט געפרעגט אונזער עקספערט נייגעריג.. מען האט ביי מיר צוגעגנב'עט פערל, איהר הערט, טייערע קאסטבארע פערל, האט מען ביי מיר צוגע'גנב'עט, האט דער שרייבער געזאגט מיט וועהטאג, און איך בעט אייך, איהר זאלט, דאס ניט פארשווייגען, איהר הערט? עס האט מיך נעקאסט בלוט פון מיין הארצען, און שוויס פון מיין שטערן, איך האב שווער געארבייט, נעכט נישט געשלאפען, ביז איך האב מיר די פערל פארשאפט... און איצט, וועה איז מיר, האט ער זיך שיער צוויינט ווי א קינד...

יא, איך פארשטעה אז אייך טוט וועה אזא פאל, און איך האב מיטלייד מיט אייך, אבער דאס האט דאך נישט צו טהון מיט מיר, מיין ליבער פריינד, מיין אויפגאבע דא איז צו געבען פראקטישע עצות וועגען פאמיליען פראבלעם, און אנדערע וויכטיגע פראבלעמען, איהר זייט געקומען מיט אייער אומגליק, נישט אויפ'ן ריכטיגען פלאץ.

יא, עס האט יא צו טון מיט אייך, האט דער שרייבער זיך געאמפערט, און געהאקט אין טיש פון אויפרעגונג, איך וויל איהר זאלט עס פארעפענטליכען

אין אייער אינטימען ווינקעל, אפשר וועט דער גנב חרטה באקומען, און זיך אָברופֿען, און אפֿשר נאָך ביי מיר בעטען מחילה... אזא הפֿקרות, מען טאָר עס נישט דערלאָזען, אזא געמיינהייט... פֿון א גנב...

הערט מיין ליבער פֿריינד. אויב מען האט ביי אייך געגנב׳עט פערל, דאַרפֿט איהר געהן אין „סקאָטלאַנד יארד״, דאס איבערגעבען דער פּאָליציי, זיי זענען פֿעהיג צו געפֿינען דעם גנב, און איהר וועט צוריק באקומען אייערע פערל, אָבער מיר דאָ, קענען אייך אין דעם פֿאַל, גאָרנישט העלפֿען, איהר נעמט בלויז צו אונזער צייט, וועלכע איז זעהר באשרענקט.

וואָס מיינט איהר איך זאָל געהן אין „סקאטלאנד יארד״? מיר איז ביטער אויפ׳ן הארצען, און איהר מאכט חוזק, איהר לאכט פֿון מיינע צרות? ווען א אידישער שרייבער רעדט וועגען פערל, דאַרפֿט איהר פֿארשטעהן אז דאס זענען ליטעראַרישע, ווייל קיין אַנדערע פֿאַרמאָגט ער נישט... און די ליטעראַרישע פערל שטעהן ביי שרייבער פֿיעל העכער, ווייל די, קען מען פֿאַר קיין געלט נישט קויפֿען, האָט ער געשריגען מיט שטאָלץ און וועהטאג, הערט א געמיינ־הייט, א פֿארברעכען, איך האָב אָנגעשריבען א ליטעראַריש ווערק, קומט א קליין מענשעל, נאָר מיט א גרויסען אפעטיט צו ווערען א שרייבער, שרייבט דאָס איבער, וואָרט ביי וואָרט, שרייבט אונטער זיין נאָמען, שיקט עס אוועק, אין א פֿרעמדען לאַנד, דאָס ווערט פֿארעפֿענטליכט אין א זשורנאַל, און די קריטיקער נעהמען דאָס אויף פֿאַר א גרוים ליטעראַריש ווערק פֿון א נייעם אונבאקאַנטען שרייבער. מען שרייבט אז ער איז א גרויסער טאלאנט, און האָט פֿאַר זיך א געוואַלדיגע צוקונפֿט. נו, האָט איהר שוין אמאָל געהערט אזא סקאַנדאַל?

איך וויל איהם אָבער ווייזען, אז עס איז נישט קיין הפֿקר וועלט, מען קען אזעלכע זאכען נישט טון, אויב מען וויל ווערען א שרייבער, מוז מען קודם כל האָבען טאַלאַנט דערצו, און זיך ברעכען דעם קאָפּ אויף א שאַפֿונג, און נישט באַנוצען זיך מיט יענעמס... אזא אומגליק האָט מיך געטראָפֿען, האָט דער שרייבער נעקלאָגט, און מיט שווערע טריט געשפאַנט הין און צוריק.

איהר האָט פֿאָלקאָם רעכט מיין פֿריינד, די איינציגע עצה וואס איך קען אייך געבען, איז איהר זאָלט זיך ווענדען מיט אייער קלאָג צום זשורנאליסטען פֿאַראיין, דאָרט, ביי זיי, איז פֿאַראַן א פונקט אין די סטאַטוטען וואָס זאָגט, אז פֿאַר אזעלכע גנבות ווערט מען שטארק באשטראָפֿט...

ווי איך זעה וועל איך פֿון אייערע עצות קיין זאַך נישט האָבען, האט ער געזאָגט, און זיך געלאָזט צו דער טיר, און ענטווישטער... איהר דאַרפֿט אבער נישט זיין אזוי פֿארצווייפֿעלט, האָט איהם דער עצה־געבער געטרייסט, עס האט געקענט זיין נאָך ערגער... מען זאגט אז ביי יעדען אומגליק איז פֿאַראַן א גליק, און דאס איז אויך אין אייער פֿאַל, קאָלעגע.

וואָס מיינט איהר? האָט דער שרייבער ארויסגעשטעלט צוויי גרויסע נייגעריגע אויגען און געפֿרעגט?

אייך פֿאַרדריסט שטאַרק זעה איך, פֿאַרוואָס יענער נפש. האט גענומען אייערס אַ גוטע ארבייט, און אונטערגעשריבען זיין נאמען, אָט דאס זעהט איהר איז דאָס גליק, ווי וואלט אבער זיין, ווען ער נעהמט זיינס א נאַרישע מעשה, וואָס ער האָט צוזאמען געשטעלט מיט זיין געניאַלען טאַלאַנט... און שרייבט אונטער אייער נאָמען? אָט דאָס זעהט איהר וואָלט געווען אַן אומגליק... ווי זאגט איהר, האָב איך רעכט צו ניין?... דער שרייבער האָט זיך א ווײַלע פֿאַרטראכט, און דאַן געזאגט, מיט א צופֿרידענעם שמייכעל.

יאָ, איהר האָט רעכט, איהר זייט באמת א קלוגער פּראַקטישער מענש, איך דאנק אייך פֿאַר אייערע טרייסט־ווערטער, עס איז מיר געוואָרען אביסעל גרינגער אויפֿ'ן הארצען און נאך אַ ווארימען האַנט־דרוק, מיט אונזער עקס־פערט, האָט ער אַ גוט געשטימטער פֿאַרלאָזט דעם אָפּיס....

# אויף דער עלטער!

שלמה דער פרעסער, איז אַ איד אַ קראַנקער, אַן אויסגעמוטשעטער, קוים וואס ער האַלט זיך אויף די פּיס. א איד מיט א באָרד. נאר, ווען ער צוקעמט זי, זעהט מען דעם אידען ניט ארוים.

עס דאַכט זיך, אז נים שלמה שלעפּט די באָרד, נאָר די באָרד שלעפּט שלמה'ן.

און דאָך ארבייט ער נאָך אין ווארקשאָפּ 8 שעה א טאָג, ביים פּרעס־אייזען, דער דאזיגער שלמה.

אמת, דער גאוונער ווארפט זיך מיט איהם, — ר' שלמה, זאגט דער גאוונער, איהר דארפט שוין מעהר נים ארבייטען, גענוג געארבייט אין אייער לעבען.

ווי לאַנג שטעהט איהר שוין ביים פּרעס־אייזען? וויפיל זאגט איהר, 26 יאהר? פּלענטי גענוג, איהר מענט זיך שוין אברוהען. אזא איד ווי איהר דארפט זיצען און זאגען תהילים, און ווארטען אויף עולם הבא אנגרייטען זיך א סך מצות און מעשים טובים.

אבער שלמה פאָלגט נישט דעם גאוונער, מאלע וואָס אַ גאוונער רעדט, ער וויל א יונגערען, אַ שטארקערען, אַ שנעלערען, רעדט ער.

אָבער שלמה האָט לעצטענס גענומען פּיהלען וואָס א טאָג שוואכער, און שוואכער, און גענומען טראַכטען, איי ווי גוט וואלט איהם געווען, ווען ער קען אויספאָהרען אין אַ קאָנטרי אויף עטליכע וואָכען. דאָרט אין דער קאָנטרי וואלט ער דערהאלטען דאָס לעבען, און פארלאַטעט דאס געזונד אביסעל, אבער ווי אזוי קען ער אויספאָהרען, אז ער האָט ניט קיין צובראָכענע פעני ביי דער נשמה. מחמת פאַרדינען, פאַרדינט ער, וואסער אויף קאשע, ווייל פון די 26 יאהר וואָס ער האט געארבייט, האט ער זעקס יאהר געקרענקט, פיער יאהר געסטרייקט, און אַכט יאהר געווען סלעק, היינט פון וואנען זאָל ער האבען געלט?

לייענט שלמה אין א צייטונג, אז עס איז פאראן אַן ארגאניזאציע וואס שיקט אוועק, קראנקע מענשען, ערגיץ אין א דאָרף ניט אויף לאַנג, בלויז אויף דריי וואָכען. מילא טראכט שלמה, זאָל זיין אויף דריי וואָכען בעסער ווי גאָרניט.

נעהמט ער דעם שטעקען, טוט א קוש די מזוזה, און געהט אוועק אין אָפיס פון דער אָרגאניזאציע.

וואס איז אייער פּארלאנג ?—פּרעגט מען שלמה'ן,—וואס קען איך טהון פאר אייך ?

איך בין ניט פּאר אייך געראכט א שלאפּער מענש, 26 יאהר געשטאנען ביים פרעס־אייזען, קיין געלט האב איך נישט, קיין ווייב און קינדער אויך נישט, ארבייטען מעהר קען איך אויך נישט, וויל איך אייך בעטען איהר זאלט מיך אויף עטליכע וואכען אוועקשיקען אין קאנטרי, כדי איך זאל קענען אויס־רוהען די קראנקע ביינער, און אפכאפּען דעם אטהעם, אויף דער פרישער לופּט.

מיר שיקען נור אזעלכע מענשען, וועלכע האבען, ט.ב. רופט זיך אן דער באאמטער.

וואס איז דאס פּאר אן אנשיקעניש, פּרעגט דער אלטער ר' שלמה ניינעריג ?

דאס איז אזא קראנקהייט וואס מען רופט אן ט.ב. אויף פּראסט אידיש, הייסט עס טשיכאטקע.

און אז איך האב רהומאטיזם טויג נישט ? ס'מוז דווקא זיין, ווי זאגט איהר טשיכאטקע ?

טויגען, טויג עס יא, אבער נישט פּאר אונז, ביי אונז מוזט איהר האבען טשיכאטקע.

און וואס הערט זיך מכח אסטמא — פּרעגט דער אלטער ר' שלמה מיט פּארדרוס.

אסטמא, טויג אויך נישט פּאר אונז, דאס איז נעגען אונזערע רולס.

אזוי, עס איז נעגען אייערע רולס ?

איך האב אויך גאל שטיינער, שטייפּע אדערען, שטעכעניש אין די זייטען, און דאס אלעס איז נאך נישט גענוג פּאר אייך?

אט די אלע קראנקהייטען נעהען נישט אריין אין אונזער צעטעל, ביי אונז מוזט איהר האבען טשיכאטקע, נאר טשיכאטקע, דאס דארף אונזער ארגאניזא־ציע.

האט זיך דער אלטער שלמה נעביך שטארק צוהוסט, פון גרוים עגמת נפש, איז געווארען בלוי ווי א מילץ, און אז ער איז געקמען צו זיך, און אפגע־דעכעט, האט ער א פּרעג געטון מיט כעס:

רבונו של עולם! ווי זאל איך נעהמען טשיכאטקע, וואסזשע, איך האב און וויל אייך נישט געבען ? אז ס'איז נישטא, איז נישטא געהערט אן אנשיקעניש ?

צוליב אונז דארפט איהר קיין טשיכאטקע נישט קריגען, מיסטער לעבען, מיר האבען אויפ'ן צעטעל דריי הונדערט מעהר ווי מיר קענען שיקען.

איז ר' שלמה נעבעך געבליבען שטעהן א צובראכענער, און אויסגע־קרעכצט צו זיך אליין: איי, איי, אז עס איז נישטא קיין מזל, העלפט קיין זאך ניט, דארף איך האבען רהומאטיקס, גאל שטיינער, אסטמא און דווקא ט.ב., אט די קראנקהייט וואס קען מיך ראטעווען האב איך ניט. און צוליב אזא

קליינינגקייט, קען איך ניט פֿאָהרען אין דער קאנטרי. איז ער נעבעך אוועק אהיים א צובראָכענער, אַן ענטווישטער, אויסגעזוכט דאס אַלטע תהילים׳ל, און מיט אַ רחמנות קול און טרעהרען אין זיינע אַלטע אויגען, האָט ער געגומען בעטען צו גאָט:

רבונו של עולם, באַגליק מיך מיט טשיכאָטקע כדי מען זאָל מיך קענען אוועקשיקען. אוי גאָטעניו, ווי עס בענקט זיך, נאָך דער גרינער לאָנקע, נאָך דעם פֿעלד, נאכ׳ן טייכעל, נאָך די אלע שעהנע זאכען, וועלכע איך געדענק נאָך פֿון דער היים. אבער וואָס קומט מיר ארויס, אז איך האָב ניט די קרענק וואס די אָרגאניזאציע דאַרף האָבען.

נאָר פלוצלונג איז איהם איינגעפֿאַלען א געדאנק, און ער האָט א צופֿרי־דענעם שמייכעל געטון.

ער וועט אוועק צו א דאָקטאָר, זיך לאָזען אונטערזוכען. ווער ווייסט ? —ביי גאָט איז אַלעס מעגליך. עס קען גאר זיין אז ער האט טשיכאטקע און ווייסט נישט דערפֿון. געזאגט און געטאָן, ער איז גלייך אוועק צום דאָקטאָר, איהם איבערגעגעבען אַלע זיינע צרות.

דער דאָקטאָר האָט איהם אונטערזוכט, און גלייך געלאזט וויסען אז ער איז אַלרייט.

וואָס מיינט איהר דאקטאר לעבען, צאפּעלט זיך ר׳ שלמה, וואס מיינט איהר, איך בין אַלרייט ?—איהר האָט טשיכאטקע, זאגט איהם דער דאָקטאָר אַן די פֿרעהליכע בשורה. נאט אייך א לעטער און געהט צו דער אָרגאניזאציע, וועט מען אייך אוועקשיקען.

לאנג לעבען זאלט איהר פאניע דאָקטאָר, גאָט זאָל אייך נעבען געזונט און פרנסה, מיט אסך פאציענטען, און ער זאָל אייך אזוי דערפֿרעהען, ווי איהר האָט מיך דערפֿרעהט, איהר האָט מיך ממש געראטעוועט. איצט וועל איך קענען זעהן גאָט׳ס שעהנע וועלט.

פֿול מיט פֿרייד האָט דער אַלטער צוגענומען דעם בריף, און אוועק. מאָרגען, באַלד אין דער פֿריה, איז שלמה דער פרעסער, ווידער געשטאַנען אין אָפּיס פֿון דער אָרגאניזאציע, אָבער שוין א פֿרעהליכער, אַ זיכערער, ער האָט מיט זיך געהאט דעם דאָקטאָר׳ס בריף, וועלכער האט איהם פֿארשאפֿט, מעהר גליק, ווי א געווינס אויף א לאָטערי־צעטעל.

ווען עס איז געקומען צו זיין נעקסט, האָט ער א שטאָלצער, א פֿרעהליכער דערלאַנגט דעם בריף צום באאמטען, נאט מיסטער.

אָבער דער ענטפֿער איז געווען א טרויעריגער. צו שפּעט, אַלע בעטלעך זענען שוין פֿארנומען. איהר האָט געדאַרפֿט קריגען טשיכאטקע מיט עטליכע חדשים פֿריהער, — האָט מען איהם געענטפֿערט.

דער אַלטער ר׳ שלמה האָט נעבעך שיער אַוועקגע׳חלש׳ט, אויף אַזא קלאַפּ האט ער זיך נישט גערעכט.

ער האָט זיך פּאמעלעך אַוועקגעזעצט אויף עטליכע מינוטען. פֿארגאָסען א פּאָר הייסע טרערען, וועלכע זענען געפֿאַלען אויף זיין ניט צוקאַמטער באָרד, און קוים ארויסגערעדט: איי, איי, ניטאָ קיין מזל, ניטאָ קיין מזל. . .

# עס איז אויס וועלט!...

איך זאָג אז היינטיגע קינדער האבען נישט די ווערט, צו לעבען אויף דער וועלט... ווייל זיי זענען נישט קיין קינדער, נאָר שונאים. צרות, און וויסטע אָנשיקענישען... זיי צאפּען אייער בלוט, און דערקירצען אייך די יאהרען. דער טאַטע איז קיין טאַטע, און די מאַמע קיין מאַמע ניט... סיידען אז זיי קענען ביי אייך אפּלעקען אביינדעל... טאָמער חלילה ניט, דאַרפען זיי אייך אויף נײַנציג כפּרות...

וועט איהר דאָך פרעגען, הלמאי האב איך זיך פאַרנומען אויף די קינדער, און בין זיי א דם שונא... וועל איך אייך באַווייזען פאַקטיש, אז איהר דאַרפט אויף מיר קיין פאַריבעל נישט האָבען. מיר איז אויסגעקומען די לעצטע צייט צו באַזוכען א פרוי וועלכע וואוינט ניט ווייט פון מיר, אַן עלטערע פרוי, א שוואכע, א קראַנקע נעבעך, אזעלכע אז ווער עס קומט אריין זי מבקר חולה זיין קויפט זיך עולם הבא.

אָט די ארימע פרוי, האט א זוהן, אַן איינציגען זוהן, נאָך אין איהרע יונגע יאהרען, איז זי פאַרבליבען אַן אלמנה, און געמוזט שווער און ביטער ארבייטען פאַר זיך און פאַר איהר קינד, וועלכעס איז ביי איהר געוועזען טייערער ווי איהר אויג אין קאָפּ. אליין פאַר זיך האָט זי קיין זאַך'ניט פאַר־גונען, אָבער פאַר דעם קינד האָט געמוזט זיין.

זי האָט געהאנדעלט מיט וואס עס האט זיך געלאזט, זי האט געארבייט ביי וואָס נאָר מעגליך, גאַנץ גוט פאַרדינט. זי האָט געהאַלטען דעם תכשיט אין סקוהל ביז 16 יאהר, געלאָזט איהם בילדען, שטודירען, ער זאָל זיין פאַרזאָרגט מיט זיין צוקונפט, און דער עיקר, זיין א מענש מיט לייטען גלייך...

ווען ער איז עלטער געווארען און אנגעהויבען פאַרדינען, האט זי זיין געלט וועלכעס ער האָט פאַרדינט, און איהר אָבגעגעבען, ניט באַריהרט.

זי האָט ביי זיך באַשלאָסען, חלילה נישט צו באַנוצען זיך מיט דעם קינד'ס האָרעוואַניע, ארויסגענומען א באַנק ביכעל אויף זיין נאמען, און געשפּאָרט א פעני צו א פעני, און אליין זיך ווייטער געמאַטערט און געארבייט, זי איז שוין אפילו געווארען שוואכער אין געזונד. אבער זי האָט אליץ פאַר ליב גענומען, און טיעף אין הארצען געהאָפט, אז שפּעטער, אין די עלטערע יאָהרען, וועט ער

איהר אַבדינען פֿאַר אלץ. וואָס זי טוט פֿאַר איהם יעצט, ער וועט איהר צוטיילען כבוד, נחת און פֿארגעניגען... אזוי ווי יערער נארישע מאמע טראכט און האָפֿט...

מיט עטליכע יאהר שפּעטער, האט זי איהם דערלאנגט, די אבגעשפּאָרטע סומע געלט, ער האָט זיך געעפֿענט א געשעפֿט, און דער מאמעס ברכה, איז איהם מקוים געוואָרען, עס האָט איהם אָנגעהויבען געהן גוט, און נאך בעסער, דאַן האט ער אנגעהויבען פֿארברענגען אין בעסערע געזעלשאפֿט, זיך אויס־מישען מיט פֿארשידענע רייכע מענשען, דאס איז איהם שטארק געפֿעלען, עס האָט צו איהם אפּעלירט אזא מין סאָרט לעבען, דאס ערשטע וואס ער האָט געטון, נאכפֿאלגען דעם ביישפּיל פֿון זיינע נאהנטע חברים, האט ער זיך געקויפֿט אַן אויטאָמאָביל, א שעהנעם, א טהייערען, אזוי אז ער האט זיך נישט געהאט וואס צו שעמען געגען זיינע פֿריינד...

אין א געוויסען אבענד, איז ער אהיים געקומען, און מודיע געווען זיין מוטער, אז ער האָט באשלאָסען זיך ארויסצוציהען פֿון דער היים, ווייל ערש־טענס איז איהם דאָ ניט באקוועם, ער מוז פֿארנעהמען ווענינגסטענס דריי צימערען פֿאר זיך אליין, און צווייטענס פּאסט נישט פֿאר א מענש אין זיין שטאנד צו וואוינען אין דער איסט ענד.

די מאמע איז שוין דאַן געווען קראַנק און צובראכען, מיט אַן איינגעבוי־גענעם רוקען, א געל צוקנייטשט פּנים און ציטערדיגע הענט, אלס רעזולטאַט פֿון דער שווערער ארבייט אין דער יוג ענד, דאס איז געווען דעם דאָקטאָר'ס דעפֿיניציע.

זי האט זיך זעלבסטפֿארשטענדליך דערפֿיהלט זעהר צובראכען פֿון דער בשורה וועלכע איהר איינציגער זוהן האָט איהר יעצט אָנגעזאָגט.

דער זוהן האט עס באמערקט און אלס טרייסט איהר צוגעזאגט, צו באַזאָרגען מיט אלעם נויטען, און קומען איהר זעהן אזוי אָפֿט ווי נאר מעגליך, אָבער איצט קען ער לענגער נישט פֿארבלייבען, ווייל זיין נייע קאר שטעהט אין דרויסען, און די איסט-ענדער מזיקים, וועלען זי צוברעכען, אז ער וועט זי נישט אוועקנעהמען...

דער מאמע'ן איז דער אויסדרוק פֿון איהר זוהן נישט שטארק געפֿעלען געוואָרען, ווייל ווי לאנג איז אז דו אליין ביזט געווען א איסט-ענדער מזיק?... (האט זי געטראַכט) אבער זי האָט קיין זאך נישט געזאגט, איהר הארץ איז שוין אזוי אויך געווען פֿול מיט וועהטאג.

ער האָט זיך מיט איהר הארציג געזעגענט, אפֿילו איהר א קוש געגעבען, צו באווייזען זיין ליבע צו איהר...

די ערשטע צייטען פלעגט ער קומען רעגעלמעסיג, איינמאל אין וואך, און פארברענגען מיט דער אלטער א לענגערע צייט. זי האט פאר איהם צוגע־גרייט אלע מאכלים, וועלכע ער האט ליב, און געשעפט נחת, ווען ער האט געגעסען אדער געטרונקען. שפעטער אבער, זענען די וויזיטען געווארען זעל־טענער, נאר איהר געהאלט פלעגט ער איהר צושיקען רעגעלמעסיג, און איהר פארזיכערען אין יעדען בריף, אז ער פיהלט זיך גאט זיי דאנק געזונד, אבער די געשעפטען דערלאזען איהם ניט קומען אפטער פאר א געוויסער צייט, ווען עס וועט ווערען שטילער אין פאך... ער בעט איהר זי זאל זיך וועגען איהם נישט זארגען ער איז אלרייט...

מיט א יאהר צוריק, איז ער א חתן געווארען צו א מיידעל, פון א זעהר רייכער פאמיליע... ער האט וועגען דעם געלאזט וויסען, זיין ליבע טרייע מאמע'ן, און איהר צוגעזאגט אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט אראבצוקומען צו איהר מיט זיין כלה, נאר אזוי ווי די גינסטיגע געלעגענהייט איז נאך אלץ נישט געקומען, האט ער איהר דערווייל צוגעשיקט זיין כלה'ס פאטאגראף, מיט וועלכען די אלטע האט זיך נעבעך געטרייסט, און גאט געבעטען פאר א גוטען מזל...

אין א געוויסען אבענד האט ער זיך אראבגעכאפט צו דער ארימער מאמע'ן, אבער ער האט נאר פארברענגט א גאנץ קורצע צייט, ווייל ער איז געווען שטארק באשעפטיגט, יענעם אבענד, ווי ער האט ערקלערט, געקומען איז ער ספעציעל צו דער מאמע'ן איהר צוטיילען נחת, און ווייזען דעם רינג וואס ער האט געקויפט פאר זיין כלה.

די אלטע האט באטראכט דעם רינג, צוגעוואונשען דעם זוהן פיל מזל, און גליק... און ווען ער האט איהר דערצעהלט אז ער האט פאר דעם רינג באצאלט הונדערט פונט, האט זי דעם רינג ווידער אמאל באטראכט, און זיך דערמאנט אין יענע צייטען ווען זי פלעגט זיך ניט פארגינען אבצועסען א זאטען מאל־צייט, און נעשפארט אלץ פאר איהם, פאר דעם איינציגען זוהן, און געהאפט צו האבען אביסעל פרייד און נחת אויף דער עלטער... אלץ איהם אוועק־געגעבען... איהר געזונד, איהר יוגענד, איהר לעבען, פאר איהם איהר בלוט און פלייש און איצט שענקט ער עס אוועק א פרעמדע, וועלכע האט קיין שייכות נישט דערצו, וועלכע זי קען אפילו נישט...

צוויי גרויסע טרערען האבען זיך באוויזען אין איהר שוואכע קראנקע אויגען, אבער זי האט זיי שנעל אבגעווישט כדי איהר קינד קיין עגמת נפש ניט צו פארשאפען...

פלוצלונג איז זי באפאלען א פארלאנג זיך מיט איהם אבצורעכענען, מאכען א חשבון הנפש פון דער גאנצער צייט, פאר זיין אונגערעכטער האנד־לונג נעגען איהר, פאר ניט פארשטעלען זיין כלה וועלכע ער האט אבזיכטליך

נישט געוואָלט אַראָבברענגען אין דער איסט-ענד. פאַר שעמען זיך מיט דער געגענד, וואו זיינע טאַטע־מאַמע האָבען געלעבט א גליקליכען כאָטש אַן אָרימען לעבען, די געגענד וואו ער איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען, דער זועהטאג האָט איהר געמאַטערט מעהר ווי אלץ, און איהר קיין רוה געגעבען.

אָבער זי האָט זיך באהערשט, צוריקגעהאַלטען, ניין, זי קען איהר קינד קיין וועהטאג נישט פאַרשאַפען, ער איז דאָך איהר קינד, דאס איינציגע וואָס זי פאַרמאָגט אויף דער וועלט. ניין, האָט זי זיך באוואויגען צו טראַכטען, עס וועט נאָך גוט זיין, אפשר וועט די שנור האָבען א גוט הארץ און זיך באנעהמען בעסער געגען איהר ווי דער זוהן, און אָט דער געדאַנק האָט זי באַרוהיגט, זי האָט זיך צוזאַמען גענומען און א שמייכעל געטון צום זוהן...

מיט איין וואָך צוריק האָט ער חתונה געהאַט. די צערעמאָניע איז געוואָרען געפּראַוועט אויפ'ן שעהנסטען אופן, אזוי ווי עס פאַסט פאַר איהם... אבער זי, די אומגליקליכע מאמע, איז דאָרט נישט געוועזן... זי איז געזעסען יענעם טאג איינע אליין אין שטוב און זיך באַגאָסען מיט הייסע טרערען...

אויפ'ן צווייטען טאָג האט זי באקומען א בריף פון איהר געטרייען זוהן, אין וועלכען ער שרייבט פאָלגענדעס:

ליבע מאמע, איך בעט דיך, זיי אויף מיר נישט ברוגז, פאַרוואָס איך נעהם דיך נישט מיט צו מיין חתונה, גלויב מיר אז עס טהוט מיר וועה מיין הארץ, אָבער פאַרגעס נישט ווער מיינע מחותנים זענען... איך שווער דיר אָבער צו מאַמעלע, אז באַלד אויף צו מארגענס קום איך אראָב מיט מיין ווייבעל דיך זעהען...

איך קען דיין גוט הארץ, און ווייס אז דו וועסט מיר אלץ פאַרגעבען, און אונטערצייכענט זיך,

דיין געטרייער זוהן, הענרי.

עס איז אויס וועלט, זאג איך אייך, אז אזעלכעס קען פּאַסירען, ווי דאס וועגען וואס איך האָב אייך יעצט איבערגעגעבען.

מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איך בין געוואָרען אויפגעבראַכט אויף אלע קינדער אין דער וועלט, בלאָפערס, שווינדלערס, גנבים, האָב איך גע-טראַכט מיט האס צו זיי אלעמען, איבערהויפט בין איך בייז אויף די זיהנד'לעך...

אין דער שטימונג בין איך אריין אין הויז, און ווער קומט מיר אנטקעגען דער ערשטער?—מיין זוהן דייווידל—איך האָב איהם געכאַפּט אויף דער שוים, גוט אָנגעשמיסען, שרייענדיג: אָט, דו בלאָפער, דו מזיק, דו פרייז פייטער

מײנער. װאַרט, דו ביזט נאָך מיט מיר נישט פֿאַרטיג. װאַרט װען דו װעסט גרױס װערען, װעל איך זיך ערשט אָברעכענען מיט דיר, װאַרט דו שײגעץ אײנער.

דער אינגעל האָט זיך פֿאַרשעמט און איז רױט געװאָרען. געװעהנליך קרינט ער אַזאַ חלק, פֿאַר עפּעס, איצט איז ער אָבער אונשולדיג, און פֿרעגט מאַמע פֿאַרװאָס?

אָבער געה ענטפֿער איהם, אז איך װײס אלײן נישט...

# דעם טייפעלס שפּאַס...

גאָלדמאַן איז א לעב־יונג, א קלוגער דורכגעטריבענער בחור, און דאָס האבען אלע געוואוסט.

האָט גאָלדמאַן זיך עפּעס אונטערגענומען, האט ער געמוזט אויספיהרען אונטער אלע אומשטענדען, איהם בלאָפען, אָדער גלאט דערצעהלען א מעשה, האָט קיינער ניט געקענט, אינסטינקטיוו האט ער דערשמעקט דעם ליגען, און יענער וואָס האָט איהם דערצעהלט, האָט אליין געמוזט צוגעבען, אז ער האט געפרופט איהם אָבנארען.

אבער ווען דעם טייפעל פארגלוסט זיך א שטיף צו טהון מיט אַ מענשען, מאכט ער פון דעם גרעסטען חכם א נאר...

און דאָס האָט ער אויך געמאכט פון גאָלדמאַנען. אָט ווי אזוי עס האָט פאַסירט:

אין אַ געוויסען אבענד איז ער אהיימגעקומען א זעהר צופרידענער, עפּעס איז איהם יענעם טאָג אלעס געגאַנגען ביים גלייכען.

ער האט געמאכט גוטע געשעפטען, באקומען א צופרידענשטעלענדען בריף פון זיינע עלטערען אין פוילען, א לאנדסמאַן האט איהם פאָרגעשלאָגען א שעהנעם שדוך; דאס אלעס האָט איהם אריינגעבראכט אין אַ גוטער שטי־מונג, און ער איז געווען צופרידען פון זיין לעבען.

נאכדעם ווי ער האָט אָבגעגעסען זיין סאפּער, האָט ער זיך איבערגעטון אין זיינע שבת׳דיגע קליידער פארקעמט די האָר, און ווען ער האָט ערנסט א קוק געטון אין שפּיגעל, האט ער באמת הנאה געהאט פון זיך אליין.

און פארוואָס זאָל איך טאקע ניט טון א גוטען שדוך? האט ער זיך גע־שמעלט די פראגע?

איך בין שעהן, קלוג, א ביזנעס מאַן. „דאכט זיך מיט אלע מעלות, וואָס נאָך קען אַ מיידעל פארלאנגען פון א יונגען מאַן?...

באהערשט פון אלע גוטע מחשבות און גייסטיגע צופרידענהייט, האָט זיך איהם פארגלוסט א לעב צו טהון...

ער האָט אָנגעטון זיין ראָק און הוט און גאַנץ אונבאשטימט אין וועלכער פאָרמע אויסצודריקען זיין פארגעניגען, איז ער ארויס אין גאס.

דער הימעל איז געווען פארצויגען מיט לייכטע וואָלקענס, ס׳איז געווען קאלט, אָבער דאָך גאַנץ אָנגענעהם צו שפּאצירען. אבער ניט דאָס האָט איהם צופרידענגעשטעלט. ער האט גענומען מאכען פּלענער וואָס צו טון מיט זיך

כדי צופרידענצושטעלען זיין פארלאנג. זאל ער געהן אין טעאטער? אין קינעמא?

„ניין", טראכט ער „דאס איז צו פראסט, צו וואכעדיג לויט זיין היינטי־גער שטימונג, עס האט זיך איהם געוואלט אנ'אנדער פארטעניגען. ניט אן אלטעגליכען... עס האט זיך איהם געוואלט בייטען די סביבה אין וועלכער ער געפינט זיך יעצט.

דאס רוישען פון די פארביילויפענדע טראמווייען, אויטאמאבילען און אנדערע געגענשטענדע, וועלכע מאכען א שרעקליכע טומעל, און פארדרעהען דעם מוח, די דורכדרינגענדע מאסע אויף די טראטוארען וואס שלאגען אן איינער אויפ'ן צווייטען.

אט דאס אונרוהיגע גיהנום־לעבען, האט זיך איהם געוואלט פארבייטען כאטש אויף עטליכע שעה פאר א שטילען רוהיגען ווינקעל, באהערשט פון צערטליכקייט און תאוה...

פלוצלונג איז זיין בליק געפאלען אויף א פרוי וועלכע איז געשטאנען אויף א קארנער און געדרעהט איהר קאפ אויף אלע זייטען, ווי זי וואלט ווע‏מען געזוכט.

ער איז צו נעהענטער, און דערזעהן פאר זיך א שעהן יונג מיידעל גע־קליידעט נאך דער לעצטער מאדע. אויף דעם קאפ האט זי געטראגען א בריי טען שעהנעם הוט טיעף אראפגערוקט ביז איבער די אויגען, טראץ דעם האט זיך ארויסגעזעהן א שעהן געטאקט נעזעל, א צארטע ווייסע הויט, און פולע זאפטיגע קארשען־ליפען... ס'איז איהם איינגעפאלען א געדאנק באהערשט פון א געפיהל, ער איז נעהענטער צו און זיך אוועקגעשטעלט הארט נעבען איהר.

זי איז באוועגלאז געבליבען שטעהן אין דער זעלבער פאזע, וואס האט באוויזען, אז זי איז ניט דאגענען זיין נאהענטקייט.

נאך עטליכע מינוטען שווייגען רופט זיך אן גאלדמאן אין א זעהר העפליכען טאן:

„א שעהנער אבענד, ניט אמת פריילין?"

„יעס, זעהר שעהן" האט זי איהם געענטפערט, ניט קוקענדיג איהם גלייך אין פנים.

די צייטונגען שרייבען אבער, אז עס וועט היינט רעגענען, האט ער פארטגעזעצט אין זעלבען טאן, באטראכטענדיג זי פון אויבען ביז אראפ.

עס וואלט פיל ראטזאמער געווען פאר אייך פריילין צו געהן אהיים, און באשיצען זיך אונטער א דאך און ניט ארומצוגעהן אין גאס האט ער באמערקט און אונגעדולדיג געווארט אויף איהר ענטפער.

יעס, איהר האט רעכט, מיין הערר, אבער ווילט איהר מיך באגלייטען אהיים? איך וואוין ווייט פון דאנען, און מיר איז אונמעגליך צו געהן אליין האט זי שמייכלענדיג א זאג געטון.

גאלדמאן איז געווען שטארק צופרידען, וואס ער האט זיך אן איהר ניט

געגאַרט, מיט איהר איינלאַדענען איהם אהיים, האָט זי איהם איבערצייגט, אַז זי איז אַזאַ... וועלכע ער זוכט...

„יעס", האָט ער ענטשלאָסען געענטפערט, „איך געה מיט אייך; וואו איז אייער אדרעס?"

זי האָט ארויסגענומען פון איהר האנד־בייטעל א קאַרטעל און עס איהם דערלאַנגט. ער האָט דאָס איבערגעלעזען און געזאָגט:

„גוט! די גאַס איז מיר זעהר גוט באַקאַנט".

„קען איך אָננעהמען אייער האַנט?" האָט זי איהם געפרעגט.

„מיט פאַרגעניגען פריילין" האָט ער געענטפערט, ארומקוקענדיג זיך אויף אַלע זייטען, אויב עס געהט נים עפעס א באַקאַנטער...

און אַזוי זענען זיי ביידע אוועק!

ער האט מיט איהר גערעדט וועגען פאַרשידענעס. זי האָט איהם אויף אַלעס געענטפערט צו דער זאַך. גאָלדמאַן האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אַז צווישען די... געפינען זיך אויך אַזעלכע אינטעליגענטע און באַוואוסט־זיניגע מיידלעך. זיי זענען פאַרביי געגאַנגען אַזעלכע הינטערגעסלעך, וועלכע זענען איהם געוועזען גוט באַקאַנט.

זי האָט צו איהם ווייטער גערעדט, אָבער ער האָט איהר מעהר ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל פיהלענדיג זיך שוין גאַנץ נאָהענט צו זיין ציעל, האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט פאַרשידענע בילדער...

אָט איז ער אין א שעהנע מעבלירטע שטוב, מיט ווייכע געבעטע שטוהלען, א ווארים פייער ברענט און אויבען דערנעבען א באַקוועמע קאַנאַפע. ער אליין מיט איהר אין צימער... זיין ליידענשאַפט שטייגט מינוטען־ווייז...

ענדליך זענען זיי אָנגעקומען צום באַשטימטען פּלאַץ. ער האָט פריי אָבגעאָטהעמט...

נעבען דער טהיר זענען זיי שטעהן געבליבען אָהן א וואָרט צו זאָגען, האָט זי ארויסגענומען א שליסעל פון איהר קעשענע און אויפגעשלאָסען, דאַן האָט זי זיך אומגעקעהרט צו גאָלדמאַנ'ען, גענומען זיין האַנד אין א דאַנק־באַרען טאָן צו איהם געזאָגט:

„מיין העררע, איך דאַנק אייך פון גאַנצען הארצען דערפאַר, וואָס איהר האָט מיך אָפּגעפיהרט אהיים... איהר פאַרשטעהט, האָט זי ווייטער גערעדט און פאַרשעמט אראָפּגעלאָזט די אויגען, „איך בין א בלינדע—איך קען ניט געהן אָהן א באַגלייטער!"...

נעענדיגט די ווערטער, איז זי שנעל אריין אין הויז און פאַרשוואונדען הינטער דער צוגעמאַכטער טיהר!

גאָלדמאַן איז געבליבען שטעהן עטליכע מינוטען שטאַרק ערשטוינט און אָהן לשון.

ער האָט זיך ביטער צולאַכט און געזאָגט צו זיך אליין מיט פאַרדרוס:

„צום טייפעל זאָל עס געהן, זי האָט מיך אָפּגענאַרט!"...

# אָפּגענאַרט

אין א געוויסען אבענד בין איך מיר געזעסען איינע אליין אין מיין צימער און געטראכט וואו נעמט מען א סוזשעט צום שרייבען? מילא, איז נישטאָ וואס; שרייבט מען נישט היינט וועט זיין מארגען. איז דאָך אבער פונקט ווי צו להכעיס, ווייל עס איז נישטאָ ווילט זיך דוקא! און כאַטש דראפּע זיך אויף די ווענט... און מיט אמאָל, אזוי ווי צוגעשיקט פון הימעל, מאַכט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין מיינער א גוטער פריינד.

און אזוי ווי עס האָט זיך אין מיר צושפּילט די שרייב־לוסט, בין איך אויף איהם אָנגעפאַלען, און ארוים מיט לשון:—ברודער, האָב רחמנות, און גיב מיר שטאָף צום שרייבען!

—שטאָף צום שרייבען? — —האָט ער קאַלטבלוטיג געפרעגט, און זיך לאַנגזאַם אראָפּגעלאזט אויף א שטול—וואס צום ביישפּיל?

—אָט וואס עס זאָל נישט זיין! — האב איך געענטפערט.

מיין פריינד האָט זיך אויף א ווײַלע פאַרטראכט און דאן האָט ער געזאגט צו מיר מיט אַן ערנסטען טאָן;

—הער אוים, איך האָב א פלאַן, א גוטען און א גיכען. ביי מיר זענען פאַראן שריפטען, סקיצען און ערצעהלונגען, פון א געוויסען בארימטען שריי־בער. דו פאָלג׳מיך, נעהם איין קאָפּיע פון יענע שריפטען, שרייב זיי איבער, שרייב אונטער דיין נאמען און שיק אוועק אין רעדאַקציע. עס וועט קיינעם נישט איינפאַלען אז עס איז גע׳גנב׳עט, און דו וועסט האָבען א מציאה.

דער פלאַן איז מיר געפעלען.

עס האָט נישט לאַנג גענומען, און דער בוך מיט די שריפטען איז געלעגען אויף מיין טיש.

מיר האבען זיך ביידע אוועק געזעצט, דורכגעבלעטערט און אויסגעזוכט איינס פון די בעסטע זאכען.

מיין פריינד האָט פאַרגעלעזען און איך האָב געשריבען, און ווען עס איז געקומען צו דער ענדע און איך האָב באַדאַרפט אונטערשרייבען מיין נאָמען, מוז איך זיך מודה זיין אז מיר האָט גענומען קלאַפּען דאָס הארץ, פונקט ווי איך וואָלט באַדאַרפט אונטערשרייבען א פרעמדען וועקסעל.

— סטייטש — האָבען מיינע עהרליכע געפילען פּראָטעסטירט אין מיר —ווי גנב׳ט מען עפּעס ביי יענעם? און נאָך ביי וועמען? ביי אזא גרויסען שרייבער!..

דאָך האָב איך זיך באהערשט, אונטערגעשריבען און א סוף, אוועק געכמאַלעט אין רעדאַקציע.

מיט אונגעדולד האָב איך אנגעהויבען צו זוכען יעדען טאג אין דער צייטונג, צו געפינען דאָרט מיין ערצעהלונג...

דערווײַלע, אוים לאַנגווייליגקייט, האָב איך גענומען נאכאמאָל דורכלעזען די זעלבע ערצעהלונג. דאָס איז געווען א שילדערונג ווי אזוי א יונג־פאַרליבט פאָרל האָבען פאַרבראַכט זייערע ערשטע ליבעס נעכט, ביי דעם שיין פון דער זילבערנער לבנה אין דעם וועלדיל הינטער דער שטאָדט, דאָרט וואו מענשען געהן זעהר זעלטען... דאָרט איז אַלעס אזוי פוסט... נאָר די שאָטענס שוועבען ארום אין דער לופט, פונקט ווי מתים א.ז.וו. אזוי האָט זיך געצויגען די פּאָעטישע זייט פון דער ליבע אויף מיילען און מיילען ווייט. ביז דער פאַרפאַסער פיהרט אונז צו צו דער הויפּט האַנדלונג, און איבערהויפּט צו דעם מוסר השכל פון דער זאַך, דערווײַלע פאַרגעסט מען ווי אזוי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען...

און אז עס טרעפט זיך א לעזער, וואָס וויל וויסען ווי אזוי די געשיכטע פאַנגט זיך אָן, מוז ער מישען א פּאָר בלעטלאַך צוריק... און שיער בין איך ביין געוואָרען אויף דעם דיכטער פאַר וואָס ער האָט נישט קיין מיטלייד מיט די לעזער. אָבער דערמאָנענדיג זיך אז איך האָב דאָ נישט צו טאָהן מיט אבי וועמען, האָב איך דעם כעס אויסגעלאָזט צו זיך אליין: וואָס הייסט? וואָס פאַר א רעכט האָב איך, קליין מענשעלע, צו קריטיקירען אזא גרויסען דיכטער? איך, און מיר אַלע, מוזען דאָך איהם רעספעקטירען, א סימן וועל איך האָבען ווי מען וועט מיין — דאס הייסט זיין — ערצעהלונג אויפכאפּען אין דער רעדאַקציע... און אז גאָט וועט העלפען און קיינער וועט נישט געוואָר ווערען אז איך האָב עס גנעלאָטכענט, קען עס מיר נאָך פאַרשאַפען א ליטעראַרישען נאָמען אויך — און דער געדאַנק האָט מיך שטאַרק צופרידען געשטעלט.

עס איז אוועק א טאָג, נאָך א טאָג און אין דער צייטונג איז גאָרנישטאָ!

וואָס טהוט מען? טראַכט איך — וואָס זאל דאָס באדייטען? געהן פּער־זענליך אין רעדאַקציע האָב איך זיך נישט געפיהלט גענוג מוטיג. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז מען וועט אויף מיר אָנפאַלען און מיר א זאָג טאָהן: גנב! דו האָסט גע׳גנב׳עט פרעמדעס, עס איז נישט דיין... און מיר ווערט אזש קאַלט אין די ביינער.

איך געה נישט — טראַכט איך — איך וועל נאָך וואַרטען, מאָרגען וועט עס געווים ערשיינען.

צו מאָרגענס בין איך אויפגעשטאַנען באַלד אין דער פריה, אָנגעטאָהן זיך געשווינד, אראָפּ אין גאַס, פונקט ווי מען וואָלט מיך געטריבען מיט שטעקענס, אריין אין דער ערשטער קראָם און געקויפט א צייטונג. איך האָב גענומען זוכען אויף אַלע זייטען, נישטאָ! שלעכט — טראַכט איך — איך האָב זיך אַליין גענאַרט.

איך האָב אָנגעהויבען געהן מיט לאַנגזאַמע טריט צוריק אהיים. עס האָבען

זיך מיר געמייט פֿאַרשידענע געדאַנקען אין קאָפּ: ווער ווייסט צי מען איז שוין נישט געוואָר געוואָרען דעם אמת? און מיט וואָס פֿאַר אַ אויגען וועט מען יעצט קוקען אויף מיר? און מיר האָט שוין גענומען פֿאַרדריסען די גאַנצע געשיכטע צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפֿט?

אז נישט געדאַכט זאָלען ווערען די גוטע פֿריינד, האָב איך געטראַכט, זיי קענען צורעדען גאָט ווייס צו וואָס. איך האָב זיך גענומען שעמען פֿאַר זיך אַליין, און מיר האָט שוין אויסגעוויזען אַז אַלע פֿאַרביינגעהער קוקען מיך אָן און לאַכען פֿון מיר... זיי ווייסען מן הסתם וואס איך האב אין זינען און דערפֿאַר לאַכען זיי, אַז לאַכען זאָלען זיי מיט יאַשטשערקעס, טאטע זיסער אין הימעל — טראַכט איך זיך.

ערשט אַז איך בין אַריין אין שטוב און אַ קוק געטאָהן אין שפּיגעל, האָב איך זיך איבערצייגט אַז נישט פֿון מיינע געדאַנקען האָט מען געלאַכט, נאָר פֿון מיין קראַנען וועלכען איך האָב אָנגעטאָהן פונקט פֿאַרקעהרט.

ניין, זאָג איך צו זיך אַליין, עס וועט לענגער נישט געהן, איך וועל צוגעהן אין רעדאקציע און געוואָהר ווערען וואס עס הערט זיך וועגען מיין ערצעהלונג, וועלכע איז מיר אַזוי שווער אנגעקומען... און איך האב טאקע זיך גלייך ארומגעוואשען, כדי איך זאָל אויסזעהן ווי אַ שטיקעל מענש... אויסגעגלייכט דעם קאלנער, געמאַכט זיך קוראַזש און לאָז זיך געהן. ערשט מען ברענגט מיר אַ בריף.

איך רייס אויף דעם קאָנווערט און לעז פֿאָלגענדעס:

„געעהרטער הערר! איך בין געוואָרען באַאויפֿטראַגט פֿון מיין רעדאקטאר אייך צו לאזען וויסען, אַז אייער ערצעהלונג איז נישט דרוקבאר, און אויב איהר וועט אין דער צוקונפֿט נישט זיין אימשטאנדע אנצושרייבען עפּעס בעסערעס ווי דאָס, וועט איהר בלייבען אַ נודניק, נישט קיין שרייבער"...

איך בין געוואָרען ערשטוינט, און עס האָט מיך שטאַרק פֿאַרדראָסען וואָס מען האט מיך אַזוי באַליידיגט אויף יענעם'ס חשבון.

איך האב גענומען דעם בוך הינטערן אָרעם, און אוועק אין רעדאקציע אויספֿיהרען אַ נצחון, ניט אכטענדיג אויף די קאָנסעקווענצען.

איך בין גלייך אריין אין אָפּיס, וואו איך האב געפֿונען דעם רעדאקטאר זיך וואַרימען ביי אַ פֿרעהליכען פֿייער, און צו מאכען דאָס קורץ, האָב איך איהם געפֿרעגט, ווארום מיין ערצעהלונג איז איגנאָרירט געוואָרען? ער האָט מיר געענטפֿערט דאס זעלבע וואס איך האב שוין געלעזען אין בריף און ער האָט נאָך צוגעגעבען, אַז אויב מען קען נישט, שרייבט מען נישט!

איך בין געוואָרען זעהר אויפֿגערעגט, האסטיג געעפֿענט דעם בוך, און איהם אנגעצייגט ער זאָל לעזען. ער האָט נערוועז גענומען קוקען און ער האט איבערגעלעזען דעם נאָמען פֿון ריכטיגען שרייבער און זיך געכאַפּט וואָס איך האָב געטאהן און וואס ער האָט געזאגט, האָט ער לאַנגזאם אויפֿגעהויבען דעם קאפּ, און אַ קעלבערנער שמייכעל האָט זיך צושפרייט אויף זיין פנים און ער האט געשעפּטשעט:

—איהר האָט מיר אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט... הא?

# אַ באַגעגעניש...

מיר פלעגען זיך באגעגענען ביי די מיטינגס פון דער „צער־בעלי־חיים" סאָסייטי.

ער, פלעגט מיר שטענדיג צוווארפען פריינדליכע בליקען אבער איך האָב איהם נישט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט.

ביז, אין אַ געוויסען אבענד, האָט ער זיך צו מיר צוגעשארט, און איינגערוימט אַ סוד אין אויער.

איך האב אייך ליעב...

מיר איז געפעלען זיין חוצפה, און איך האָב באשלאָסען, צו פיהרען שפאס מיט איהם.

עס כאפט אייך אָפט אזוי אָן. האב איך געפרעגט סארקאסטיש?

לאכט נישט פון מיר, איך מיין עס ערנסט! האָט ער געזאגט!

חלילה! זאָל גאָט היטען וואָס איז דאָ פאראנען וואָס צו לאכען? האב איך.געמאכט אַן ערנסטע מינע, אָבער איהר דארפט ניט פארגעסען אז איך האָב אַ מאן!

עס מאכט נישט, האָט ער גענטפערט גאנץ רוהיג, היינטיגע צייטען רעכענט מען זיך נישט מיט אזעלכע קלייניגקייטען... מיט איהם וועט מען שוין פארטיג ווערען, דער עיקר איז וואָס זאָגט איהר?

איך זאָג איהר זאָלט נישט זיין קיין נאר...

איך בין שוין גארנישט קיין נאר, ווייל אַ חוץ דער ליבע איז פאראן נאָך אַ פונקט וועלכער בארעכטיגט מיך צו זיין נעהנטער פארבונדען מיט אייך.

וואָס, צום ביישפיעל? בין איך שוין געוואָרען נייגעריג.

איך האָב געהערט אז איהר זייט אַ שרייבערין, און אַזוי ווי איך בין אַ פּאָעט, וואָלט געווען ראַטזאם אז מיר ביידע זאָלען עפעס שאפען, ווי למשל אַ פּיעסע.

אהא, יעצט פארשטעה איך אייך שוין בעסער, איהר זייט אַ פּאָעט און ווילט אַז מיר ביידע זאָלען באַרייכערען די וועלט מיט אַ קאמבינאציע... נו, אויב אַזוי מיין געליעבטער פּאָעט, וויל איך אייך ערקלערען אז איך האָב שוין אַמאָל געמאכט אַזאַ פּארזוך, אָבער עס האָט זיך נישט איינגעגעבען—און איך האָב חרטה ביז דעם היינטיגען טאָג...

איך פארזיכער אייך אָבער, אַז אונזערער וועט זיך יאָ איינגעגעבען און איהר וועט דערפון הנאה האָבען. אבער קודם כל, בעט איך אייך מיר צו

ערלויבען אייך צו באגלייטען אהיים היינט אבענד, רויבט מיך נישט פון דעם פארגעניגען, מאדאם.

אָה ביטע זעהר, קומט, מיר זענען ארויס אין גאס.

ער איז געגאנגען נעבען מיר, און נישט אויפגעהערט צו לויבען מיינע מעלות און אייגענשאפטען, מיך באווארפען מיט קאמפלימענטען און מיר פארזיכערען אז זיין ליבע צו מיר איז אן אמת'ע, עהרליכע און איבערגעבענע קיין מאן איז נישט בכח אבצושאצען די ווערט פון א פרוי, אזוי ווי ער מיט זיין פאעטישער נשמה און אינסטינקטיוו האט ער מיר דאס פארזיכערט. אבער פון וואנען זייט איהר איבערציינגט אין דעם אלעם מיט וואס איהר באזינגט מיך, מיר קענען זיך ערשט אזא קורצע צייט, איז דען נישט מעגליך אז איהר מאכט א טעות? אה, ניין. מיר פאעטען האבען א ווייטען קוק אויפ'ן לעבען איין קוק אין אייערע שעהנע אויגען, וועלכע שפיגלען אפ אייער איידעלע נשמה, איבערצייגט מיר, אז איך בין פאלקאם בארעכטיגט צו רעדען און האנדלען לויט מיינע געפיהלען, איך בעט אייך טייערע אין נאמען פון דעם גאט פון ליבע, ערלויבט מיר צו זיין נאהענט מיט אייך, נעבען אייך אום צו שטילען מיין הארצענס פארלאנג...

מיר זענען דערווייל צוגעקומען צו מיין הויז, איך האב איהם פארשפראכען א טראכט צו טהון וועגען דעם, און איהם לאזען וויסען מיין באשלוס, ער האט מיר נעלאזען זיין אדרעס צו דעם צוועק, מיר האבען זיך געזעגענט און ער איז אוועק. איך בין אריין אין שטוב, ס'איז געווען שטיל, אלע זענען שוין געשלאפען, איך האב זיך אוועקגעזעצט און פארטראכט... זיינע קאמפלימענטען האבען געווירקט...

קיינמאל האב איך וועגען מיין אויסזעהן נישט געטראכט אזוי ערנסט ווי אין יעצטיגען מאמענט.

כ'האב זיך אויפגעשטעלט און א קוק געטהון אין שפיגעל...

שוין א לאנגע צייט ווי איך האב פון קיינעם נישט געהערט אזעלכע באמערקונגען וועגען מיין אויסזעהן און אייגענשאפטען און איך האב איינגעזעהן אז ער האט פאלקאם רעכט...

איך בין געווארען באגייסטערט, א מאדנע קראפט האט מיך געצויגען צו איהם. אבער דענקענדיג וועגען די קאנסעקווענצען וועלכע קענען ענטשטעהען, האב איך געקעמפט נעגען דעם געדאנק, און באשלאסען צו דערשטיקען אין זיך דעם געפיהל...

עס זענען אוועק איינינע טעג, און מיין קאפ איז געווען פארדרעהט, איך האב אלץ גערענקט וועגען איהם. אין א געוויסען נאכמיטאג, האט מען אנגעקלאפט אין טיר, איך בין געבליבען ערשטוינט ווען כ'האב דערזעהן מיין געליעבטען פאעט...

איהם האט זיך שטארק פארבענקט נאך מיר, האט ער מיר ערקלערט, און ער איז געקומען אבנעהמען די תשובה וועלכע איך בין איהם שולדיג...

צופעליג, איז קיינער נישט געווען אין הויז, און איך האָב איהם איינגעלאָרען אין שטוב אריין.

איך האָב איהם באטראכט, כמעט צום ערשטען מאל, ער איז געווען א שענער שלאַנקער יונגער מאַן, מיט פייערדיגע שווארצע אויגען... ער האָט זיך אוועקגעזעצט, געמאכט באקוועם, און אהן א וואָרט אויסצורעדען ארויס גענומען א מאַנוסקריפּט און נעבעטען מיין ערלויבניש פאָרצולעזען. איך האָב איינגעווילינט, און ער האָט געלעזען.

נישט קיין חלום, קיין פאַנטאַזיע
רייכער קען ניט זיין,
ווי די ווירקליכקייט באווייזט מיר
זייט כ'האָב דיך דערזעהען...

דיינע ליעבע'שעהנע אויגען
ציהען מיך אהן שיער
איבער בערג און ים'ען טאָלען
פליה איך גלייך צו דיר...

ער האָט אוועקגעלייגט דעם מאַנוסקריפּט, מיך גענומען אין זיינע אָרימס, און וואָרים גערדריקט צום הארצען.

עס האָט מיך באהערשט א מאָדנער געפיהל, און א מורא עס זאָל ווער נישט אריינקומען... איך האָב געקעמפּט, און זיך קוים באפרייט פון זיינע הענד...

איך האָב איהם נעגעבען צו פאַרשטעהן, מיין שרעק און פאַרלעגענהייט, און אפּעלירט צו איהם ער זאָל פאַרלאָזען דאָס הויז, אָבער איך האָב איהם פאַרזיכערט, אז מאָרגען אין דער זעלבער צייט וועל איך קומען צו איהם...

ער איז געווען צופרידען פון מיין באשלוס, און א גליקליכער פאַרלאָזט די שטוב. אָנפּרעסענדיג א הייסען קוש אויף מיינע ליפּען...

א מאָדנע בענקשאַפט האָט ער געלאָזען נאָך זיך... מיט אונגעדולד האָב איך געוואָרט אויף דעם מאָרגענדיגען טאָג און די שטונדע ווען איך וועל קענען זיין מיט איהם אליין אונגעשטערט...

צו דער באשטימטער צייט האָב איך זיך אויסגעפּוצט אזוי ווי צו ער־שיינען פאַר א געליעבטען... און פול מיט האָפנונג און ערוואַרטונג אוועק צו זיין וואוינונג.

מיט א קלאַפּענדען הארצען האָב איך אָנגעקלונגען.

עס איז ארויס א פעטע אידענע, מיט צוויי ביטרע אויגען—און ווען איך האָב איהר געזאָגט מיין פאַרלאַנג, האָט זי מיך באטראכט מיט א שפּאָטישען בליק פון אויבען ביז אראָפּ און געענטפערט:

איהר זוכט דעם משוגענעם פּאָעט? ער איז נישטאָ אין דער היים. ער האָט אייך אודאי געזאָגט אז ער האָט אייך ליעב, הא? האָט זי געלאכט, און געהייסען קומען, מאַכט זיך נישט נאַריש... איהר זייט נישט די איינציגע

ווען ער ערקלערט זיך אין ליבע... עס זענען שוין דאָ געווען אַ סך פרויען און מיידלעך וועמען דער משוגענער האָט דעם קאָפּ פאַרדרעהט... נעהט אייך געזונדערהייט און שלאָגט זיך ארויס די נארישקייטען... אויב ער וועט נאָך קומען צו אייך, ווארפט איהם ארויס... האָט זי געענדיגט און צוריק פארמאכט די טיר... צוווארפענדיג מיר אַ צינישען שמייכעל...

איך בין געבליבען שטעהן ווי אַ צוטומעלטע, און געטראַכט ביי זיך, מיינע גליקען.

טאָמער האָט זיך שוין יאָ געפונען איינער וואָס האָט זיך אין מיר פאַר־ליעבט, און איך וואָלט אפשר געקענט געניסען אביסעל פון לעבען, איז ער אַ משוגענער...

אָט אזוי ווי איהר זעהט, וואו נאָר אַ צרה קומט צו מיר...

# זיין פריינד'ס עצה.

ווען מאָריס איז אַריין אין שטוב, האָט ער געפֿונען זיין בעססי'ן זיצען ביים ברייט געעפֿענטען פֿענסטער, פֿאַרטיעפֿט אין געדאַנקען, ער איז צו איהר שטילערהייט צוגעגאַנגען, אויפֿגעהויבען איהר קאָפּ, און צו זיין ערשטוינונג באַמערקט, אַז זי האָט געוויינט, דאָס האָט איהם שטאַרק באַאונרוהינט, און ער האָט זיך ביי איהר נעבעטען זי זאָל איהם ערקלערען די אורזאַכע, זי איז געבליבען שטיל און נישט געענטפֿערט.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט און זיך פֿאַרטראַכט, ער האָט דורכאויס געוואָלט דערגעהן דעם גרונד פֿון זיין פֿרוי'ס ליידען, און האָט אָנגעהויבען אַנאַליזירען זייער לעבען צוזאַמען.

שוין עטליכע יאָהר ווי זיי זענען פֿאַרהייראַט, זי האָט מיט איהם נישט חתונה געהאַט אויס ליעבע, דאָס ווייס ער, זי האָט עס איהם עפֿענטליך געזאָגט פֿריהער, זי איז שוין געווען אַן עלטערע מיידעל, אָבער אַ שעהנע, אַ געביל־דעטע, און פֿון אַ פֿיינער משפּחה, ער, אבער, האָט פֿאַרמאָגט אַ סך געלד, געגעבען איהר אַ רייכע'היים, באַקליידט איהר פֿון קאָפּ ביז פֿיס, אַריין גענומען אַ דינסט אין שטוב, און צוגעטיילט איהר כל טוב...

וואָסזשע נאָך קען זיך אַ פֿרוי ווינשען?... אַלזאָ, דאָס וואָס זי איז אין איהם נישט פֿאַרליבט?... דאָס איז נאַרישקייטען... פּוסטע זאַכען... קלוגע און געבילדעטע מענשען זאָגען סיי ווי סיי אַז עס איז קיין ליבע נישטאָ... אין דער נאַטור איז זי אַפֿילו קיינמאָל קיין פֿרעהליכע נישט... איבערהויפּט ווען זי בלייבט מיט איהם אַליין, איז זי שטענדיג שטיל און מוטהלאָז, אָבער ווייגען האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט געזעהן...

זיינע געדאַנקען האָבען זיך ביי איהם גענומען פּלאָנטערן... און פּיהלענ־דיג זיך צו שוואַך צום דענקען, האָט ער באַשלאָסען, זיין סוד צו פֿאַרטרויען פֿאַר זייער בעסטען פֿריינד הערמאַן, און ביי איהם פֿרעגען אַן עצה, ער איז דאָך אַזאַ קלוגער, אַ גוטער מענש, זייער בעסטער הויז־פֿריינד, און ער וועט איהם געוויס ראַטהען צום גוטען... און איהם העלפֿען צו דערגעהן זיין בעססי'ס אינערליכע ליידען.

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, זי איז נאָך אַלץ געזעסען פֿאַרטראַכט, ער איז צו איהר צוגעגאַנגען, און אָהן אַ וואָרט אַרויסצורעדען, האָט ער זי אַרומ־גענומען און אָנגעפּרעסט אַ קוש אויף איהר שטערען, זי האָט נישט פּראָטעס־

מירט, דאן האט ער איהר קאפּ אנגעשפּארט אויף זיינע אקסלען, וואו זי איז געבליבען ליגען איייניגע מינוטען באוועגלאָז.

פּלוצלונג א קלאפּ אין טיר, מאָרים איז לאנגזאם צו צו דער טיר און געעפענט. הערמאַן זייער פריינד איז אריינגעקומען, (כאטש ער איז געווען עלטער פון מארים'ן דאָך האט ער אויסגעזעהן יונגער און קרעפטיגער פון איהם, מיט זיינע צוויי שווארצע ברענענדיגע אויגען, און זיין לעבהאפטען שמייכעל, וואס האט שטענדיג געשוועבט אויף זיינע ליפען, האט ער געקענט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון יעדען וואס איז געקומען מיט איהם אין באריהרונג.)

הערמאַן האט ביידען פריינדליך באגריסט, און לויט דער שטימונג וועלכע ער האט באמערקט, האט 'ער אינסטינקטיוו דערפיהלט אז דאָ איז עפּעס פּאָרגעקומען, דאס האט איהם אריין געבראכט אין א פארלעגענהייט און נישט וויסענדיג וואס צו טאָהן, האט ער זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל נעבען א קליין טישעל און גענומען בלעטערען דעם אלבום וואס איז דאָרט געלעגען... און נאָך יעדען בלאט איבערמישען האט ער צוגעווארפען א פארשטענדיגען בליק, דאָ צו בעססי'ן, דאָ צו מארים'ן, ווי ער וואלט געוואלט דערגעהן וואס דאָ קומט פאָר.

בעססי איז דערווייל ארײן אין צווייטען צימער, זיך פארטיג מאכען צום שפּאציר, וואס זיי פלעגען מאכען יעדען אבענד, און ווען די צוויי פריינד זענען געבליבען אליין, האט מאָרים פאר זיין חבר געעפענט זיין ביטער הארץ, און געבעטען ביי איהם אן עצה. הערמאַן האט זיך א ווײלע פאר־טראַכט, און דאן געזאגט:

„הער מיר אויס, מארים, דו ווייסט דאָך אז איך בין אייך ביידען א גוטער פריינד, און אייערע ליידען פארשאפען מיר פארדרוס, מיר דאכט זיך, אז איך פארשטעה בעססי'ס לאגע, און איך האָב א רפואה צו איהר קראנקהייט, מיין ראטה איז, אז דו זאָלסט זי אוועקשיקען פון דער היים אויף איייניגע וואָכען, זאָל זי אוועקפאָהרען, ערגיץ אין א שטילען רוהיגען פלאץ און די גאנצע צייט זאָלסטו זי נישט זעהן, ערשטענס וועט זי זיך אָברוהען פון דעם שטאָדטישען גיהנום לעבען און דאס וועט בארוהיגען איהרע אָנגעשטרענגטע נערוון, צווייטענס: אויב זי וועט זיין אוועק פון דיר, לאָמיר זאָגען, אן ערך פון א דריי, וואָכען, וועט זיך איהר זיכער פארבענקען נאָך דיר, און דאן ווען זי וועט קומען צוריק בין איך זיכער אז ביי אייך וועט זיך אָנפאנגען א ניי און בעסער לעבען, איך ווייס גאנץ גוט אז דו וועסט דארפען אביסעל ליידען, ווייל דו האָסט זי שטארק ליעב און וועסט אָהן איהר נישט קענען זיין אָבער דאָך דענק אָן אייער צוקונפט, אויב דו וועסט די זאך לאָזען אזוי ווי ביז יעצט, קען די לאגע ווערען ערגער און ערגער,..

אלזאָ בלייבט עס אזוי? האט הערמאַן געפרעגט, און זיך איינגעגעסען מיט זיינע ברענענדע אויגען אין מאָרים'עס.

ס'איז געווען א צו גרויסע פראגע פאר מארים'ן צו ענטפערען, און ער

האט א ווײלע געקעמפּט מיט זיך אליין, נישט וויסענדיג וואס צו טאהן, ער האט אבער דאך איינגעזעהן אז זיין, פריינד האט רעכט און אז בעססי מוז וועקפאהרען.

—גוט! — האט ער קוים ארויסגעשטאמעלט, — זאל זי פאהרען... און זיין הארץ האט געקלאפּט ווי ביי א גזלן, וואס האט ביי זיך באשלאסען צו באגעהן א פארברעכען, נישט זייענדיג זיכער אויב ס'וועט זיך איינגעבען.

בעססי איז אריין אין שטוב, און געפונען די צוויי מענער אין א געמאכ־טער געהויבענער שטימונג. הערמאן האט געזאגט א וויץ און מארים האט זיך באמיהט צו לאכען...

די קעכין האט אריינגעבראכט קאפע, און צובייסען, אלע דריי האבען זיך געזעצט ביים טיש, און עס איז ענטשטאנען א לעבהאפטע דיסקוסיע, פון וועלכער הערמאן איז ווי אימער ארויס דער זיעגער... ענדליך זענען זיי אַרויס אין גאס, און ווען מארים איז אריין אין א געשעפט קויפען סיגארעטען, האט הערמאן אויף געשווינד אויסגענוצט די געלעגענהייט, און איבערגעגעבען בעססי'ן, וואס מארים האט באשלאסען. א גליקליכער שמייכעל האט זיך צוגאסען איבער איהר פנים... מארים האט זיך צוריקגעקעהרט...

די נאכט איז געווען א טונקעלע, שווערע וואלקענס האבען באדעקט דעם הימעל, און פון צייט צו צייט, האט זיך באוויזען די לבנה, א שיין געטהון אויף א סעקונדע און באלד ווידער פארשוואונדען אין דער חמארע... אינ'ם הארצען איז געווען א מאדנער געפיהל ביי בעססי'ן, אי לייכט, אי שווער... א פרייד... און א שרעק, פאר וועלכען זי האט זיך אליין נישט געקענט אבגעבען קיין חשבון...

אלע דריי האבען שפאצירט און געשוויגען. ענדליך האט הערמאן אונ־טערבראכען די שטילקייט... און געזאגט:

—בעססי, ווי איך האב געהערט פון מארים'ן, זענט איהר לעצטענס נישט ביים בעסטען געזונד, דענקט איהר נישט אז עס וואלט געווען ראטהזאם פאר אייך אוועקצופאהרען ערגיץ אין א שטילען ווינקעל ווי איהר זאלט זיך קענען אויסרוהען?... איך בין זיכער אז דאס וואלט אייך זעהר גוט געטהון...

—יא, מעגליך,—האט בעססי, נערוועאיש קוים ארויסגערעדט... און צוגעווארפען א פראגענדען בליק מארים'ן.

—אויב דו ווילסט פאהרען וועל איך דיר נישט זיין דאגעגען,—האט מארים האלב אונצופרידען ארויסגערעדט...

ביים געזעגענען זיך יענע נאכט, יאיז באשטימט געווארען אז הערמאן זאל פאר איהר אויסזוכען א שטילען רוהיגען ארט וואו בעססי זאל קענען גוט פארברענגען.

מיט איינינע טעג שפעטער איז שוין בעססי געווען רייזע־פערטיג. מארים האט זיך מיט איהר געזעגענט און זי הערצליך געקושט, און ווייל זיינע גע־שעפטען האבען איהם נישט ערלויבט צו דער באשטימטער צייט זי צו בא־גלייטען צו דער/באהן, האט הערמאן זיין פלאץ פארנומען. דער פריה־מארגען

איז געווען א שעהנער, די זון האט צוואָרפען איהר גאָלדענע שטראהלען און פרישקייט, און ערוועקט אין דער מענשליכער נשמה א באַגעהר צום לעבען, די זון האט באלויכטן אלץ און אלעמען, די בוימער און גראָזען האָבען געשמעקט בעססי און הערמאַן האבען אויך דאָ דערזעהן פאַר זיך א נייע אויפגעהענדע זון, א ווארימע ליכטיגע זון, וואָס וועט זיי באַלייכטען און ווארימען, כאָטש אויף א קורצע צייט...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

ס׳איז שוין באַלד אריבער דריי וואָכען ווי בעססי געפינט זיך אין א דאָרף, די גאַנצע צייט פון איהר פאַרהייראַטען לעבען האָט זי זיך נישט געפיהלט אזא צופרידענע, אזא גליקליכע ווי זי פיהלט זיך יעצט, זי איז פרעה־ליך און לעבענס־לוסטיג... הערמאַן באַזוכט זי זעהר אָפט, אבער געוועהנליך אויף א געהיימניספולען אופן.

אזוי זענען אויך אוועק די לעצטע פאָר טעג, ביז איהר אומקעהרען זיך אהיים. ביי דער באַהן האָבען זי ערוואַרטעט מיט אונגעדולד, איהר מאַן און זייער בעסטער פריינד הערמאַן..

ביים אָנקומען האָט זי זיך מיט איהר מאַן הערצליך צוקושט... און אויך ליעבליך געשמייכעלט צו הערמאַן.

און ווען מאָרים האָט מיט פרייד באַמערקט דעם שטאַרקען קאָנטראַסט אין זיין פרוי, האָט ער גענומען הערמאַנ׳ס האַנד אין זיינע, זי פריינדליך געדריקט און איהם געגעבען א הערצליכען דאַנק פאַר דער גוטער, קלוגער עצה..

# ווען א שרייבער נודיעט...

פאראן אויף דער וועלט אלערליי סארטען נודניקעס, וועלכע עס קומט אייך אוים צו באגעגענען, אויף יעדען שריט און טריט.

פאראן, למשל נודניקעס רעדנער, וואס רעדען א סך, און זאגען גארנישט. פאראן, זאגענאנטע אינטעליגענטען, וואס פארנודען אייך דעם קאפ, מיט זייער, באוואוסטזיניגקייט מיט פארשטענדניש, און פיינשמעקעריי, מיט פרעטענציעס, פאר א בעסער, און שהענער לעבען, אבער אין תוך גענומען, זענען זיי נישט מעהר ווי פראסטע נודניקעס מיט ווייסע הענטשקעס... און אזוי זענען פאראן, נאך א סך אזעלכע, אויף פארשידענע געביטען

אבער דער ערגסטער פון זיי אלע, איז א נודניק א שרייבער... אט פון דעם סארט דארף מען זיך היטען ווי פון פייער... אז א שרייבער א נודניק, כאפט זיך אויף אייך ארויף, זייט איהר שוין זיכער אז ער וועט אויף אייך שבת האלטען... דאס איז א פארשוין, אהן רחמנות, אהן געפיהל, און דער עיקר אהן פארשטאנד.

און אום אייך צו איבערצייגען, אז דאס וואס איך זאג איז אמת, וועל איך אייך אנגעבען א לעבעדיגען פאקט.

זיץ איך מיר אזוי אנומעלטען, אין א באגייסטערטער שטימונג, פארטיעפט אין געדאנקען, און שרייב מיין וועכענטליכען פעליטאן.

מאכט זיך אויף די טהיר, און עס רוקט זיך אריין א איד.

גוט מארגען אייך!

א גוט יאהר!

וואס שרייבט איהר דארט?

אט, איך שרייב.

וואס הייסט אט? איהר שרייבט דאך עפעס.

אודאי שרייב איך עפעס.

טא וואס זשע פארבעהאלט איהר עס, וואס האט איהר מורא צו ווייזען? ווייל א נאר ווייזט מען ניט אין דעה האלבער ארבייט...

אה, איהר האלט אין מיטען? נו, וועל איך טאקע ניט שטעהרען, און זיך אוועקזעצען, כאטש איהר האט מיר נישט געבעטען, איך האב אויף אייך דערפאר קיין פאריבעל נישט ווייל איך וויים אז שרייבער זענען א סך מאל ניט ביי די ריכטיגע געדאנקען, איבערהויפט דאן ווען זיי שרייבען...

פון וואנען ווייסט איהר דאס ר' איד?

ווייל איך אליין, ווי איהר קוקט מיך אן, בין איך איינער פון זיי. זאגט

מיר איך בעט אייך, ביי אייך טרעפֿט אמאָל אז איהר קענט נישט ענדיגען אן ארטיקעל?

ס'קען זיך מאַכען.

פֿון וואנען דענקט איהר נעהמט זיך עס?

עס קומט אריין א נודניק, און שלאָגט איבער...

יאָ, איהר האָט טאקע רעכט, ביי מיר אליין האָט אויך געטראָפֿען די זעלבע סיבה, איי די נודניקעס, אז ניט געדאכט זאָלען זיי ווערען... זעהט איהר טאקע וועגען דעם בין איך געקומען צו אייך, כ'וויל זיך מיט אייך אן עצה האלטען.

וואָס שרייבט איהר?

פיעסען פֿאר'ן אידישען טעאטער.

אזוי גאָר? איהר זייט א דראמאטורג!

רופֿט עס ווי איהר ווילט.

און ווי הייסען אייערע פיעסען?

מיין פיעסע מיינט איהר, איך שרייב ערשט די ערשטע.

הייסען הייסט זי, די פֿאלשע אלמנה, אדער, דער מאן פֿון יענער וועלט. זי האָט פֿיער אקטען, זעקס בילדער און צעהן סצענען, מיט געזאנג, און טענץ.

זעהר אינטערעסאנט. אין וואָס איז די האנדלונג?

דער אינהאלט מיינט איהר? אָה, דער אינהאלט איז זעהר טראגיש, עס שפילט זיך דאָרט אָפּ, ווי אַ מאן קומט צו פֿאהרען פֿון אַמעריקא, צו זיין קליין שטעדטעלדיגער ווייב, וועלכען זי האָט שוין לאנג געהאלטען פֿאר טויט, און מיט געוואלד כאפט ער זיך אַריין צו איהר אין שלאָפֿצימער אין מיטען דער נאכט, מיט אַ פֿאָדערונג, אז שוין זאָל זי איהם געבען א גט, כדי ער זאָל קענען וואָס גיכער שטעלען א חופה, מיט דעם רבינ'ס דינסט־שיקסע, וועלכע ער האָט מיט איניגע מאָנאטען צוריק געגעבען זיין עהרענוואָרט.

בעט זיך בייאיהם זיין ווייב די אלמנה. ער זאָל איהר צוטראָגען א בענקעל ווייל זי דארף באלד פֿאלען אין חלשות... און זי פֿאלט טאקע צו זיינע פֿיס, זי וויינט און בעט זיך ביי איהם, ער זאָל זי ניט פֿארשעמען פֿאר גאָט און פֿאר לייטען... און ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיינע צוויי טויטע קינדער, וועלכע זענען געשטאָרבען באלד נאָך זיין אָבפֿאהרען, אין זייער זכות זאָל ער זיך מיט איהר איבערבעטען און ווערען א מאן, כדת משה וישראל...

און זי שווערט איהם צו זיין א גוטע און געטרייע ווייב, פונקט אזוי ווי דעם רבי'נס שיקסע, און אפֿשר נאָך א בעסערע... דערנאָך זינגט זי פֿאר איהם א הארצרייסענד ליד, ביי וועלכען דאס פובליקום דארף גיסען מיט ביטערע טרע־רען... און ווען זי זעהט אז דאס העלפֿט אויך ניט, פֿאלט זי אויף א פלאן (דאָס הייסט נישט זי נאר איך) און לאזט זיך אוועק טאנצען א פֿרעהליכע קאמאַ־ריסקע, כדי זיין הארץ זאָל איהם געריהרט ווערען צום גוטען... אבער, ער בלייבט זיצען קאלט ווי א פֿלאָקען, און קיין קויל טרעפֿט איהם נישט...

אט דאָס איז דער שמאַלץ פֿון דער פיעסע אזוי צו זאגען, פֿארשטעהט זיך

אז עס קומען אויך פֿאַר אסך קאָמישע סצענעס, פֿון וועלכע דאָס פּובליקום, איבערהויפּט די גאַלעריע וועט גע'הרג'עט ווערן לאַכענדיג...

און וואָס איז דער סוף?

דעם סוף האָב איך נאָך נישט, ווייל א נודניק האָט מיר איבערגעשלאָגען אין מיטען, און איך בין געבליבען ווי א קאַץ אהן אן עק... און טאַקע דערפאַר בין איך געקומען צו אייך, אום זיך צו באַראַטען וואָס צו טהון. ווי איהר הערט האָב איך נישט דעם סוף, איך דאַרף איהם ערשט צו האָבען. . . ווייס איך נישט, צו זאָל איך מאַכען אז די אלמנה זאָל דעם מאַן איהרען אָב'גט'ען און כ'זאָל איהם חתונה מאַכען מיט דעם רבי'נס שיקסע, צו... ווען איך גיב אן ערנסטען טראַכט, איז דאָך צוריק געשמועסט אויף דער אייגענער ווייבעל אויך א רחמנות, א יאידישע טאכטער, איז אזוי די מעשה, וואָלט איך געהאַט כאָטש איין פֿיינעם יונגען מאַן אין דער פּיעסע, וואָלט איך זי שוין פֿאַר־שלייערט, און ער, דער כל בו'ניק זאָל זיך ווערגען מיט דער שיקסע, נאר אזוי ווי צום באַדויערען האָב איך דאָרט קיין איין לייטישען בחור נישט, דענק איך אז עס וואָלט נישט געווען מעהר ווי רעכט אז איך זאָל דאָס פּאָר פּאָלק צוריק צוזאַמענשלעפּען, און זאָל זיין שמחות ביי אידען... ווי זאָגט איהר? ניט אזוי? און ווען קען דאָס אפּענדיגען מיט א לידעל.

געוויס ,געוויס, דאַרף עס אזוי זיין איבערהויפּט נאָך, ווען זייער גורל ליגט אין אייערע הענט...

איז, וואָס זשע טהוט מען דאָך מיט דער שיקסע? ס'איז אויף איהר דאָך אויך א צער... און דאַן מוז מען זיך אויך רעכענען מיט זיין עהרענוואָרט וועלכעס זי טראָגט אונטער איהר האַרצען, און דאָס וואָרט האָב איך ניט גלאַט אזוי אבגע'פּטרט, איך האָב עס געמאַכט לעבעדיג, און צאַפּלדיג... מען זאָגט יאקבי אז פֿון אָט אזאַ וואָרט איז אַרויסגעקומען דער ממזר היטלער, וואָס טהוט אָן די אידען, אוים נקמה, געברענטע צרות, און יסורים'דיגסטע מכות... אט דאָס ליגט מיר גוט אין זינען, איז, אזוי ווי איהר זעהט, האָב איך זיך פֿאַרפּלאָנטערט און קען ניט אַרויסקריכען...

מיין עצה איז, לאָזט די פּיעסע אזוי ווי זי איז. ס'איז א פּראָבלעם א נייעס אויף דער אידישער ביהנע, גיט זי איבער צו די אקטיארען, זאָלען זיי זי אויפֿפֿיהרען, ווי אהר האָט זי אנגעשריבען, און דעם סוף לאָזט צום פּובליקום. זיי וועלען אייך מאַכען אזאַ סוף, וועלכער וועט אייך אויך צונויף קומען צו אייערע אנדערע פּיעסען וועלכע איהר רעכענט נאָך צו שרייבען... און איצט געהט מיר געזונדערהייט ווייל איך דאַרף נאָך ענדיגען מיין אַרטיקעל.

ווי איך זעה זייט איהר אן אונגעדולדיגער מענש... מען קען מיט אייך לאַנג נישט רעדען, איהר זייט א צוטראָגענער, און איך וואָלט אייך ראַטהען צו באַזוכען א נערוועץ ספּעציאַליסט...

ווען ער איז אַרוים פֿון שטוב, האָב איך מיט איין האַנד זיך צוגעהאַלטען פֿאַר'ן קאָפּ, און מיט דער צווייטער געעפֿענט די טהיר, און איהם נאָכגעשריען:

אָט דאָס שמעהט מען זיך אוים פֿון שרייבערשע נודניקעס...

# מיין לינקע ליבע.

שוין א לענגערע צייט, ווי איך געה ארום מיט א שווער ביטער הארץ (ניט פאר אייך גערעכט) עס רוקען זיך ביי מיר אונטער, איין צרה נאך דער אנדערער רחמנא לצלן, און ס'איז שוין פשוט ניט מעהר צום אויסהאלטען.

פארשטעהט זיך אז אין אזא צייט ווילט זיך אייך אראפ רעדען פון הארצען... איבערגעבען אלע אייערע צרות און וועהטאגען, צו אן אמת'ן פריינד, און האלטען זיך'אן עצה... איבערהויפט נאך דאן ווען אייערע צרות זענען פארבונדען מיט סודות, און נאך אזעלכע וויכטיגע ווי מיינע. אבער, וואו מישטיינס געזאגט האט איהר היינט אזעלכע פריינד, חברים צו גענאסען, וועמען איהר קענט פארטרויען, וואס עס טשיאכעט ביי אייך אין הארצען און דרעהט דעם מח... ניין, נישטא היינט אזעלכעס אויף אונזער זינדיגער ערד, אבער א מענש, און נאך א פרוי דערצו איז דאך בטבע ניט פון יענע וועלכע קענען זיך לאנג ארומטראגען מיט פארבארגענע געדאנקען... און אז מען רעדט זיך ניט אראפ פון הארצען קען נאך שונא ישראל די גאל פלאצען, האב איך מיט זיך אליין געהאלטען א דיסקוסיע, וועגען דער דאזיגער פראגע, און ענדליך נאך א לאנגען ישוב הדעת, באשלאסען פאר אייך מיינע ליבע לעזער און לעזערינס, צו ענטפלעקען מיין נשמה קוועטשעניש, איהר זייט שטענדיג געווען מיינע פריינד און מיך אויסגעהערט אין אלע נויטען, אזוי בעט איך אייך אויך יעצט אריינצוגעהן אין מיין פארלעגענהייט, און מיך ראטען וואס צו טהון, און איך וועל אייך דאנקבאר זיין...

אלע יאהרען האב איך מיט מיין מאן געלעבט גליקליך און צופרידען, קיין מאל איז ביי אונז ניט געווען קיין יא און קיין ניין, אזוי ווי עס טרעפט זיך ביי אנדערע, שטענדיג זענען מיר נעגאנגען צוזאמען, צוגעטיילט זיך כבוד, און געהיט איינער דעם אנדערען ווי דאס אויג אין קאפ... נאר, פון זייט עס האט זיך אנגעפאנגען די מעשה ישראל איז ער ביי מיר ניט פאר קיין פרוי גערעכט, פארכאפט געווארען, ניט מעהר נאר דער נאמען זיינער איז פארבליבען, נישטא מעהר יענער שטילער רוהיגער מענש פון אמאל, דער גוטער צערטליכער מאן און פאטער, יענער איז פארשוואונדען געווארען, און אויף זיין פלאץ איז אויסגעוואקסען, א בייזער נערוועזער און צוטראגענער נפש, טאג און נאכט איז ער פארנומען, מיט מיטינגס, דיסקוסיעס, דעמאנסטראציעס און רעוואלוציעס. דא איז ער א טשערמאן, דארט,א סעקרעטאר אדער'אן ארגאנייזער און אזוי ארום איז ער כסדר ביזי, זיצט ניט איין אין הויז, דער טעלעפאן רינגט, דאס מיר גלעקעל קלינגט, איבעראל רופט מען איהם, איבעראל דארף מען איהם

און ער, לויפט, יאָגט און קאָכט זיך, אין שטוב איז ער פונקט ווי א לאָדזשער, עסט אָפּ, און געהט ווייטער, ימח שמו זאָל ער ווערען, ווייל פון איהם נעהמען זיך אלע מיינע צרות.

מיר ווילט זיך אויסגעהן, פארברענגען, אויספאָהרען... אזוי ווי אמאָל. איך ערקלער איהם דאָס, איך צעוויין זיך ווי א קליין קינד, אז מיר איז לאַנג־ווייליג דאס זיצען אין שטוב. אָבער איהם אַרט דאס ניט, און ער הייסט מיך געהן אַליין, ווייל ער וועט זיין וויכטיגע אַרבייט ניט אויפגעבען צוליעב מיינע נארישקייטען.

איך האָב געפאָלגט זיין עצה, און טאקע גענומען געהן אַליין, אָבער שכנים האָבען אָנגעהויבען רעדען ווען איך פּלעג אהיים קומען שפּעט ביי נאכט, פון די פיקשטורס אָדער די פליי, און גאָס פּלעגט מען מיר נאָכקוקען, און שמייכלען, איבערהויפּט מענער...

דאָס אַלץ האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסען, אָבער איך האָב פעסט באַשלאָ־סען זיך ניט אונטערצוגעבען ביז וואַנען מיין מאַן וועט ניט ווערען צוריק דער זעלבער ווי געוועזן... אַן אינסטינקט האָט מיר געטריבען צו טהון איהם אויף להכעיס...

אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען ביי דאָס זייניגע, איהם האָט אפילו ניט אינטערעסירט צו וויסען, וואו איך געה, און וואָס איך טהו אין זיין אבוועזענהייט, ער האט מיך אויך אויפגעהערט צו צערטלען און ליבען ווי אַמאָל, איך האָב נאָך דעם געגאַרט פונקט ווי א דורשטיגער נאָך א טרונק וואַסער... און עס האָט מיר געטראָפען דער צווייטער אומגליק.

אין א געוויסען אבענד איז עס געוועזן, איך בין מיר געזעסען אין די פּיקטשורס ווי אַלע מאָל, פאַראינטערעסירט אין א ליבעס סצענע, וועלכע האָט אויף מיר געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק (זייענדיג אַליין זעהר ראָמאַנטיש) איך עס מיר מיינע מאָנקי נאַטס און פון די אויגען קייקלען זיך ביי מיר הייסע טרערען פון באגייסטערונג, און מיטגעפיהל, צו דער באַטראָגענער געליבטער, נאָר פלוצלונג דערפיהל איך ווי מיין שכן רוקט זיך נעהנטער צו מיר. און באַלד דערפיהל איך ווייטער, ווי א ווארימע מענער האַנט דריקט מיינע צערטליך. מיך האָט ארומגענומען א מאָדנער געפיהל, אויסגעמישט מיט צופרידענהייט און שרעק, איך האָב שנעל ארויסגעכאַפּט מיין האַנט פון זיינע, זיך אויפגע־הויבען און גלייך ארוים אין גאַס. ער אָבער, איז מיר גלייך נאָכגעגאַנגען און אין דרויסען האָט ער זיך נעבען מיר אוועקגעשטעלט. איך האב אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און דערזעהן פאַר זיך א שעהנעם יונגען מאַן מיט שוואַרצע ברע־נענדע אויגען, וועלכע האָבען צו מיר ליבליך געשמייכעלט... איך האָב זיך פאַרלוירען און געבליבען שטעהן נעבען איהם... ער האט געמאַכט א באַ־מערקונג וועגען וועטער, איך האָב איהם געענטפערט, באַלד איז ער געוואָרען דרייסטער, און נאָך דעם אויסבייט פון א פּאָר ווערטער, האט ער מיר פאָר־געשלאָגען צו נעהמען מיט איהם א רייד אין הייד פּאַרק, איך בין שוין נישט מעהר געוועזן בכוח זיך אָבצוזאָגען, און אָנגענומען זיין פאָרשלאַג, טראַכטענדיג

אז ענדליך וועל איך נישט מעהר זיין אליין. מיר זענען ארויף אויף א באַס און אוועק... מיין הארץ האָט געקלאַפּט פון מורא און אויפרעגונג. מיר איז דאַן אַפּילו געקומען מיין מאַן אויפ׳ן זינען... אָבער איך האָב דעם געדאַנק באַלד פאַרטריבען פון זיך, און באַשלאָסען זיך אויסצונוצען מיט דער געלעגענהייט אַביסעל א לעב צו טהון, ווען אַפּילו מיט א לינקען געליבטען...

אין פּאַרק איז געווען פינסטער, ער האָט אנגענומען מיין אָרים, איך האָב ניט פּראָטעסטירט... ער האָט מיר געמאַכט קאָמפּלימענטען, אז איך בין יונג און שעהן, און איך האָב אודאי ניט פּראָטעסטירט, אדרבה, איך בין געווען אין זיבעטען הימעל פון גליק, און געטראַכט אז עס האָט זיך פאַר מיר געעפנט א נייער קוואַל פון לעבען און געניסע...

פון דאַן אָן האָבען מיר זיך אָנגעהויבען אָפטער צו טרעפען... ער האָט מיר געבראַכט שעהנע פּרעזענטער און איך פאַרשטעהט זיך, האָב זיי צוגענומען מיט פאַרגעניגען... דאַס האָט אָנגעהאַלטען א צייט לאַנג ביז איין מאָל האָט ער מיר איינגעלאַדען אין א האָטעל צו האָבען דינער מיט איהם. איך זייענדיג שוין דאַן פאַרליבט ביז איבער די אויערען, האָב אָנגענומען די איינלאַדונג. און ווען מיר זענען ביידע געזעסען אין א הייסער ליבעס סצענע, אין א באַזונדער צימער פון האטעל, האט זיך געעפענט די טיר און עס איז אריינגעקומען דאָס האָטעל מיידעל און נאָך איהר א דעטעקטיוו, ער האט מיך געפרעגט מיין נאָמען, און איך זייענדיג צושראָקען און איבעראַשט האָב איהם געזאָגט ווי איך הייס, מיר האָבען גלייך פאַרלאָזען דעם האָטעל, און פון דאַן אָן האָב איך מיין געליבטען מעהר ניט געזעהן... אָבער מיט איניגע וואָכען שפּעטער האָט ער מיר געלאָזט וויסען, אז דאָס שפּיל איז צו ענדע, און אז זיין גאַנצע אַבזיכט פון אונזער פריינדשאַפט איז געווען באַזירט דערויף, וואָס ער האָט געוואָלט אז זיין פרוי זאָל איהם געט׳ן, און צו דעם צוועק איז ער מיט מיר אריין אין האָטעל, כדי דער דעטעקטיוו זאָל אונז ביידען דאָרט טרעפען...

יעצט שטעלט זיך פאַר אין וואָס פאַר א לאַגע איך געפין זיך... כ׳ווייס ניט וואָס מען טהוט, מיין מאַן וועט דאָך זיכער וועגען אַלץ געוואָר ווערען, וואָלט אפשר גלייכער געווען ווען איך אַליין וואָלט זיך אין אַלעם מודה געווען, ווי זאָגט איהר?... ווי איהר זעהט ליבע פריינד, שטעה איך יעצט פאַר א שווערען פּראָבלעם, און דערפאַר בעט איך אייך גיט מיר א פּראַקטישע עצה...

אָבער פּליז שרייבט ניט די ענטפערס אין רעדאַקציע, ווייל איך וויל ניט, אז מיינע חשוב׳ע קאָלעגען מיטאַרבייטער זאָלען זיך דערפון דערוויסען... איהר פאַרשטעהט? אָט די לינקע ליבע מיינע, קען מיך נאָך חלילה ברענגען פון ברויט...

# ווען אַ פרוי ווערט א מענש...

כאָטש די וועלט האַלט ניט פֿאר פּראַקטיש, זיך אריינצומישען צווישען מאַן און ווייב, און נאָך דערצו מאַכען מחלקות אזוי אז זיי זאָלען זיך דארפֿען רייסען פֿאר די נעז, וויל איך אָבער איבערצייגען, אז אמאָל איז עס גראַדע נויטיג און, אין פּיעלע פֿעלע ברענגט עס גראַדע גוטע רעזולטאַטען. אט וועל איך עס אייך פֿאַקטיש איבערצייגען.

נעכטען קומט מיין אלטער אהיים פֿון גאַס, א בייזער, א צוטראָגענער, און ברענט ווי א פֿייער.

סטייטש! קאָכט ער זיך, ווי אזוי האָב איך געקענט, אן אייגען ווייב פֿון איהם אזוי אָפּלאַכען, אזוי חוזק מאַכען, רופֿען איהם שלים־מזל, אומגליק, קאַליקע א.ד.גל., עס איז אוים וועלט, אוים וועלט און אַן עק, אַן אייגען ווייב.

שטעל דיר פֿאָר, זאָגט ער צו מיר, קוים איינהאלטענדיג דעם כעס, איך געה מיר אזוי אין ווייטשעפעל, שטעלט מיך אָפּ מיין לאַנדסמאַן יאשע, און דערצעהלט מיר, און ניט נאָר ער דערצעהלט מיר, נאָר ער ווייזט מיר שווארץ אויף ווייס, וואָס דו האָסט געשריבען וועגען מיר אין די פּייפּערס, און דערלאַנגט מיר א פּאָרציע, הלמאי, איך שווייג, הלמאי איך פּראָטעסטיר ניט מיט די שטאַרקסטע פּראָטעסטען געגען דיר, און ניט נאָר פּראָטעסטירען נאָר באָיקאָטירען, דארף איך דיך, לויט זיין מיינונג אזוי ווי מען האָט באָיקאָטירט דעם רשע היטלער... ער, יאשע, זאָגט אז ער קען מיך לענגער פֿון דיר, ער געדענקט מיך נאָך פֿון דער היים, און איז זיכער אַז איך בין נישט, דאָס וואָס דו רופֿסט מיך אָן...

ס'איז אמת, גיט ער צו, דער מאַן מיינער, איך בין ניט קיין פֿאַרדינער, דו האָסט געכאַפּט ביי מיר גענוג צרות, איך האָב דיר קיינמאָל נישט געגעבען גענוג וויפּיעל א פֿרוי דארף האָבען...

אַזוי? האב איך אויסגעכאַפּט, ס'איז יאָ אמת? טאָ וואָסזשע ברענסטו?

איך מעג ברענען, מעג איך... האָט ער אויסגעשריען מיט רציחה און אַ טופּע געטאָן מיט'ן פֿוס, אז אַן אייגענע ווייב שרייבט אַזעלכעס אויף איהר מאַן, האָב איך אַ רעכט צו ברענען אָדער ניט?

יאָ, יאָ, איך גיב צו, דו האסט רעכט, האב איך צוגעגעבען.

איך פֿאַרדין טאַקע ניט, אבער פֿון דעסטוועגען פֿעהלט דאָך דיר קיין זאַך ניט ביי מיר, כ'זעה עס איז פֿאַראַן אין שטוב פֿון אלדאָס גוטס, און דו גראַמבעלסט און שרייבסט וועגען מיר אין די פּייפּערס.

איך האָב איהם אלס ביישפּיעל דערצעהלט יענע מעשה, ווי א אידענע איז אריין צום רבי'ן, מיט א קלאָג אויף איהר מאַן אז ער טויג צו גאָרנישט, נישט צו גאָט, און נישט צו לייטען...

קינדער האָט איהר? פרעגט זי דער רבי.

יאָ, רביניו, איך האָב פיער געראָטענע זיהן, ענטפערט די פרוי. טאָ פאַרוואָס זשע זאָלט איהר לעבען, זאָגט איהר אייער מאַן טויג צו גאָרנישט? פרעגט ווייטער דער רבי.

איי, רביניו, ענטפערט די אידענע מיט א שווערען זיפץ, ווען איך זאָל זיך פאַרלאָזען אויף איהם, וואלט איך איינעם אויך נישט געהאַט... ער האט זיך צוברענט אויף דאס ניי...

הער, פון דיין ברענען וועט קיין גוטס נישט ארויסקומען, עס וועט דיר גאָרנישט העלפען, ווי לאנג דו וועסט זיך ניט נעהמען עפּעס צו טהון, און מיך פאַרזאָרגען מיט פרנסה וועל איך ניט אויפהערען צו שרייבען וועגען דיר...

אפשר, האָט ער זיך א נעהם געטהון צו מיר, וואלט געווען א פלאַן, אז דו מיין ווייב זאָלסט זיך נעהמען צו אן ארבייט? היינטיגע ווייבער זענען ניט די אמאָליגע, ניט ער מיר צו פאַרשטעהן, ער קען זאָגט ער פילע פרויען וועלכע פיהרען אָן ווערקשאָפּען, דרעסמייקעריי, מאַסאַזשיסטען, מאַניקוריסטען, און פאַרשידענע אנדערע ביזנעס, וואָס ברענגען אריין א פיינע פרנסה, אָט אַזעלכע פרויען זענען א ברכה פון גאָט, אי פאַר זייערע מענער, אי טאַקע פאַר זיך אַליין אויך...

מען וואוינט שעהן, מען פאָהרט אין אנ'אייגענער קאר, מען ווערט קלוג, און מען באַקומט א סך פריינד, א דאנק דער ווייב, ס'איז איבערהויפּט בעסער פאַר א פרוי ניט, צו זיין אַבהענגיג אין מאַן, זי מוז אויך זיין אַ מענש ניט נאָר א פרוי... יענע צייט ווען פרויען זענען געווען פאַרשקלאַפט, מיט קאָכען, באַקען, און האָבען קינדער איז שוין אַוועק, היינט קען מען צו די אלע זאַכען געפינען אן עצה, טאָ פאַרוואָס זשע זאָל זי ניט טהון א נוצליכע ארבייט, און אויסהאַלטען דעם מאַן?

הכלל, נאָך אָט דער טענה האָב איך איינגעזעהן, אז מיין מאַן איז גאָר ניט אַזאַ נאַר ווי איך האָב געמיינט, איך האָב ענטדעקט אין איהם, אז ער איז א מאַן פונקט ווי אלע אנדערע, מיט דעם זעלבען ווילען, דיזעלבע געדאנקען און שטרעבונגען, און אפשר איז ער טאַקע גערעכט אויך, א היינטיגע פרוי דאַרף ניט זיין אַבהענגיג אין דעם מאַן, איהם קוקען אין די הענט אריין ער זאָל איהר סופּאָרטען מיט אַלץ וואָס זי דאַרף... און מיר האָבען באַשלאָסען זיך בייטען מיט די דזשאָבס... ער וועט בלייבען אין הויז דערוויילע, טהון מיין ארבייט, און איך וועל זיך געהן לערנען א מלאכה, כדי איהם זאָל ביי מיר גאָרנישט פעהלען, ער זאָל זיך קענען לעבען במנוחה, און טאַקע פאַר זיך אַליין אויך שאַפען א גוטע עקזיסטענץ. איך האָב נאָך לאנגען ישוב הדעת, אויס־געפונען אז דאס איז זעהר אַ פּראַקטישער מיטעל, און איך ראַטה יעדע פרוי צו טהון דאס זעלבע וואס איך... ווילט איהר אז אייער מאַן זאָל אייך שעצען,

אכטען און ליעב האבען אמת׳דיג מיט׳ן גאנצען הארצען... דאן ווערט א פרנסה געבערין, גיט איהם די מעגליכקייט ארום צו געהן מיט די הענט אין די קעשענעס, און ווערען א בעל צדקה, א כלל פארזארגער, א קולטור טרעגער, א פרעזידענט פון א סאסייטי, אדער א גבאי אין א שוהל. דאס וועט איהם פארשאפען כבוד און פארגעניגען אויף אייער חשבון, און אין זיין זכות וועט איהר אויך געניסען... ער וועט ווערען צו אייך א גוטער, עהרליכער, און געטרייער מאן... אזעלכע ווי ער איז נאך קיינמאל נישט נעווען, ער וועט אייך קויפען און מאכען שעהנע מתנות און אייך צוטיילען פלעזשור פון דער וועלט, קיין זאך וועט איהם ניט זיין צו שווער אדער צו טייער פאר אייך... און, אויב איהר ווילט שוין זיין גאר א גוטע, מיט זיין זיין געלט, זאל ער טהון דערמיט וואס ער וויל, ספענדען אויף וועמען זיין הארץ גלוסט, מאכט זיך ניט וויסענדיג, פונקט ווי עס וואלט ניט געווען אייערע שווער פארהארע־וועטע פונטען... גלויבט איהם אלץ וואס ער דערצעהלט אייך, און ווען אפילו איהר זייט איבערצייגט אז ער זאגט אייך א ליגען, נעהמט עס צו און מאכט א שוויג, ווייל סוף כל סוף, זייט איהר דאך די פרוי און ער דער מאן... און אז עס מאכט זיך אמאל, אז עס דערגעהט אייך שוין צום הארצען, און איהר קענט שוין מעהרניט אריבערטראגען, אייער גערולד פלאצט און איהר מוזט זיך מיט איהם אביסעל אויס׳טענה׳ן דאן מאכט עס שטיל און באשיידען, זאל קיינער ניט הערען, און זאל די וועלט האבען דעם איינדרוק אז איהרביידע האט א גליקליך לעבען... אט פאר דעם אליין וועט ער אייך נאך מעהר ליעב האבען... ווייל, מענער האבען פיינט צו ווערען בלאמירט אין דער עפענטליכקייט, זיי ווילט זיך שטענדיג בלייבען דער דזשענטעלמאן, דערמיט צו קענען געפעלען אנדערע... און קלוגע באשיידענע פרויען דארפען זיי מיטהעלפען... אט דאס איז מיין עצה צו פרויען, וועלכע ווילען פיהרען, א שטילען בכבודיגען און גוטען פאמיליען לעבען...

איך דאנק מיין מאנ׳ס לאנדסמאן יאשע, דערפאר וואס ער האט זיך אריינגעמישט צווישען אונז, דערפון איז ארויסגעשפרונגען דער געדאנק, פון געדאנק וועט קומען די טהאטזאך... און אזוי ארום וועט אויך אפשר קומען די הילף...

# אידישע לעזער!...

ציימונגען ווערען געלעזען ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער פון דער גארער וועלט.

ביי אנדערע איז א צייטונג א טעגליכער געברויך, פונקט ווי אלע אנדערע נויטווענדיגע מיטלען צום לעבען.

למשל די ענגלענדער.

יעדען פרימארגען זעגען די באהנען, טראמוויי׳ען און באסעס געפאקט מיט ארבייטער, יעדער האלט זיך זיין צייטונג און איז פארטיפט אין איהר מיט אינטערעס.

צי עס איז ספארט, פאליטיק, טעגליכע נייעס, אדער טעאטער, זיצט זיך דער לעזער רוהיג און ווערט פון קיינעם נישט געשטערט, האט די מעגליכקייט זיך צו קאנצענטרירען און פארשטעהט די ארטיקלען וועלכע ער לעזט.

אנדערש איז אבער ביי אידישע לעזער.

למשל, געהט זיך א איד לאנגזאם אין גאס און לייענט א צייטונג, וועלכע ער האט נאר וואס געקויפט.

שטעלט איהם אב א צווייטער איד און פרעגט:

—פאראן עפעס נייעס אין היינטיגען פייפער?

—פאראן—ענטפערט יענער, און געהט זיך ווייטער.

—וואס למשל? איהר קענט מיר אפשר איבערגעבען, זאגט מיר איך בעט אייך, איך בין נייגעריג צו וויסען—געהט איהם נאך דער נייגעריגער איד, און פרעגט ווייטער.

—איך האב קיין צייט נישט, איך דארף געהן צו דער ארבייט—ענטפערט יענער, און זוכט זיך צו באפרייען.

—טא לאזט א ווייל׳ינקע א קוק טון — זאגט דער איד, און נעהמט ארויס די צייטונג פון יענעמס האנד.

שטעהט דער איד פון דער צייטונג, און באטראכט דעם צווייטענס דרייסטקייט און חוצפה.

— וואס דענקט איהר וועט זיין דער סוף מיט דער מלחמה אין קארעא? וועט זי זיך באלד ענדיגען צי נישט? ווי מיינט איהר, מיסטער, זאגט מיר, איך בין נייגעריג צו וויסען; און וואס וועט זיין מיט די אטאמישע באבעמס, וועט מען זיי באנוצען אדער נישט? און ווי געפעלט אייך די מעשה מיט דעם בעלגישען קעניג לעאפאלד, א רחמנות אויף איהם נעבעך, ווי זאגט איהר?—באווארפט איהם דער איד מיט פראגען.

— געוויס איז א רחמנות אויף איהם — ענטפערט דער איד שוין א ביסעל צוטראגען, און שטרעקט אויס זיין האנד צוריקצונעהמען די ציימונג. אָבער יענער וויל דערפון נישט הערען. ער האָט אויף ניך איבערגעמישט דאָס בלאַט אויף דער צווייטער זייט, און פרעגט ווייטער:

— און וואָס זאָגט איהר צו מיסטער נעהרו׳ם באמיהונג פאר שלום? אט דאָס, זעהט איהר, הייסט א מענש מיט א גוט הארץ, געזונד און שטארק זאָל ער זיין דערפאר, וואס ער וויל אויסמיידען א מלחמה. און ווי געפעלט אייך די אידענע וועלכע האט געבוירען פיער צוזאמענגעוואקסענע קינדער, נישט פאר קיין שום אידישער מאמען געדאכט... וואָס, איהר גלויבט דאס נישט? זאָג איך אייך אז עס איז אמת, ווייל ביי אונז אין שטערטעל האָט אויך געטראָפען די זעלבע זאך, און אז זיי זענען אויפגעוואקסען, זענען זיי געבליבען אזוי טריי איינע צו די אנדערע, אז זיי האָבען זיך נישט געוואָלט שיידען, און זענען דערפאר שטענדיג געווען צוזאמען... אפילו אונזער רבי וואָס איז געווען וועלט־בארימט אין באווייזען נסים, האָט גאָרנישט געקענט טון אין דעם פרט.

— גיט מיר די צייטונג, מיסטער, און לאזט מיך געהן, איך האָב קיין צייט נישט צו הערען וואס ביי אייך אין שטערטעל האָט געטראָפען.

—ניין, איך לאָז אייך נישט אוועק, איהר מוזט מיך אויסהערען בלויז נאך איין מינוט — האָט דער איד געזאגט, און כדי זיך צו פארזיכערען מיט זיין צוהערער, האט ער די צייטונג ארונטערגערוקט אונטער זיין ארעם, און מיט דער האנד צוגעהאלטען יענעם ביים לאץ... און פאָרטגעזעצט:

— איהר הערט, ביי אונז אין דער היים האָט אן אלטער פריסטאוו חתונה געהאט מיט א שעהנער יונגער בתולה, איך זאָג אייך א מיידעל, א קראסאוויצע איז דאָס געווען, אלץ איז צוגעגאנגען אויפ׳ן בעסטען אופן, נאָר אזוי ווי עס איז געקומען די נאכט פון דער חופה, האָבען שדים אוועקגעגנב׳עט די כלה און דער אלטער איז נעבעך געבליבען ווי א נאר אויפ׳ן מארק...

— איך האָב שוין די מעשה געהערט, פעטער לעבען, הערט אויף מיך צו נודיען, גיט מיר דאָס פייפער און לאָזט מיך געהן.

— נו, אלרייט, איך זעה דאָך אז איהר האָט קיין צייט נישט, וועל איך אייך לענגער נישט אויפהאלטען. איך וועל נאָך געבען בלויז איין קוק און נישט מעהר, און אָט טאקע וועגען דעם וויל איך אייך עפעס פרעגען, ווי געפעלט אייך דאָס אידישע טעאטער?

— איך וויים נישט, איך האָב עס נישט געזעהן, מיסטער. איהר וועט זיך אָבטשעפען פון מיר צי נישט?

— איך בעט אייך, זייט אזוי גוט און לעזט מיר איבער אָט דעם ארטי־קעל (האָט ער אנגעוויזען אויף א טעאטער רעצענזיע), איך וויל וויסען צי לוינט זיך ארייננצוגעהן אהין אָדער נישט? איך האלט אייך פאר א גרויסען מבין און וויל טאקע וויסען אייער מיינונג. איך וואלט עס אליין געלעזען און אייך נישט געבאדערט, ווייל איהר דאַרפט דאָך אוועקגעהן, האָב איך אָבער

נישט מיינע ברילען. דערפֿאַר מוז איך אייך באַמיהען... דאָס איז אַלעס, און איהר וועט קענען געהן געזונטערהייט וואו איהר דאַרפֿט...

— אויב אייך איז אינטערעסאַנט צו וויסען וועגען אַלץ וואָס מען שרייבט דאָרט, טאָ פֿאַרוואָס-זשע קויפֿט איהר נישט די צייטונג?

— וואָס הייסט איך זאָל קויפֿען? מיינע קינדער קויפֿען יעדען טאָג א צוויי־דריי ענגלישע פּייפּערס, איך אליין קויף די „סטאַר", מחמת צו געפֿינען אַ טיפּ פֿאַר אַ פֿערדעל, ווילט איהר נאָך איך זאָל קויפֿען די אידישע צייטונג אויך? וואָס מיינט איהר איך בין ראָטשילד? און צווייטענס איז מיר נישט נויטיג צו קויפֿען דאָס פּייפּער, ווייל אַט כאַפּ איך אַ קוק ביי אייך, ביי אַ צווייטען, ווייס איך שוין אַלץ און עס קאָסט מיך קיין געלד נישט...

— אויב אַזוי, פֿעטער לעבען, וועט איהר שוין קיין קוק ביי מיר נישט כאַפּען — האָט יענער געענטפֿערט מיט כעס, אַ ריס געטון די צייטונג פֿון דעם אידענ'ס האַנד און שנעל אַנטלאָפֿען.

אַן עהנליכען פֿאַל האָב איך אויך באַמערקט אין אַ באַס פֿאָהרענדיג אין ווייטשעפּעל.

אַ פֿרוי איז געזעסען און געלעזען אַ אידישע צייטונג. אַ צווייטע, וועלכע איז געזעסען נעבען איהר, האָט אויך אריינגעקוקט אין דער זעלבער צייטונג. האָט עס די ערשטע פֿרוי פֿאַרדראָסען, הלמאי יענע האָט אַזאַ חוצפה אריינצושטעקען די נאָז אין איהר צייטונג. האָט זי אויף גיך, אַלס פּראָטעסט, איבערגעמישט דאָס בלאַט אויף דער צווייטער זייט.

— זייט אַזוי גוט און לאָזט מיך ענדיגען דאָס קאַפּיטעל פֿון דעם ראָמאַן — האָט זיך די אידענע געבעטען — איך לעז איהם בשותּפֿות מיט מיין שכנה, דאָס הייסט יענע קויפֿט און איך לעז. נו, איז זי איצט אוועק פֿאַר איהרע האַלידייס. בין איך געבליבען אין מיטען... און מיר פֿעהלט אויס די פֿאָרטזעצונג, און פּונקט האַנדעלט זיך דאָרט איצט, ווי דער מאַן קומט אריין און טרעפֿט זיין ווייב מיט אַ געליבטען... און מיר ווילט זיך זעהר וויסען, וואָס צווישען זיי איז פֿאָרגעקומען, איהר פֿאַרשטעהט?

יענע האָט איהר צוגעוואָרפֿען אַ פֿאַראַכטעטען בליק, צוזאַמענגעלעגט די צייטונג און זי אריינגעלייגט אין קעשענע.

— וואָס האָט איהר מורא, איך וועל אייך אָבבייסען אַ שטיקעל פֿון פּייפּער... אָך, וואָס פֿאַר אַ שלעכטער מענש איהר זענט, שעמען מעגט איהר זיך, צוליב אַזאַ קלייניגקייט...

— מיסעס, אויב איהר ווילט דווקא וויסען וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישען דער פֿרוי און איהר געליבטען, טאָ זייט-זשע אַזוי גוט, קויפֿט אייך אליין

א פּייפּער, און קוקט נישט ביי יענעם — האָט די פרוי געזאָגט א בייזע און זיך אָבגערוקט פון איהר.

— צו וואָס זאָל איך קויפען דעם פּייפּער? איהר מיינט אז אַלע זענען אַזעלכע שלעכטע מענשען ווי איהר? איך וועל שוין געפינען אימיצען וואָס וועט מיר אויסבאַרגען דעם פּייפּער, אייך אויף צו להכעיס... און איהר דאַרפט מיך נישט לערנען וואס איך האָב צו טאָן, נישט אייער באָבע'ס עסק... עס איז גאָר קיין וואונדער נישט וואָס עס איז פאַראַן אזוי פיל אנטיסעמיטיזם — האָט די אידענע געענדיגט מיט כעס, און גענומען ארויסגעהן פון דער באַס...

אוי, אידישע לעזער!

# די אלמנה מיט׳ן פלעט...

איך קען א יונגע אלמנה, וועלכע האָט מיט א צייט צוריק פאַרלוירען איהר מאַן.

פּופּצעהן יאָהר זענען זיי געווען פאַרהייראַט און געלעבט צופרידען. עס האָט זיי קיין זאַך ניט געפעלט, נאָר בלויז איין קלייניגקייט — אַ קינד. און טראָץ דעם וואס זיי האָבען געטון אַלעס מעגליכע, געווען ביי די גרעסטע דאָקטוירים, זיך געלאָזט אפּערירען, און אפילו, געווען ביי א רבי׳ן מיט דער האָפנונג אפשר וועט א נס געשעהן, האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפען. דער־וויל זענען די יאהרען געפּלויגען און זיי האָבען זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צום געדאנק אין דעה ווירקליכקייט, אז זיי וועלען שוין בלייבען קינדערלאָז. האָט מען גענומען לעבען איינער פאַר׳ן צווייטען. נאָר פלוצלונג איז איהר מאַן אָבגעשטאָרבען און זי איז געבליבען אליין.

זי האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען עלענד און איינזאַם, און דערפאַר באַ־שלאָסען חתונה צו האבען.

זי האָט זיך וועגען דעם געווענדעט צו א שדכן. דער שדכן האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט. ער האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו געפינען א פּאַסענדען שידוך פאַר דער יונגער שעהנער אלמנה, אָבער עס האָט זיך איהם ביי קיין אופן נישט איינגעגעבען. דאָס הייסט, חתנים האָט ער געראָד יאָ געפונען, אבער קיין איינער פון זיי איז איהר ניט געפעלען געוואָרען.

זי האָט אָבער איהר האָפנונג ניט אויפגעגעבען. דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט, אז זי וועט געפינען אַזעלכען ווי זי זוכט. און זוכען זוכט זי אַ רייכען, וועלכער זאָל איהר קענען פאַרשאַפען אלץ וואָס זי וויל און דאַרף; א שעהנעם, מיט וועלכען זי זאָל זיך קענען פאַרשטעלען פאַר איהרע פריינד, און דער עיקר א יונגען, אפשר וועט זי נאָך קענען האָבען א קינד. דאס וואָלט שוין פאַרפולט איהר גליק אין לעבען.

דער שדכן האָט אזעלכען ניט געקענט געפינען און זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירען.

איז זי געפאַלען אויף א פּלאַן, און אַנאָנסירט אין א צייטונג וואס האָט א ספּעציעלע אָבטיילונג פאַר שידוכים. און אַנאָנסירט האָט זי אזוי:

„א שעהנע יונגע אלמנה, האָט א ביסעל קאפּיטאל, מיט אן אייגענער, פּיאַנע, א טייערען פּער קאוט, א רעפרידזשערייטאָר, א היבש ביסעל צירונג, און אויך א שעהן הינטעל, האָט ניט קיין מאַמען וועלכע זאָל זיך מישען אין איהרע געשעפטען, און ניט קיין קינדער וואָס דערגעהן די יאָהרען, זוכט די

באַקאַנטשאַפֿט פֿון אַ יונגען מאַן, וועלכען זי וועט גליקליך מאַכען אויב עס וועט זיין דער ריכטיגער. צוועק הייראַט."

דערצו האָט זי אַריינגעשטעלט איהר נאָמען און אַדרעס.

יעדען טאָג האָט זי זיך אויסגעפּוצט אין איהרע שעהנסטע בגדים און אָנגעהויבען וואַרטען אויף די בעלנים. עס איז אַוועק אַ צייט פֿון עטליכע וואָכען און, צום באַדויערען, זענען בלויז געקומען עטליכע עלטערע אידען, וועלכע דאַרפֿען אַ ווייב זיי צו באַדינען.

פֿאַרשטעהט זיך, אַז פֿאַר זיי האָט זי אַפּילו די טיר ניט געעפֿענט (זי האָט זיי פֿריהער באַטראַכט פֿון אַ זייטיגען פֿענסטער. . .)

נאָך דער ערפֿאַהרונג האָט זי שוין אָנגעהויבען צו פֿאַרלירען דעם גלויבען אין זיך, און עס איז איהר געוואָרען קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען.

זי האָט פּרובירט אַן אַנדער מיטעל. אנגעהויבען געהן אויף פֿאַרזאַמלונגען, קאָנצערטען, מיטינגען, פֿאַרברייננגען צווישען פֿאַרשידענע געזעלשאַפֿטען מיט דער האָפֿנונג צו באַגעגענען דעם מאַן וועלכען זי זוכט. אבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפֿען. איהר פֿאַנטאַזיע איז זיך צוגאַנגען ווי אַ זייפֿען־בלאָז.

מיט אמאל איז איהר איינגעפֿאַלען אַ פּראַקטישער געדאַנק. איהר ברודער אין אַמעריקאַ האָט זי שוין עטליכע מאָל געבעטען קומען אהין אויף אַ באַזוך. ערשטענס, האָט ער זי געוואָלט זעהר זעהן נאָך פֿיל יאָהרען בענקשאַפֿט; צוויי־טענס, וועט עס זיין פֿאַר איהר אַן איבערבייט; און דריטענס, פֿאַרוואָס זאָל זי זיין אַליין אהן אַ מאַן, אז דאָרט זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל פֿיינע יונגעלייט, וועלכע וואָלטען זי גענומען מיט אָפֿענע אָרעמס.

דאָס האָט איהר צוגעגעבען קוראַזש, און זי האָט באַשלאָסען צו פֿאָהרען.

זי האָט גלייך וועגען דעם מודיע געווען איהר ברודער, און ער האָט איהר אַרויסגעשיקט די נויטיגע פּאַפּירען כדי זי זאָל באַלד קומען. זי האָט זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע. די פֿריינד האָבען געמאַכט פֿאַר איהר אַ פֿיינעם אָבשידס אבענד און איהר געוואונשען גליק.

איהר ברודער מיט זיין בני בית האָבען זי אבגעוואַרט ביי דער שיף. מען האָט זיך געקושט און געוויינט פֿון פֿרייד.

ער האָט איהר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט ווי יונג און שעהן זי זעהט אויס, און דאס האָט איהר פֿאַרשאַפֿט גרויס פֿרייד און האָפֿנונג פֿאַר דער צוקונפֿט.

נאַכדעם ווי זי האָט זיך אויסגערוהט פֿון דער רייזע, האָט דער ברודער געמאַכט אַ פֿייערליכען אבענד לכבוד איהר, פֿאַרבעטען משפחה, פֿריינד און גלאַט באַקאַנטע יונגע לייט.

זי האָט באַמערקט ווי איינער, אַ שעהנער יונגער מאַן, האָט איהר גע־שענקט מעהר אויפֿמערקזאַמקייט ווי אַלע אַנדערע, און זי האָט צופֿרידען געשמייכעלט. . .

ער איז איהר שטאַרק געפֿעלען. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען קלאַפּען ביי

איהר אַ ביסעל שנעלער ווי געוועהנליך, און זי איז געווען זעהר דאַנקבאַר איהר ברודער פאַר דער איינלאַדונג.

דער יונגער מאַן האָט דאַן אנגעהויבען אריינקומען צו איהר כמעט יעדען אבענד, און ווען ער האָט איהר א געוויסען אבענד געבעטען מיט איהם צו פאַרברענגען, איז זי געווען אין זיבעטען הימעל פון גליק.

זי האָט וועגען דעם דערצעהלט איהר ברודער, און טראָץ דעם וואָס ער האָט דעם יונגען מאַן כמעט ניט געקענט, ווייל זיינער א פריינד האָט איהם יענעם אבענד געבראַכט מיט זיך, איז ער געווען זעהר צופרידען וואס זיין שוועסטער האָט אויף איהם געמאַכט אַ גוטען איינדרוק און געשלאָסען באַ־קאַנטשאַפט.

אַ גליקליכע איז זי אהיימגעקומען יענעם אבענד און דערצעהלט איהר ברודער, אז ער האט זי אויסגענומען און איהר פאַרשאַפט א סך פאַרגעניגען, און זי האָט איהם שטארק ליב באקומען פאַר זיין העפליכקייט און גוטען באַנעמען.

דער יונגער מאַן האָט ארויסגעוויזען גרויס ליבשאַפט צו איהר, און נאָך א צייט פון עטליכע וואָכען, ווען זי איז שוין געווען זיכער מיט איהם, האָט זי באַשלאָסען, מיט איהר ברודער'ס צושטימונג, צו רעדען מיט דעם יונגען מאַן וועגען א תכלית, דאָס הייסט וועגען חתונה האָבען. דאַן וואלט זי מיט איהם געמאַכט א רייזע נאָך לאנדאָן, דארט פאַרקויפט איהר היים, מיט דער פיאַנע, דעם פרידזש און בעדרום סוויט, געמאַכט א רייזע איבער איירָאָפּא אויף האנימון, דאַן וואָלטען זיי זיך אומגעקעהרט נאָך ניו יארק און זייער אייגענער היים. וואס איהר ברודער האָט איהר צוגעזאָגט צו מאַכען, און עס וואָלט זיך פאַר איהר אָנגעפאַנגען א ניי לעבען.

יענעם טאג האָבען זיך די שטונדען געצויגען און געשלעפּט זעהר לאַנג־זאַם. ענדליך איז געקומען דער אבענד. באַלד נאָך נאַכטמאָל זענען זיי ארויס אויף דעם געוועהנליכען שפּאציר. ער האָט זי גענומען אונטער'ן אָרעם, און אזוי האָבען זיי ארייַנשפּאַצירט אין א דערבייאיגען פּארק, זיך געזעצט אַ ווײַלע אונטער א בוים, און געבליבען זיצען עטליכע מינוטען אהן אויסצורײדען אַ וואָרט.

דאָס ווייבעל האָט דערפיהלט, אז איצט איז די גינסטיגע געלעגענהייט, און זי האָט געזאָגט, אין אַ שטילען צאַרטען טאָן:

„ליבער מיינער, צו דענקסטו ניט אַז עס איז שוין צייט אז מיר זאָלען חתונה האבען? איך בין זיכער, אז דו האָסט מיך ניט וועניגער ליב ווי איך דיך"

ער האָט זי ליבליך ארומגענומען.

״יא, מיין טייערע, דו האָסט פאָלקאָם רעכט,״ האָט ער געענטפערט און אָנגעפרעסט א צאַרטען קוש אויף איהרע ליפּען.

זי האָט איהם געקוקט אין די אויגען און לײדענשאַפטליך געשמייכעלט.

ווארטענדיג אונגעדולדיג אויף זיין ענטפער. אָבער אָנשטאָט איהר צו ענט־פערען, האָט ער זיך ערנסט פארטראכט.

נאָך א קורצער ווײלע האָט ער זי ווידער צערטליך ארומגענומען און איהר איינגערוימט אין אויער, פונקט ווי ער וואָלט זיך געהיט פאר די פויגעלאך וועלכע זענען ארומגעפלויגען איבער זייערע קעפ:

„איך האָב דיך זעהר ליב, אָבער התונה האָבען מיט דיר איצט קען איך ניט, ווייל איך האָב א פרוי. מיר לעבען ניט צוזאמען און איך ווארט זי זאָל מיך גט'ן"...

נאָך די ווערטער, האָט ער איהר ווידער א קוש געטון, אבער זי האט זיך גליך פון איהם אָבגעקערט, און אָבגענארטע.

ער האָט זי באגלייט אהיים, אָבער ניט אריין אין הויז.

זי האָט וועגען דעם אויף צו מאָרגענס דערצעהלט איהר ברודער. ער האָט זי שטארק באדויערט.

פון דאן אָן איז זי ארומגעגאנגען א דערשלאָגענע.

מיט א קורצער צייט שפעטער האָט זי באשלאָסען צו פאהרען צוריק נאָך לאָנדאָן, אנטלויפען פון די אַמעריקאנער בלאָפערס... און אזוי האט זי געטון.

נאָכדעם וואָס זי האָט דאָרט איבערגעלעבט, האָט זי זיך דערפיהלט נאָך מעהר איינזאם, און האָט באשלאָסען ווידער אנהויבען זוכען א שידוך...

פונקט אין יענער צייט האָט זיך אנגעפאנגען דער מאנגעל אין דירות... מענשען האָבען אָנגעהויבען ארומלויפען ווי פאר'סמ'טע מייז... מען האָט געאָפערט גרויסע סומען געלד, אבער עס איז ניט געווען מעגליך עפעס צו באקומען. יונגע פארלעך האבען צוליב דעם ניט געקענט חתונה האָבען. יונגע לייט, וועלכע עס האָט זיך שוין דערעסען צו זיין מיט טאטע־מאמע און געוואָלט האָבען א היים פאר זיך, האבען זיך ניט געקענט קיין עצה געבען אליין צוליב די דירות.

דאָ האָט זיך אונזער אלמנה געכאפט, אז זי האט דאָס וואָס אנדערע זוכען, און עס קען פיהרען צו גוטע רעזולטאטען. זי האָט א פלעט, וואָס באַ־שטעהט פון דריי צימערען, מיט א באַטה, א טעלעפאָן, און אלע באקוועמליכ־קייטען וואָס א מענש קען זיך ווינשען.

זי האָט אריינגעגעבען א קליינעם אדווערט אין דער צייטונג, ניט ווי פריהער, נאָר בלויז עטליכע ווערטער: „אן אלמנה מיט א פלעט זוכט א שידוך".

באלד אויף צו מאָרגענס האָט מען איהר אָבגעהאקט די טיר. עס זענען געקומען מיידלעך, פרויען, מענער יונגע, אלטע, מיטעליעהריגע. און אזוי ווי דאָס האָט איהר געגעבען א גינסטיגע געלעגענהייט, האט זי זיך אויסגעקליבען א יונגען מאן, וועלכען דער פלעט האָט זעהר שטארק געפעלען, און מיט איהם חתונה געהאט.

און איצט לעבען זיך ביידע גליקליך און צופרידען, זי מיט דעם מאן, און ער מיט דעם פלעט...

# אַ נייע אידישע תפילה.

שטעהט זיך א איד, היינטיגען ראש השנהביים דאוונען, האַלט א מחזור אין האנד, אָבער ער זאָגט נישט וואָס אין מחזור שטעהט געשריבען. ער האָט זיך אַן אייגענע תפילה מיט וועלכער ער איז ספּעציעל געקומען אהער.

ער הערט זיך אַפילו נישט צו וואָס דער חזן זאָגט. וואָס געהט עס איהם אָן, עס איז נישט זיין עסק. ער האט זיך זיינע אייגענע צרות. ער איז געקומען זיך אויסרעדען פון הארצען פאר זיין באַשעפער, און לייגט אוועק זיין טענה:

רבונו של עולם, טאַטע פאָטער אין הימעל, איך, דיין קנעכט, משה חיים בן אברהם יעקב, שטעה פאר דיר איצט מיט א צובראָכען הארץ און ביטער געמיט, אהער בין איך געקומען דיר אָבגעבען דין וחשבון, ביי דיר בעטען מחילה פאר דעם פאַרגאַנגענעם זינדיגען יאָהר. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב געזינדיגט, געטון א סך ניט עהרליכע זאַכען, איך וויל דיך נישט נארען, ווייל דו ביזט דער איינציגער וועמען מען קען קיין ליגען נישט זאָגען. איך וויל אָבער אויך, אַז דו זאָלסט וויסען, אַז איך בין נישט אין גאַנצען שול־דיג׳אין די זינד, וועלכע איך בין באַגאַנגען. שולדיג אין דעם וואָס איך בין נישט געווען אין גאַנצען ערליך אין מיין מסחר, איז די שלעכטע ביטערע צייט, דער איצטיגער קריזיס, וועלכען דו האָסט אויף אונז אָנגעשיקט. מיר זענען דאָך נישט מעהר ווי שוואכע באַשעפענישען פון דיין ליבען נאָמען, מענשען פון פלייש און בלוט, מיט אַ שוואכען יצר טוב, און א שטארקען יצר הרע, די באַרערפּעונישען זענען גרויס, און דער נסיון נאָך גרעסער...

איז מיר קיין אנדערער אויסוועג נישט געבליבען, ווי נאָר טון דאס וואָס טויזענדער אנדערע...

שולדיג אין דעם וואָס איך האָב זיך גע׳גט מיט מיין ערשטע ווייב, און זי געלאָזט מיט פיער קינדער, איז איהר בייזע צונג, וועלכע איז מיר אזוי דער־גאַנגען די יאָהרען, אַז איך האָב ממש געמוזט פון איהר פטור ווערען... און אזוי ווי עס שטעהט בפירוש געשריבען אין דיין הייליגער תורה, אז א איד טאָר נישט זיין אָהן א ווייב, האָב איך מיר גלייך אויסגעזוכט א צווייטע און מיט איהר געשטעלט א חופה, נאָר אויב דו מיינסט, גאָטעניו, אַז די איז בעסער, האָסטו אַ גרויסען טעות, ווייל עס איז די זעלבע יענטע, נאָר אנדערש געשלייערט...

שולדיג זענען אויך מיינע שלעכטע חברים, וועלכע האבען מיך אוועקגע־שלעפּט אין די געמבלינג הייזער, וואו איך פלעג אָבזיצען גאַנצע נעכט און

פארשפּילען מיינע ווידזשעס... אין דעם וואָס איך כאפּ אמאָל אן איבעריגען טראָפּען, ווער בגילופין, און געה נישט אויף דעם גלייכען וועג, רעד נישט קיין פיינע דיבורים, אין דעם זענען שולדיג מיינע צרות, וועלכע איך וויל אמאָל פאַרגעסען.

און דאָס, וואָס איך אַנטלויף פון מיינע בעסטע פריינד, וויל זיי נישט העלפען מיט קיין גמילות חסד, און נישט אפילו מיט קיין שמעק טאַבאַק, פאַר דעם גאָטעניו דאַרפסטו אויף מיר אויך נישט ברוגז זיין, דאס טו איך דער־פאַר, ווייל איך האָב אויסגעפונען, אז צווישען אַלע איז קיין איין רעכטער נישט פאַראַן.

זעהסטו, אפילו אין דעם וואָס איך בין געקומען היינט דאַוונען אין אַ האָל, און נישט אין קיין שוהל, וואו יעדער איד דאַרף געהן אין אַזעלכע הייליגע טעג, איז ערשטענס א סימן דלות... צווייטענס זענען עס שולדיג די פרומע אידען, די ביזנעס לייט, וועלכע האבען אַוועקגעשטעלט פאַרטערס ביי די טירען, און מען לאָזט נישט אריין אָהן אַ בילעט... נאָר דער עיקר שולד לייג איך אויף מיין טאַטע־מאַמע (זיי זאָלען מיר מוחל זיין) דערפאַר וואָס זיי האָבען מיך אַזאַ שלים־מזל אויף דער וועלט געבראַכט... צו וואָס און נאָך וואס האָב איך עס באַדאַרפט, צו האָט דען די וועלט נישט געקענט אויס־קומען אָהן מיר?

נאָר ווי שוין פריהער געזאָגט, מוז איך דאָך צוגעבען, אז אַ גרויסען חלק אין דעם האָב איך, און טאַקע צווישען אונז גערעדט, בין איך אַליין אויך קיין מענש נישט... און איך מוז זיך מודה זיין, אז איך האָב געזינדיגט, און הייליג פאַרדינט באַשטראָפט צו ווערען...

אָבער איך בעט דיך, הארציגער פאָטער אין הימעל, זאָל די שטראָף זיין אַ מילדע, מיט יושר און רחמנות, דו ביזט דאָך נישט קיין נוקם ונוטר, און ווען עס שטעהט פאַר דיר אַ בעל־תשובה, אזוי ווי איך, און גיט צו אַז ער האָט געזינדיגט, דאַרף די שטראָף, זיין אַזעלכע, וועלכע זאָל זיין לייכט אַרי־בערצוטראָגען, דו פאַרשטעהסט דאָך וואָס איך מיין... קענסט מיך שטראָפען למשל דערמיט, זאָלסט ביי מיר צונעהמען די שוויגער, וועלכע טיילט מיר אויס געבראָטענע צרות זינט זי איז ביי מיר אין הויז... אָדער אריינלייגען אַרבעס אין די שיך... אָט אַזאַ סאָרט שטראָף וועל איך אננעהמען באהבה...

און פאַרוואָס טאַקע מיר געבען אַ שווערע שטראָף, ווען איך גיב אַליין צו אַז איך בין שולדיג אין אַלעם? איך געדענק, ווען איך בין אַלס קינד געגאַנ־גען אין חדר, און אַז איך האָב דעם רבי'ן אָבגעטון אַ שפּיצעל, האָט ער מיך דערפאַר באַשטראָפט מיט שמיץ. נאָר אַז איך האָב זיך אַליין אַריבערגעלייגט אויפ'ן בענקעל, אַליין אָבגעשפּילעט די תחתונים און געגעבען אַ קוש דעם קאַנטשיק, מיט וועלכען ער האָט מיך געשמיסען, האָט ער מיר געגעבען מיט אַ פּאָר שמיץ ווייניגער...

אָבער דו גאָטעניו ביזט דאָך פיל העכער פון דעם רבי'ן, דאַרפסטו זיכער

ווניגער שמייסען דיינע קינדער פֿאַר זייערע זינד, וועלכע זיי באַגעהען יעדעס מאָל נישט מיט זייער אייגענעם ווילען.

און איצט וויל איך דיך שוין אין איין וועג א בעט טון, זאָלסט באַווייזען אַ נס, עס זאָל מעהר קיין מלחמות נישט זיין אויף דער וועלט, נישט קיין אַטאָמישע באָמבעס, און אַנדערע אָנשיקענישען, וועלכע קענען אומברענגען די וועלט, טראָץ דעם וואָס זי טויג אויף קלאָגען, אָבער לעבען ווילט זיך דאָך... זאָלען די וועלכע ווילען אונז דוקא ארײנשלעפּען אין אַ מלחמה זיין אונזערע כפּרות צום נייעם יאָהר, און אונז לאָזען לעבען, ווייל די לעצטע מלחמה, מיט די פֿליהענדע באָמבעס און ראָקעטס, ליגט אונז נאָך אין די ביינער, און לאָזט דעם קאָפּ נישט אויפהויבען פֿון שרעק און מורא...

אויך בעט איך דיך, זאָלסט אַלע אידישע קינדער צושיקען אידישע שידוכים צום נייעם יאָהר, זאָלסט זיי אין אַ מזל׳דיגער שעה חתונה מאַכען, און פֿאַרלייכטערען טאַטע־מאַמע׳ס הערצער. זאָלען אידישע מאַמעס באַפֿרייט ווערען פֿון שווערע געדאַנקען מיט שרעק און מורא וועגען זייערע קינדער׳ס מזלות...

אויך גאָטעניו טייערער אין הימעל, זאָלסט שטאַרקען די הענד און די כוחות פֿון אונזערע קינדער אין ישראל, זיי העלפֿען אויפֿבויען אונזער לאַנד, גרויס, שטאַרק און מעכטיג, עס זאָל זיין די שעהנסטע און בעסטע מדינה אין דער וועלט, עס זאָל ווידער בליהען און וואַקסען, עס זאָל ווידער זיין דאָס לאַנד פֿון ראַזשינקעס און מאַנדלען, מילך און האָניג, פּונקט ווי עס איז געווען אַמאָל, אַזוי אַז דאָס גאַנצע אידישע פֿאָלק, וועלכעס איז נאָך אַלץ אין גלות, זאָל קענען עולה זיין אַהין, מיר זאָלען ווערען אויסגעלייזט פֿון אַלע לענדער, און מעהר נישט הערען דאָס וואָרט פֿרעמדער, און נישט זיין מעהר קיין איינגעבעטענע געסט...

אויך זאָלסטו אונז צושיקען אַ גוטען אידישען טעאַטער, דעם ווינטער, מיט גוטע אַקטיאָרען און גוטע פּיעסען, אַז מען זאָל קענען דאָרט פֿאַרברענגען אַן אינטערעסאַנטען גייסטרייכען אָבענד. זאָלסט אויך ווייכער מאַכען די הערצער ביים פּובליקום, זיי זאָלען דאָך אַמאָל איינזעהן, אַז אַזאַ אינסטיטוציע ווי אַ גוט אידיש טעאַטער איז נויטיג אין לאָנדאָן, און מען דאַרף עס אונטערשטיצען. זאָלען אויך אידען ווערען לעזער פֿון דער אידישער צייטונג, וועלכע גיט זיי יעדען טאָג אינטערעסאַנטע ספּעציפֿישע נייעס, אַרטיקלען פֿון פֿיינע אידישע שרייבער וועגען אידישע צייטונגען וואָס זיי קויפֿען יעדען טאָג, ווייל נישט געפֿינען אין די ענגלישע צייטונגען וואָס זיי קויפֿען יעדען טאָג, ווייל אָהן אַ אידיש טעאַטער און אָהן אַ אידישער צייטונג איז דער איד קיין איד נישט...

אָט דאָס, רבונו של עולם, איז מיין נייע תפילה צו דיר, און טראָץ דעם וואָס די תפילה שטעהט נאָך נישט געשריבען אין קיין שום מחזור, בין איך אָבער זיכער, אַז עס וועט קומען אַ צייט (און אפֿשר גאָר אין גיכען) ווען מען וועט זי מוזען ארײנשטעלען...

# דער שרייבער טראַכט און דער לעזער לאַכט!...

דער שרייבער איז געזעסן זייט עטליכע שעה ביים שרייב־טיש און גע־טראכט, וואָס זאָל ער אָנשרייבען אויף מאָרגען?

ער איז אַ מיט־ארבייטער אין אַ טעגליכער צייטונג, און מוז יעדען טאג צושטעלען אַן ארטיקעל אויף מאָרגען.

ער האָט, דאכט זיך, געשריבען וועגען אלץ און אלעמען. באריהרט פאַר־שידענע פראגען, וויכטיגע און נישט וויכטיגע... פאסירונגען וועלכע האבען נישט פאסירט, געשעהענישען וועלכע זענען נישט געשעהן... וועגען מיטינגען, קאָנפערענצען, וועגען חשוב'ע געסט וועלכע באווייזען זיך ביי אונז אין לאַנ־דאָן אזוי אָפט. וועגען מענשען וועלכע פאהרען נאָך ישראל און קומען צוריק שטארק באגייסטערט... און וועגען נאָך און נאָך אזעלכע וויכטיגע פראגען. איצט, אבער, זיצט ער אַן אויסגעשעפּטער און דרעהט דעם מוח: וואס ווייטער? פרעגט ער זיך.

א פארצווייפעלטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צום פענ־סטער, עס ווייט פונאנדער געעפענט, און ארויסגעקוקט אין גאַס.

ער האָט גענומען זוכען דאָרט עפעס, געקוקט מיט שטאַרע בליקען אויף דער ערד, אויף די בוימער וועלכע האבען ארומגערינגעלט זיין הויז, אויף דעם שעהנעם לויטערען הימעל. מיט איין וואָרט, ער האט גענומען פאָרשען, זוכען און טראכטען וועגען עפעס אזעלכעס וואס זאָל איהם ארויסהעלפען, ארויס־שלעפען פון זיין פארלעגענהייט...

דער טאג איז געווען פון די ערשטע פריהלינג טעג. אין דרויסען איז געווען שעהן און ווארים. די זון האט געשיינט אין איהר פולען פראכט. פון גאָרטען האָט זיך ארויפגעטראָגען צו איהם א ריח פון פרישע לופט. די קליינע געלע בלימעלעך, וועלכע האבען קוים ארויסגעשטעקט זייערע קעפּעלעך פון דעם גרינעם גראָז, האבען געשמעקט מיט פרישקייט. א פארבלאנדזשעטע פייגעלע האט פון ערגעץ א סווישטשע געטון. עס האָט זיך דערהערט דאָס פרעהליכע שפילען און זינגען פון א גרופּע קינדערלעך אין יענעם געגענד. זייערע שטימעלעך האבען געלאַכט און הארציג געקלונגען.

דער שרייבער איז געוואָרען שטארק באגייסטערט פון דער אומגעבונג פון דער פריהלינגדיגער אטמאָספערע, און א טראַכט געטון: פארוואָס נישט שרייבען וועגען דער וואונדערבארער נאטור? פארוואָס נישט באזינגען דעם

פראכטפולען פריהלינג, וועגען דעם זאָנדערבארען שעהנעם וועטער וועלכעס רופט צום לעבען און געניסען? פאַרוואָס נישט ארויסרופען ביי די לעזער א פיינע פרילינגס שטימונג?

און ווי מורא האָבענדיג די באַגייסטערונג זאָל נישט פאַרלאָזען, האָט ער שנעל צוגעמאכט דעם פענסטער, זיך געזעצט צום שרייב־טיש, און אָנגע־שריבען די פאָלגענדע מליצה:

מענשען, פריינד און לעזער, ערוואכט פון דער מאָנאָטאָנער שטימונג אין וועלכער דער לאנגער ווינטער האָט אייך איינגעשלעפערט, ערוואכט און באגריסט די הערליכע נאטור, די ווארימע זון, וועלכע שיינט אזוי פרעכטיג און דערוואַרימט אלע מענשליכע צעלען פון דעם קערפער און נשמה; באגריסט זונען־שטראַל; געהט ארויס אין גאַס און זאפט איין אין זיך די ווארימע פרישע לופט, באטראכט מיט ליבשאפט דעם בלויען הימעל אין דעם ערשטען פרילינג־טאג. ברידער און שוועסטער, קינדער פון מוטער נאטור, עפענט אייערע טירען און פענסטער, הערט זיך איין צו דעם פרישען הארציגען געזאנג פון די פיי־געלעך, וועלכע האבען זיך צו אונז אומגעקערט, און זאָגען אייך אָן א פרעה־ליכע בשורה וועגען דעם אָנקומענדען זומער... ווארפט ארונטער פון זיך די ווינטערדיגע שווערע בגדים, צושפילעט אייער ברוסט, און אָטהעמט איין אין זיך די ווארימע פרישע לופט. עס וועט אייך צוקומען א שטיק געזונד, און איהר וועט מיר דאנקען פאר דער גוטער עצה... זיצט ניט אין אייערע ענגע שטובען, געהט ארויס אין גאַס, אין פארק, פאַרגעסט אויך נישט מיטצונעמען אייערע קינדערלעך, זאָלען זיי אויך געניסען פון דער פיינער לופט, ווייל דאס איז זעהר נויטיג צו זייער ענטוויקלונג.

א קאלטער שווייס האָט באגאָסען זיין שטערן. ער האָט אזוי שווער גע־ארבייט, זיין געדאנקען־גאַנג האָט קוים באוויזען נאך צו פאָלגען די פעדער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ארומגעווישט, זיך א ביסעל אבגערוהט. דאַן האָט ער אויסגעגלייכט דעם רוקען. נאכדעם ווי ער האט איבערגעלעזען זיין ארטיקעל האָט ער א צופרידענעם שמייכעל געטון. עס איז איהם שטארק געפעלען גע־וואָרען. ער האָט זיך אליין גראטולירט פאר דעם געלונגענעם איינפאַל.

ער איז ווידער צוגעגאנגען צום פענסטער, עס ברייט געעפענט, און ווידער מיט אינטערעס ארויסגעקוקט, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגען צו ער האט געזאָגט דעם אמת...

די זון האט נאך געשיינט, דאָס פויגעלע האָט זיך געלאָזט הערען, און די קינדערלעך האָבען זיך נאך געשפילט און געטאנצט פרעהליך ווי פריהער. דאַן איז ער ווידער צוגעגאנגען צום טיש און מיט א הארץ פול מיט פרייד האָט ער פאַרענדיגט זיין ארטיקעל:

שעהן איז גאָט'ס וועלט, גליקליך זייט איהר, וואס איהר האָט דערלעבט ווידער צו זעהן די אויפבליהונג פון דעם שעהנעם פריהלינג, ווארפט אוועק אלע אייערע זאָרגען, היינט מוזען אלע זיין פרעהליך, אלע לעבעדיגע באשעפ־נישען, מענש און חיה, פערד און בהמה, ווייבער און קינדער, שרייבער און

אַקטיאָרען, פֿילאָזאָפֿען און פּאָעטען, פּאָליטיקער און כלל טוער, רייך און אָרים, פֿרעהט אייך אלע, גיט אב אַ שבח צו גאָט, וואס איהר האָט דאָס מזל צו דערלעבען נאָך א פֿריהלינג...

נאָך דעם ווי דער שרייבער האָט געענדיגט זיין געלונגענעם אַרטיקעל, האָט ער עס פֿארפּאַקט און גלייך אבגעשיקט אין רעדאַקציע.

אָט דאָס הייסט א געלונגענע זאַך — טראַכט ער ביי זיך — נישט גע־שריבען גלאַט אין דער וועלט אריין, ווי פֿילע פֿון זיינע קאָלעגען טוען, און ער שטעלט זיך פֿאָר ווי די לעזער קוועלען ביים לעזען זיינע קלוגע ווערטער, און ער הערט ווי זיינע פֿריינד די שרייבער רעדען וועגען זיין געלונגענעם ארטיקעל, און ווי זיי זענען איהם מקנא... און ער איז זיך מחיה.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָט זיך פארצויגען א שטיקעל כמאַרע אויפֿן הימעל, און עס האָט אָנגעהויבען א ביסעל צו רעגענען... א ביסעל שפּעטער איז געוואָרען א שטאַרקער ווינט, א פֿראָסט, און עס האָט גענומען שיטען א שניי... דער עולם איז געלאָפֿען איבער די גאַסען איינגעהילט אין ווארימע מאַנטלען, ארומגעוויקעלט די העלזער מיט וואָלענע שאַלען, און עס איז פּשוט נישט מעגליך געווען אָבצוכאַפּען דעם אָטהעם פֿון קעלט. יעדער האָט זיך געאיילט וואס גיכער אריינצוקומען אין שטוב.

דער שרייבער איז שוין ווידער געזעסען ביים שרייב־טיש און געדרעהט דעם קאָפּ אויף אַ נייעם ארטיקעל פֿאַר דער מאָרגענדיגער צייטונג. אין דעם היינטיגען האָט ער שוין אין גאַנצען פֿארגעסען...

דערפֿאַר אָבער זענען די לעזער, מיט דער צייטונג אין האַנד, געזעסען ארום א גרויסען פֿייער, זיך געוואַרימט מיט א הייס גלעזעל טיי, און געלעזען דעם ארטיקעל מיט פֿאָלגענדען אינהאלט:

מענשען, ערוואַכט פֿון דער מאנאָטאָנער שטימונג, אין וועלכער דער לאַנגער טרויעריגער ווינטער האָט אייך פֿארשלעפֿערט... עפֿענט אייערע טירען און פֿענסטער, ווארפֿט אראָב פֿון זיך די שווערע ווינטערדיגע בגדים, געהט ארויס אין גאַס, אין פּאַרק, און נעהמט אריין אין זיך די פֿרישע לופֿט, און די ווארימע זון... א.ז.וו.

און האָבען דערביי הארציג געלאַכט...

# איך שרייב ניט קיין ראָמאַן!...

נאָך לאַנגע יאָהרען שטודירען דאָס שרייבערישע פאַך, איז מיינער גע־קומען צום באשלוס, אז מחמת צו ווערען פאפולער, זיך שאפען א גרויסען נאָמען אין דער וועלט, און ווערען רייך, מוז יעדער שרייבער, ווענינגסטענס איינמאל אין זיין לעבען, אנשרייבען א ראָמאן...

דער אינהאַלט, דענקט ער, איז נישט וויכטיג. דער עיקר איז דער נאָמען, וועלכער דאַרף זיין באמבאסטיש, סענסאציאָנעל. דער ראָמאַן מוז אויך פאַרמאָגען א סך סענטימענט, אזוי אז ביים לעזען זאָל עס א צופ טון ביים הארצען, ביי דער נשמה, עס זאָל ביי איהם, אדער איהר, ארויסרופען טרערען פון מיטגעפיהל און באַגייסטערונג..

וועלכען שרייבער עס געלינגט צו שאפען אזא מין ווערק, יענער איז געזיכערט מיט ערפאָלג, אַ קאַריערע און פרנסה אוודאי...

איינמאל אין מיטען נאַכט, ווען מיר האבען ביידע נישט געקענט שלאָפען, האָט ער מיט מיר אנגעצוינגען א שמועס וועגען דעם וויכטיגען ענין...

ער קען, איינינגע שרייבער וועלכע זענען צוליב זייערע ראָמאַנען גליקליך געוואָרען, לעבען ווי די לאָרדס, האָבען אייגענע קאַרס, מישען זיך אוים מיט דער העכסטער געזעלשאפט. מען טיילט זיי צו א סך כבוד, זיי פאַרנעמען הויכע פאָסטענס, שטעהען אויף אַ הויכער מדרגה, אזוי ווי עס פאַסט פאַר אַ שרייבער, און איך — זאגט ער מיט א פאָרוואורף — פאַרדין אפילו נישט אויף פרנסה פאַר איהם מיט די קינדער. . .

ער גלויבט אין מיינע פעהיגקייטען, און גיט צו אז ער איז זיכער דאס ווען איך זאָל מאכען א פאַרזוך צו שרייבען א ראָמאן, וועט זיך מיר איינגעבען. און מיר וועלען גליקליך ווערען. דאס הייסט איך דאַרף נאָר וועלען...

איך האָב זיך ערנסט פאַרטראַכט וועגען דעם און איינגעזעהן, אז טראָץ דעם וואס ער איז נישט קיין גרויסער חכם, האט ער אבער רעכט דערמיט, און מען דאַרף טאקע פרובירען.

ער האָט מיר אויך צוגעזאגט איבערצונעהמען מיין ארבייט, אויפפאַסען אויף די קינדער, צוגרייטען מיטאָג, אויסוואַשען די וועש, אויסרייניגען די פאָדלאָגעס, מיט איין וואָרט—צו טון אַלץ וואָס עס נויטיגט זיך אין הויז...

איך האָב גענומען זיין וואָרט, פאַרלאָזט זיך אויף איהם, זיך פאַרלאָזט אויף איהם מיט אַלץ, און גלייך אויף צו מאָרגענס איינגעקויפט א היבש ביסעל שרייב פאפיר, עטליכע פענס, א פלעשעל טינט, און דעם זעלבען נאָכמיטאָג זיך פאַרשלאָסען אין א באזונדערען חדר, מחמת מען זאל מיר נישט שטערען,

זיך קאנצענטרירט אויף מיין וויכטיגער ארבייט אין שאפן דעם ראמאן, וועל־כער וועט אונז אלעמען גליקליך מאכן...

איך האב גענומען די פען אין האנט, אנגעשפארט דעם קאפ אויף דער צווייטע האנט און אנגעהויבן טראכטען וועגן א וויכטיגער טעמע, אזעלכע וועלכע זאל איבערראשען סיי די לעזער און סיי די גאנצע שרייבער משפחה.

מיר איז איינגעפאלען א געדאנק; איך וועל שילדערען דאס אידישע לעבען פון וויטשעפעל, אויף פראסט מאמע־לשון, אזוי אז אלע וואס וועלען דעם ראמאן לייענען, זאלען זיך דארט דערקענען, און זיין זיכער, אז נאר זיי האב איך דארט געמיינט... דאס וועט מאכן א רושם, זיי וועלען זיך מחיה זיין, און לעקען די פינגער פון יעדעןווארט... מען וועט מיר שיקען דאנק־בריף, מתנות, און מיך לויבען ביז׳ן הימעל פאר מיין קונסט־ווערק...

און כדי צו שאפען זיך א נאמען, און גוט פארדינען, וועל איך דעם ראמאן נישט ארויסגעבען אין א בוך־פארם, ווייל דאס איז א זיכערער דורכפאל ביי אונז אין לאנדאן... איך וועל איהם פארקויפען צו א רעדאקטאר פון א טעג־ליכער צייטונג, און זאל ער ערשיינען טעגליך, אין פארטזעצונגען, יעדען טאג וועל איך זיך זעהן געדרוקט מיט מיין נאמען... דאס וועט מיר פארשאפען פיעל פארגעניגען... די קריטיקער אונזערע וועלען זיכער האבען צו זאגען א ווארט וועגען מיין ווערק...

יא, אזוי וועל איך טון, האב איך ביי זיך אבגעמאכט.

אזוי טראכטענדיג בין איך איינגעשלאפען, און עס האט זיך מיר גע־חלומ׳ט אז מיין ראמאן איז שוין געענדיגט. איך לעז איהם פאר פאר מיין אלטען. ער פארזיכערט מיר אז דאס איז דאס גרעסטע ווערק וואס איך האב ביז איצט געשאפען... דער אינהאלט איז אינטערעסאנט. איך האב זיך ממש איבערטראפען, זאגט ער מיט באגייסטערונג, און שמייכעלט פון גליק, און אויב איך וועל געפינען דעם אמת׳ן מבין דערויף, וואס וועט פארשטעהן די ווערט פון אזא ראמאן, און וועט איהם אבקויפען, וועלען מיר האבען דערגרייכט אונזער ציעל. מיר וועלען אויף דעם סמך אנהויבען א ניי לעבען. ערשטענס ארויס פון דער איסט ענד, אוועק פון אלע קבצנ׳ישע פריינד... וואס טויגען זיי אונז? אז מען קען ביי זיי אפילו קיין גמילות חסד נישט באקומען... מיר וועלען שוין נישט דארפען דרעהען דעם קאפ אויף פרנסה ווי ביז איצט, און טאקע זיך קויפען א קאר, אזוי אז טאמער וועט אונז פארשמעקען א שטיקעל ברוין ברויט, מיט א געזאלצענעם הערינג, וועט מען זיך קענען צוכאפען צו דער איסט־ענד און דאס איינקויפען... איך הער זיך איין צו מיין אלטענ׳ס קלוגע רייד און בין אין זיבעטען הימעל. איך פארריים די נאז און הויב זיך אן לערנען צו ווערען א סנאב... אלץ אויפ׳ן חשבון פון מיין אנגעשריבענעם ראמאן. מען מאכט מיר א באנקעט לכבוד מיין מייסטערווערק... דער זאל איז געפאקט מיט חשובע אנגעזעהענע געסט. אלע לויבען מיין ארבייט ביז אין הימעל אריין. און מען זאגט מיר אזעלכע שבחים פאר וועלכע איך אליין שעם זיך שוין א ביסעל. עס איז צופיעל, טראכט איך. . אבער איך נעהם

זיי צו גאנץ פיין, און באדאנק אלע מיינע פריינד און קאלעגען וועלכע באַ־טייליגען זיך אין מיין שמחה... מיינע קאלעגען שרייבער זענען מיך מקנא, און איך ווינש זיי צו דאָס זעלבע גליק... דער זשורנאַליסטען פאראיין אָרדענט איין פאר מיר א ספעציעלען אבענד, מיט א גלעזעל טיי. דער פאָרזיצער פיהרט דעם פאָרזיץ, און אלע חברים מעלדען זיך צום וואָרט, און אין יעדען וואָרט פיהלט זיך א ווארימקייט... אין יעדען ציטאט פון מיין ראמאן א וויכטיגע מיינונג מיט וועלכער מען קען זיך רעכענען. נאָר איינער פון זיי האט זיך אויסגעדריקט געגען מיין ראמאן. ער האט באוויזען איינינע שטעלען מיט וועלכע ער איז נישט איינשטימיג, און אויפגעוויזען אז עס איז נישט רעאליס־טיש, נאָר איך האָב עס אלץ אויסגעטראכט. דעם אמת געזאגט האָט עס מיך שטארק פארדראָסען אויף איהם, סטייטש ווי וואגט ער צו טון אזא זאך? אבער איך האָב ביי זיך אבגעמאכט, אז דאָס זאגט ער נאָר דערפאר ווייל ער איז מיר א שונא און פארגינט מיר נישט דאָס ביסעל כבוד, און איך האָב זיך געטרייסט, דערמיט וואס אלע אנדערע האבען געהאט א גוטע מיינונג וועגען מיר און מיין שאפען...

א שטארקער קלאפ אין טיר האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין זיסען חלום.

ווי נאָר איך האב געעפענט די אויגען האָב איך גענומען ארומקוקען זיך, א קוק געטהון אויף מיין שרייב־טיש, און גענומען זוכען מיין ראמאן, מיין ווערק וועלכעס האָט געזאָלט מיך און מיין בני-בית גליקליך מאכען.

אָבער ווי ענטוישט בין איך געוואָרען ווען איך האָב דערזעהן פאר מיינע אויגען די ליידיגע שטיקלעך פאפיר... דאָס האָט אויף מיר געמאכט א שרעק־ליכען אָבגענארטען איינדרוק, און מיך ארייגעבראכט אין אַן אויפגערעגטער שטימונג.

דאָס קלאפען האָט זיך ווידערהאָלט און איך האָב דערהערט מיין דייוועד־לע'ס שטימע.

„מאם, מאם!" האָט ער געשריגען אהן אָן אָטהעם און גענומען וויינען מיט שרעקליכע טענער.

איך האָב געעפענט די טיר און דערזעהן אז ער האָט זיך אָבגעבריהט א פיסעל.

„א מצוה אויף דיר, מזיק איינער," האָב איך זיך אויף איהם צובייזערט, „קריך נישט וואו מען דארף נישט," און זיך צוויינט ווי א קליין קינד אויף איהם קוקענדיג. איך האָב זיין ברענענדיג פיסעל באשאָטען מיט זאלץ, עס פאָרבונדען, און ווידער געוואָרען שטארק אין כעס.

וואו איז דער טאטע דיינער? ער האט דאָך מיר צוגעזאָגט אז ער וועט אכטונג געבען אויף אלץ, וואו איז ער אהינגעקומען דער שלים־מזל?"

„דער דעדי איז אוועק זעהן א פייט, און געהייסען איך זאָל זיך אליין מאכען טיי, האָט זיך דער קעסעל איבערגעקערט און דאָס וואסער האָט מיר אָבגעבריהט דעם פוס... אוי ווי עס ברענט," האָט ער געשריגען מיט די לעצטע כוחות.

„און ווער האָט צובראָכען דעם טעלער?"

„רייטשעל. זי האָט זיך געאיילט צו געהן צו די פיקטשעס, מאַם."

„און ווער האָט איבערגעקערט די מילך?"

„די קאַץ."

„און ווער האָט אויסגעהאַקט די שויב פון פענסטער?"

„מיין פעל היימי?

„און דיין טאַטע האָט מיר צוגעזאָגט אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדנונג. מיך הייסט ער שרייבען אַ ראָמאַן, צוהעלפען צו דער פרנסה, און ער וועט ארומגעהן פוסט און פאַסט, מיט די הענד אין די קעשענעס, און געהן צו פּיטס, האַ? און אַלץ פון מיינע פאָרדינסטען... אָה ניין, אַזאַ יאָלד וועל איך נישט זיין, האָדעווען אַ מאַן אַ דאַרמאָיעדניק, פאַרזאָרגען איהם מיט אַ פיינער וואוינונג, מיט עסען און שלאָפען, מיט אַ קאַר און אַ שאופער, און נאָך אַזעלכע פיינע זאַכען... אָה, נאָו, איך שרייב נישט מעהר. אויס ראָמאַן, אויס גליקען, אויס פרנסה, און נאָר איהם אויף להכעיס, אויס!"...

# מיט זיך אַליין!...

הערט וואָס עס האָט געטראָפֿען מיט אַ מענשען ביי אונז אין לאָנדאָן. און נאָך וואָס פֿאַר אַ מענשען. אַ קלוגען, אַ גוטען, אַן אינטעליגענטען, און צופֿעליג מיינער אַ פֿריינד. איך האָב זיך דערוואוסט אַז ער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען, און נאָך אויף אַזאַ מאָדנער קרענק וואָס קיין דאָקטאָר קען איהם נישט העלפֿען. די קראַנקהייט זיינע באַשטעהט אין דעם, וואָס ער רעדט צו זיך אַליין...

ער האָט זיך צוריקגעצויגען פֿון אַלע געזעלשאַפֿטליכע אינסטיטוציעס וואו ער פֿלעגט נעהמען אַ גרויסען אַקטיווען אַנטייל, באַזוכט נישט מעהר קיין לעקטשורס, ווי ער פֿלעגט עס טון אַמאָל, געהט נישט אין אידישען טעאַטער, לעזט נישט קיין צייטונג, האָט זיך אַבגעזאָגט פֿון אַלע זיינע בעסטע פֿריינד, מיט וועלכע ער האָט געאַרבייט צוזאַמען יאָהרען לאַנג, טרייבט פֿון זיך זיין אייגענע פֿרוי און קינדער, מיט איין וואָרט, ער האָט זיך איזאָלירט, און לעבט גענצליך פֿאַר זיך אַליין...

ער געהט אַרום גאַנצע טעג און נעכט, רעדט, דיסקוטירט, אַמפּערט זיך, און אַלץ מיט זיך אַליין... ער וויל פֿון קיינעם נישט הערען און נישט וויסען.

זייז פֿרוי און קינדער געהען אַרום צוטראָגען, און ווייסען נישט וואָס דאַס באַדייט און וואָס צו טון מיט איהם. מענשען רעדען צווישען זיך, סוד'ען זיך, אַז נישט אַנדערש נאָר ער איז אַראָב פֿון זינען, ווייל זיין רעדען מיט זיך אַליין, די גרימאַסען אויף זיין פּנים און דאַס שטענדיגע באַוועגען מיט די הענד זענען די ערשטע סמנים פֿון משוגעת...

מיך האָט שטאַרק געריהרט די לאַגע פֿון דעם מענשען, און אויס רחמנות צו איהם און זיין פֿאַמיליע האָב איך אַבגעמאַכט ביי זיך אַז איך מוז איהם העלפֿען. מען טאָר נישט דערלאָזען אַז אַזאַ מיאוסע קראַנקהייט זאָל מאַכען אַ תל פֿון אַזאַ פֿיינעם און אינטעליגענטען מענשען איך האָב געהערט, אַז אין אַזעלכע פֿאַלען דאַרף מען זיך באַנוצען מיט אויטאָ־סוגעסטיע. דאָס קען פֿאַר־היטען די ענטוויקלונג פֿון דער קראַנקהייט, און איך האָב באַשלאָסען איהם דערמיט אויסצופּרובירען. איך וועל פּרובירען צו רעדען מיט איהם גוטמוטיג איהם געבען צו פֿאַרשטעהן אַז זיין האַנדלונג איז אונלאָגיש, אַז אַ מענש מוז לעבען מיט מענשען, און נישט זיין אָבגעזונדערט, ער וועט מיר גלויבען, איך

וועל איהם באאיינפלוסען צו דענקען און האנדלען ווי א נארמאלער מענש, און אזוי ארום וועט מיר געלינגען איהם צו היילען...

אין א געוויסען טאג האב איך זיך אנגענומען מיט מוט און אוועק צו איהם אהיים. איך האב געטראפען זיין פאמיליע אין גרוים פארצווייפלונג.

נאך דעם ווי מען האט מיר איבערגעגעבען אלע פרטים פון זיין קראנק־הייט, האט מען מיר אנגעציינגט אויף א צימער אין וועלכען ער געפינט זיך איך האב געבעטען מען זאל מיך צו איהם אריינלאזען, ווייל איך האב א גוטען מיטעל איהם צו העלפען. מען האט מיך אריינגעלאזט אהין.

ער איז מיר אנטקעגענגעקומען מיט א פריינדליכען שמייכעל, פונקט ווי א נארמאלער מענש, און מיך געבעטען זיצען. טראץ דעם מוז איך זיך מודה זיין, אז איך האב זיך א ביסעל דערשראקען פאר איהם, דאך א משוגענער...

„עס פרעהט מיך אייך צו זעהן", האט ער געזאגט. „איך בין אבער ניי־געריג צו וויסען, וואס אייך האט אהער געבראכט. איך בין זיכער אז אייער קומען אהער איז נישט גלאט אזוי. זאגט וואס איהר ווילט."

—מען מוז זיין פארזיכטיג — האב איך געטראכט, און געצעהלט מיינע ווערטער...

„איך האב געהערט אז איהר זענט נישט געזונד בין איך אייך געקומען זעהן, און געוואר ווערען וואס איהר מאכט, איהר פארשטעהט?" האב איך געצוואונגען געשמייכעלט נערוועז, און זיך געדרעהט אויפן בענקעל...

„דאס הייסט איהר זענט מיך געקומען מבקר חולה זיין, איך דאנק אייך פאר דעם אינטערעס וואס איהר נעהמט אין מיר," האט ער גאנץ נארמאל געענטפערט... „אבער איך קען אייך בארוהיגען און זאגען, אז איך בין פאלקאם געזונד, און איהר דארפט זיך וועגען מיר נישט זארגען." ער האט מיר געקוקט גלייך אין די אויגען און געשמייכעלט.

—א מאדנע קרענק דאס משוגעת—האב איך בשעת מעשה געטראכט—
—אלע משוגעים זאגען אז זיי זענען געזונד...

„ווי־זשע קומט דאס, וואס מען זעהט אייך נישט מעהר אין יענע קריי־זען וואו איהר פלעגט שטענדיג קומען? פארוואס האט איהר זיך דערווייטערט פון אלע אייערע פריינד און באקאנטע, איהר נעהמט מעהר נישט קיין אקטי־ווען אנטייל אין געזעלשאפטליכער ארבייט ווי איהר פלעגט עס טון? עס ווערט איצט אנגעפיהרט א גרויסע קולטור טעטיגקייט, עס איז איצט פאראן זעהר פיעל ארבייט אויף'ן הילפס געביט, מען דארף שאפען געלד פאר ישראל, מען דארף העלפען די יתומים קינדער, וועלכע געפינען זיך אין פארשידענע היימען, און איהר האט זיך צוריקגעצויגען. חברים, פריינד און גענאסען וואונדערען זיך וואס מיט אייך איז געשעהן. סטייטש, פרעגען זיי, אזא גוטער

כל טוער ווי איהר זענט געווען, האט זיך מיט איינמאל אבגעזונדערט פון אלעמען, און לעבט פאר זיך אליין, רעדט מיט זיך אליין, און וויל נישט זעהן קיין מענשען.״

איך האב זיך אליין דערשראקען פאר מיינע לעצטע ווערטער, וועלכע האבען זיך נישט ווילענדיג ארויסגעכאפט. איך האב זיך געריכט אויף א פאר־ציע פון איהם, און אויס מורא אנגעכאפט דאס בענקעל אויף וועלכען איך בין געזעסען, אלס וואפע צום פארטיידיגען זיך געגען אן אנפאל... ער האט מיך אנגעקוקט גאנץ קאלט, און מיט א נארמאלען, אבער סארקאסטישען שמייכעל געענטפערט:

„איך וואונדערט פארוואס איך האב זיך פון אלץ און אלעמען צוריקגעצויגען, און לעב פאר זיך אליין, הא? און איהר האלט מיך אודאי פאר א משוגענעם, נישט אמת? אבער ווען איך וועל אייך דערצעהלען די סיבה, וועט איהר איינזעהן אז איך בין ביי מיין פולען פארשטאנד, און די משוגעים זענט איהר, און נישט איך... איהר וועט מיר אויך מוזען צוגעבען, אז איך באנוץ זיך מיט דעם פראקטישסטען מיטעל היינטיגע צייטען. געבראכט צו דער לאגע האט מיך די ענטוישונג צו אלץ און אייך אלעמען. נאך דעם ווי איך האב פאר יאהרען לאנג אוועקגעגעבען מיין צייט, מיה און געזונד פאר איינינגקייט, סאלידאריטעט, פאר חבר'שאפט און א בעסער און פרייער לעבען, האב איך אויסגעפונען אז אלץ איז פאלש, ליגען און רכילות... אייערע פריינד שמייכלען אייך אין פנים, אבער הינטער אייערע פלייצעס לאכט מען, און מען מאכט חוזק פון אייך, מען רעדט און מען בארעדט אייך. אויב איהר האט פעהיגקייטען און דערהויבט זיך אביסעל העכער פון אייערע פריינד, גראבט מען אונטער אייך, מען אינטריגירט אזוי לאנג, ביז מען מאכט אייך נידעריג מיט דער ערד צוגלייך. דאס טוען אונזערע בעסטע פריינד און חברים, ווייל דאס פארשאפט זיי גרויס פארגעניגען... נו, און איצט פרעג איך אייך, צו לוינט זיך אבצוגעבען צייט, מיה און כוחות פאר אזעלכע מענשען? די ערשטע צייטען האב איך בלויז געהאט א פארדאכט, און זיך איינגערעדט, אז עס קען נישט זיין... ווען איך בין אבער געקומען צו דער איבערציינגונג, האב איך באשלאסען אלץ אויפצוגעבען און זיך צוריקציהען פון אלץ און אלעמען, לעבען מיט זיך אליין און פאר זיך אליין. איך האב אפילו פארלוירען דעם צוטרוי צו מיין ווייב און קינדער.

„איך בין זיכער אז א גרויסע צאהל מענשען זענען מיט דער זעלבער מיינונג וואס איך, און ווען זיי פארמאגען א ביסעל מעהר מוט, וואלטען זיי אייך געטון דאס זעלבע, ווייל דאס איז דער איינציגער אויסוועג... אבער אזוי ווי א מענש מוז דאך אמאל אויסרעדען א ווארט, רעד איך צו זיך אליין, איך רעד זיך אראב פון הארצען, ווערט מיר גרינגער, די רייד געהען נישט ווייטער, אין קיינער ווייסט נישט דערפון... רוים זיך איין א סוד אין אויער, בלייבט עס א סוד...

„ביי זיך בין איך שטענדיג גערעכט... פיער איך אָן א דיסקוסיע מיט זיך אליין, קום איך שטענדיג ארוים דער זיגער, מחמת זיך אליין בין איך דער בעסטער פריינד. איך עס זיך נישט אָב דאס הארץ, און ווער נישט באליידיגט און נישט בארעדט... נו, פרעג איך אייך, בין איך נישט גערעכט?...

„נו, און איצט אז איהר ווייסט שוין אלץ, געהט אייך געזונטערהייט, און זאָגט מיינע חברים, און גוטע פריינד, אז מיר איז בעסער פון זיי... עס טוט מיר לייד, וואס איך האָב מעהר נישט קיין צייט צו פארברענגען מיט אייך, ווייל איך דארף נאָך מיט זיך עפעס באהאנדלען וועגען א זעהר וויכטיגען ענין"...

ער האָט געעפענט די טיר און מיך געהייסען געהן.

איך בין ארוים מיט אַן איינגעהאלטענעם אָטהעם.

אויפ'ן וועג אהיים האָב איך געטראכט און געטראכט, און געקומען צום באשלוס, אז ער איז גאנץ גערעכט און גאנץ נאָרמאל. איך האָב זיך אליין געפרעגט, צי וואָלט נישט געווען כדאי, אז מיר אלע זאָלען נאכפאָלגען זיין ביישפיעל?...

# צוליב א נאַרישקייט...

עס איז מערקווירדיג, וואָס עס קען אַלץ פּאַסירען אין אַ פאַמיליען לעבען צוליב א נארישקייט... און נאך אזאַ נאַרישקייט, וועגען וועלכער עס לוינט זיך פשוט נישט צו רעדען, און שרייבען אודאי נישט... נאָר אזוי ווי איך האָב שוין אָנגעהויבען, דאַרף איך אייך נישט פאַרפירען, נאָר טאקע איבער־געבען, וואָס עס האָט געטראָפען צווישען מאַן און ווייב, צוליב אָט דעם נאַריש־קייט, און איהר מעגט זיך אַראָבנעמען א מוסר השכל, ווייל אויב עס זאָל חלילה ביי אייך טרעפען דאס וואָס ביי מיין פּאָר־פּאָלק, זאָלט איהר וויסען ווי אזוי צו האַנדלען אין דעם פרט, און דער עיקר נישט איבעראיילט, כדי איהר זאָלט נישט באַקומען דעם יונגענמאַנ'ס מפּלה...

און איצט הערט זיך איין מיט קאָפּ צו דער מעשה:

מיט א יאָהר צוריק האָט סידני חתונה געהאַט מיט דער שעהנסטער, בעסטער, און געזונדסטער מיידעל, וואָס געפינט זיך ביי אונז אין לאָנדאָן, אַ מיידעל אָן עלעגאַנטע, מיט א פיינער, שלאַנקער פיגור, פון א פיינער משפחה, מיט אַ גוטען דזשאָב אין פּיקאַדילי, וואו זי ארבייט שוין זינט די לעצטע אכט יאָהר אין איין פּלאַץ, פאַרדינט גוטע געהאַלט, און דער עיקר, מיט א גרויסען און פעטען נדן.

אַזוי האָט ער מיר אליין דערצעהלט, און צוגעגעבען, אז ער האט געהאַט דעם גרעסטען סורפּרייז, ווען זי האט איינגעוויליגט צום שידוך. ער האט ביי קיין אופן ניט געקענט פאַרשטעהן וואס זי האט אזעלכעס דערזעהן אין איהם... ער האט אליין צוגעגעבען, אז קיין גרויסער פּארשוין איז ער ניט... עס זעהט אוים אז זי האָט זיך אין איהם פאַרליבט, און איצט האָט זיך ארויסגעוויזען אז ער איז קיין בעל מלאכה ניט, און קיין סוחר אודאי ניט... טאָ וואָס־זשע דען? דאָס האָט טאקע איבערצייגט ווי בלינד די ליבע איז...

יעדענפאַלס, ווען איך האב געמאַכט דעם פאַרזוך צו העלפען איהם לייזען דאס פּראָבלעם, ערקלערענדיג, אז אפשר איז זי קורצזיכטיג, אָדער אפשר איז ביי איהר איין פוס לענגער פון דעם צווייטען, צו הערט זי ניט אזוי גוט, אָדער אין גאַנצען נישט אזוי נאָרמאַל, עס קען זיך מאַכען... איז ער געווארען שטאַרק אויפגעבראכט, אָנגעפאַלען אויף מיר, און געענטפערט, אז איך האב נישט קיין רעכט אזוי צו רעדען וועגען זיין ווייבעל...

דער פאַקט איז, אז זיי האבען מיט מזל חתונה געהאַט מיט א יאהר צוריק און זיך געלעבט גאַנץ גליקליך און צופרידען. זי האט געארבייט אויף איהר רעגולערען דזשאָב, און איהם באַזאָרגט מיט' אַל־דאָס גוטס. ער פון 'זיין זייט

האָט אויך געטון זיין פֿליכט... ער האָט איבערגענומען די הויז־ארבייט, גע־גאַנגען איינקויפֿן, געקאָכט, געבאַקן און זי באַדינט ווי א פּרינצעסין. ער פֿלעגט ספּעציעל זיך איינהערן יעדן פֿרימאָרגן צו דער ראַדיאָ, וואו מען לערנט די הויז־פֿרויען קאָכן פֿאַרשידענע מאכלים, און אזוי ארום פֿלעגט ער כמעט יעדן טאָג פֿאַר איהר צוגרייטן א נייעם מאכל, און זי פֿלעגט לעקן די פֿינגער דערפֿון, און אַמאָל זיך באַרימען פֿאַר איהרע פֿריינדינס, אז נאָך אזאַ גוטע קעכין ווי איהר מאַן איז נישטאָ...

זי האָט דאָס געוואוסט ווי אבצושאַצן, און איז איהם געווען זעהר דאַנקבאַר פֿאַר זיין איבערגעבענהייט צו איהר...

אונגליקליכערווייזע האָט זי באַזעסן א שטאַרקן טעמפּעראַמענט, און פֿלעגט מעהר ווי איין מאָל זיך מיט איהם צוקריגן, אבער דער ברוגז האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. מען האָט זיך איבערגעבעטן און ווידער געלעבט בשלום. און אַזוי וואָלטן זיי זיכער געווען אויסגעלעבט זייערע יאָהרען, ווען נישט די פֿינסטערע נאַרישקייט, וואס האָט זיך אריינגעכאַפּט אין זייער לעבן, געמאַכט א תל פֿון אלץ, און געבראַכט דערצו, אז זי איז איצט ביי איהר מאַמען, און ער זיצט אין שטוב מיט אַ בייל אויפֿ'ן שטערן אזוי גרויס ווי אַן איי...

גענומען האָט זיך דער אונגליק דערפֿון, וואס מיט צוויי וואָכן צוריק האָט דאָס ווייבעל באַקומען א שטאַרקן שלוקעכץ, ניט פֿאַר קיין שום אידי־שער טאָכטער געדאַכט. דאס איז אזאַ מין פּעסט, וואס דערגעהט די יאָהרען, דאָס הייסט אין תוך גענומען איז עס נאָר א נאַרישקייט, פֿון דעסטוועגן איז עס א ביטערער עסק, סיי פֿאַר דעם וועלכער האט דאס, סיי פֿאַר די וועלכע דרעהען זיך ארום דעם מענשען, וועלכער האט די נאַרישע צוטשעפּעניש...

סידני, איהר מאַן, איז מיט דער מיינונג, אז דאס האָט זיך צו איהר גענומען פֿון דעם נישט געראָטענעם קייק, וועלכען זי האָט מיט א וואָך צוריק אויסגע־באַקן און אליין אויפֿגעגעסען, ווייל עס איז איהר געווען א שאָד ארויסצו־וואַרפֿען... זי האט אפֿילו פּרובירט מכבד צו זיין איהרע געסט מיט דעם קייק, וועלכע זי האָט איינגעלאַדען צו טיי יענעם שבת, אבער ווער עס האט דעם קייק פֿאַרזוכט, האָט פֿאַרדרעהט מיט'ן נאָז, און ניט געוואָלט עסען. נו, האָט זי נעבעך קיין אנדערע ברירה נישט געהאט ווי אליין אויפֿצועסען דעם געראָ־טענעם קייק איהרען...

יערענפֿאַלס, פֿון דאַן אָן האט זיך ביי איהר דאס מויל נישט פֿאַרמאַכט, זי האָט געשלוקעכצט, און צוליב דעם האט זי געמוזט אויפֿגעבען איהר אַרבייט, ווייל די מענשען וואס האָבען זיך געפֿונען אין פּלאַץ האבען עס נישט געוואָלט ליידען.

די טעג זענען נאָך געווען צו דערליידען, סידני האָט אויפֿגעגעבען די בעל הבתישקייט אין הויז, און פֿלעגט אויספֿעלען האַלבע טעג. אבער די נעכט זיינען איהם פּשוט דערגאַנגען די יאָהרען. ער האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען. איך פֿרעג אייך, ווי קען מען איינליגען נעבען א ווייב, וועלכע שלוקעכצט

אַ גאַנצע נאַכט... איז ער ארומגעגאַנגען אַ צוטראַגענער, אַ נערוועזער, און האָט זיך געפילט זעהר נישט גוט. זי האָט, נעבעך, אנגעווענדעט אַלערליי מיטלען פטור צו ווערען פון דעם חולאת, געטרונקען גאַנצע עמער וואַסער, געגעסען צוקער, געגומען פראַשקעס מיט פילען, געשלונגען אייז, זי האָט זיך אפילו געשטעלט מיט'ן קאָפּ אראָב... אָבער עס האָט אַלץ נישט געהאָלפען. זי האָט זיך באַמיהט צו קאָנטראָלירען דעם שלוקעכץ, די אויגען האָבען ביי איהר ארויסגעשטאַרצט פון די לעכער, נאָר דער בייזער אונגליק האָט ביי איהר אַלץ אָנגעהאַלטען און איהר נישט געגעבען קיין רוה.

סידני איז נעבעך ארומגעגאַנגען אַ פאַרצווייפעלטער, און זיך נישט געקענט קיין עצה געבען. דאָס ביסעל געלד וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט האָט זיך שוין באַלד אויסגעשעפּט, און דער געדאַנק, אַז טאָמער וועט עס אַזוי לענגער אָנהאַלטען, זי וועט נישט קענען געהן צוריק צו דער ארבייט און אהיים ברענגען וויידזשעס ווי פריהער, וועט זיין גרויסע צרות. עס וועט איהם נאָך חלילה אויסקומען צו געהן זוכען אַ דזשאָב. דאָס איז ביי איהם געווען נאָך פיעל ערגער ווי זיין ווייב'ס שלוקעכץ.

נאָך איינינע נעכט ניט שלאָפען, האָט ער שוין מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען, און איז אוועק צו אַ דאָקטאָר באַראַטען זיך מיט איהם. נישט נאָר איז ער אוועק צו אַ דאָקטאָר, נאָר צו אַ שלוקעכץ ספּעציאַליסט...

דער דאָקטאָר האָט איהם ערקלערט, אַז די איינציגע רפואה דערצו איז, אַז ער מוז זי שטאַרק איבערשרעקען, און דאָס מוז קומען גאַנץ אונערוואַרטעט. נאָר אַזוי אַרום וועט זי דערפון פטור ווערען...

סידני איז אוועק אהיים, און דעם גאַנצען וועג האָט ער געפּלאַנעוועט ווי אַזוי אדורכצופיהרען דעם דאָקטאָר'ס עצה.

און ער האָט געפונען! יעס, ער האָט געפונען...

דעם זעלבען אבענד ווען ער איז אהיים געקומען, און זיין ווייבעל האָט איהם אויפגענומען מיט אַ פרישען שלוקעכץ, האָט ער איהר ערקלערט, אַז היינט מוז ער אוועקגעהן זיך זעהן מיט אַ פריינד וועגען אַ דזשאָב, און אַז ער וועט ערשט אהיימקומען שפּעט ביינאַכט. זי זאָל אויף איהם נישט וואַרטען, נאָר זיך לייגען שלאָפען.

געהערט די מעשה מיט'ן דזשאָב, איז דאָס ווייבעל געווען גאַנץ צופרידען און איהם צוגעוואונשען גליק...

קיין סאַפּער האָט ער שוין יענעם אבענד נישט געגעסען, און איז גלייך ארויס פון שטוב...

אבער, אַנשטאָט צו געהן אין גאַס, איז ער ארויף אין בעדרום. ער האָט זיך איבערגעטון, פאַרמאַסקירט דאָס פּנים, און זיך געלייגט אונטער'ן בעט...

אַ שטיקעל צייט שפּעטער איז ארויפגעקומען צווערשט אַ שלוקעכץ און דערנאָך דאָס ווייבעל... קענטיג, זיך צו לייגען שלאָפען.

זי האָט זיך אויסגעטון, אויסגעטרונקען עטליכע גלעזער וואַסער, אריין אין בעט, און זיך גענומען לעזען אַ ראָמאַן, מיט דעם נאָמען „אַ מעשה אָהן

אַן עק", און נאכדעם, ווי זי איז אָבגעלעגען איינוגע מינוטען האָט זי גענומען געבען איין שלוקעכץ נאכ'ן אנדערען...

פלוצלונג האט זיך דערהערט א וואָרט'שען פֿון אונטער'ן בעט, פונקט ווי פֿון א הונט, און גלייך האָט זיך פֿאר איהרע אויגען באוויזען א נפש מיט א מאסקע אויפ'ן פנים, א לאנגע געלע באָרד, און גענומען קריכען אין מיטען שטוב אויף אלע פֿיער. זי האָט זיך שטארק דערשראָקען און פֿון גרויס פֿאר־צווייפלונג געכאפט דעם לאמפ וואס איז געשטאנען אויף א טישעל נעבען איהר בעט און א ווארף געטון דעם נפש, פונקט אויף יענעם פלאץ וואו עס געפֿינען זיך די געהירען...

דער נפש איז געבליבען ליגען אונמעכטיג, און זי איז אַרויס פֿון בעט און אָנגעקלונגען די פּאָליציי.

ווען די פּאָליציי איז געקומען און מען האָט דעם נפש אָבגעראטעוועט, אראָבגענומען די מאסקע פֿון זיין פנים, האָט זי ערשט דערזעהן אז דאס איז געווען איהר מאַן סידני...

די פּאָליציי האָט איהם אבגעפֿיהרט אין פּאָליס סטיישאָן, דערפֿאר וואס ער האָט זיך אריינגעריסען צו א פֿרוי אין בעדרום אוז זי געוואָלט בארויבען, און אפשר אויך דער'הרג'ענען...

און ווען זי האט זיך איבערצייגט, אז דאס האָט ער אבזיכטליך געטון כדי זי איבערצושרעקען, האָט זי געזאגט א שעהנע ריינע כפרה, און אפילו נישט געוואָלט געהן זאָגען עדות, אז דער גנב איז געווען איהר מאַן...

זי האָט גלייך איינגעפאקט איהרע זאכען, אויפגעגעבען איהר וואוינונג, און זיך אריינגעקליבען צו איהר מאמע'ן. זי טענה'ט, באשר בכן, אז ער האָט איהר געקענט אָבטון אזא שטיקעל, וויל זי פֿון איהם מעהר ניט וויסען...

מען זאָגט יאקבי, אז זי האט דעם שלוקעכץ שוין פֿארלוירען, און געהט ווידער צו דער ארבייט.

ער, דער טרייער מאַן, האָט נעבעך געקראגען צוויי וואכען פריזאָן, און ווען ער איז ארויס האָט ער זיך געשעמט צו ווייזען אין גאס, ערשטענס צוליב דעם סקאנדאל, וועלכער איז געווען באשריבען אין אלע פייפערס, און צווייטענס צוליב דעם בייל אויפ'ן שטערן, גרויס ווי אן איי...

און דאָס אלץ איז ארויסגעקומען צוליב אזא נארישקייט ווי א שלוקעכץ...

# א פּראַקטישע פראַגע!...

צי האָט איהר שוין באשלאָסען וואוהין צו פֿאָהרען פֿאר אייערע "האָלי־דעיס"?—פרעגט זיך ביי אונז אן ענגלישער ספעציאליסט, אן עצה געבער אין אזעלכע ענינים, ווען עס זעהט אויס, איז שטארק באזאָרגט וועגען אונזער געזונד צושטאנד.

אזוי ווי, א דאנק גאָט, מיר האבען שוין קוים דערלעבט א שטיקעל זומער, איז ראטזאם אז יעדער פון אונז זאָל זיך פֿארטראכטען וועגען דעם זעהר וויכטיגען ענין.

פֿארשטעהט זיך, אז דאָ האנדעלט זיך נישט וועגען די געזונדע, וועלכע קענען אָהן שום ספק פֿאָהרען וואוהין זייער הארץ גלוסט און פֿארברענגען אויפ׳ן פיינסטען אופן...

דאָס מיינט דער פראָפֿעסאר די ליידענדע אויף פֿארשידענע קראנקהייטען, וועלכע מוזען פֿאָרזיכטיג אויסזוכען אזעלכע שטעדט, דערפֿער און פֿארמס, וואו אוועקצופֿיהרען זייערע קראנקהייטען, מחמת דער קלימאט, די אומגעבונג, אטמאָספֿערע און די לופֿט זאָל פֿאר זייער געזונד נישט זיין שעדליך, און זיי מאכען צוריק פֿאר מענשען... (ווייל א קראנקער ווערט פֿאררעכענט פֿאר אויס מענש...)

למשל, די וועלכע ליידען פון „בראנקייטיס" מוזען פֿאהרען אהין וואו די לופֿט איז ריין און ווארים. „רהומאטיזם" ליידענדע דארפֿען אויסמיידען פלעצער וואו די לופֿט איז פייכט און דער רעגען נאס... ווייל אזא קלימאט קריכט אין די ביינער, ברענגט דעם פאציענט פֿארקילונג, ער באקומט א הוסט, קען ניט שלאָפֿען, און לאָזט אויך אנדערע נישט שלאָפֿען...

מענשען וועלכע ליידען פון „נערוועז" דארפֿען פֿאָהרען אין א שטילען, רוהיגען פלאץ, דאָרט וואו עס געפֿינען זיך בלויז הינער און גענז... ער מוז אויסמיידען געזעלשאפֿט, פאלעמיקס, דיסקוסיעס, קאָרטען גיימס, ראדיאָ, טעלעוויזיע, א.ד.ג. ער מוז זיך פשוט איזאָלירען, און לעבען אליין פֿאר זיך, מחמת מען זאָל איהם נישט קריכען אויף די נערוועז...

מאָגען ליידענדע, מוזען זיך באזעצען אין וואלד, אדער אין פעלד, וועניג־סטענס אויף צוויי וואָכען. לעבען צוזאמען מיט די בהמות און עסען דאס זעלבע וואס זיי. עסען גראָז, און קייען שטרוי... דאס וועט זיי מאכען געזונד ווי די פֿערד... און אנשטאָט אין דער צוקונפֿט צו ליידען פון מאָגען, וועט דער מאָגען ליידען פון זיי...

די הארץ ליידענדע, זאָגט ווייטער דער פראָפֿעסאר, מוזען האָבען א סך

פרישע לופט, עסען הייסט ער זיי נישט, בלויז טרינקען קאזע מילך. דאס, זאגט ער, איז געגוג אויפצוהאלטען זייער געזונד... אדרבה, וואס ווענינער אזא פאציענט וועט עסען, אלץ געזונדער וועט זיין פאר איהם... און אויב אזא פאציענט האט צום אומגליק א גרויסען אפעטיט, זיינען פאראן אזעלכע פילען וועלכע נעהמען איהם שטענדיג אוועק. נאר דער עיקר מוז אזא מענש מיט א שוואך הארץ אויסמיידען ליבע אפערעס, ווייל זיי דערגעהען צום הארצען... יעדענפאלס, ענדיגט דער קלוגער ראטגעבער זיין ארטיקעל, מוז יעדער מענש אליין אויסגעפינען וואוהין עס איז דער בעסטער מיטעל צו פאהרען פאר זיינע קוראציע האלידעים...

איך האב זיך ערנסט פארטראכט וועגען דעם וויכטיגען פראבלעם און בין געקומען צום אויספיהר, אז מיר פיער, דאס הייסט מיין רייטשעל, מיין דייוועלע דער מזיק, מיין אלטער און איך אליין, ליידען פון פיער פארשידענע קראנקהייטען, און וועלען דערפאר מוזען פאהרען יעדער אויף א באזונדערען פלאץ זיך קורירען. דאס הייסט, מיר וועלען זיך מוזען שיידען איינער פון צווייטען אויף עטליכע וואכען. דאס גראדע געפעלט מיר, ווייל מען וועט פארשפארען זיך ארומרייסען. עס וועט זיין שא־שטיל, א מחיה...

איך האב זיך גלייך אוועקגעזעצט און גענומען מאכען פלענער וועגען אונזער אויספאהרען. גענומען א בליישטיפט מיט א בויגען פאפיר, און אנגע־הויבען מאכען דעם סך הכל.

אנגעהויבען האב איך פון מיין בת־יחידה רייטשעל. זי ליידעט נעבעך אויף א מאדערנער קראנקהייט. עס זענען ביי איהר שטענדיג קאלט די פיס, ניט פאר קיין שום אידישער טאכטער געדאכט... און אפילו זומער, ווען מען ווערט צושמאלצען פון היץ. דער טערמאמעטער צייגט די העכסטע טעמפעראַ־טור, בלייבען ביי איהר די פיס אלץ געפרוירען ווי אין אן אייז־באקס. זי טראגט ביי מיר צוויי פאר וואלענע זאקען און א פאר פליסענע שיך. די זון ברענט אז עס איז ממש נישט צום אויסהאלטען, אבער איהרע עקשנות׳דיגע פיס בלייבען אלץ פארפרוירען... טראכט איך, עס איז די שולד פון אונזער לאנ־דאנער זון, וועלכע ווארימט ווי א שטיף־מאמע... און ווייס דערווייל נישט וואס צו טון... האב איך זיך שוין וועגען דעם בעראטען מיט א דאקטאר, האט ער מיר געזאגט, און נישט נאר געזאגט נאר פארזיכערט, אז נאך דער חתונה וועט איהר בעסער ווערען... אבער געה ווארט היינטיגע צייטען מיט א מיידעלשער קראנקהייט ביז נאך דער חתונה! די נשמה קען דאך ארויס, רחמנא ליצלן...

האב איך באשלאסען זי זאל בייטען דעם קלימאט, און פאהרען נאך ישראל, ווייל דארט איז ווארים, די זון שיינט אייביג. און אז זי וועט זיך דערווארימען (און דארט דערווארימט מען זיך גיך...) וועט זי זיך, צוזאמען מיט די מיידלעך און בחורים, אריינווארפען אין דער ארבייט, העלפען בויען און שאפען אונזער מדינה, אונזער צוקונפט, וועט זי שוין פארגעסען אין די קאלטע פיס... און אפשר וועט גאט העלפען, זי וועט דארט געפינען א

פּינעם יונגעמאַן און מיט איהם חתונה האָבען, ברענגען קינדערלעך אויף דער וועלט, ווייל ווי זאָגט אַ אידיש ווערטעל, מישנה מקום מישנה מזל, זי וועט באַרייכערען די מדינה, און איך וועל נאָך האָבען נחת פון איהר...

נו, האָב איך שוין איינע פון מיין משפּחה באַזאָרגט...

דייוועלע מיינער, האָט שוין צופיעל היץ... ער איז אַן אָנהענגער פון קאָמוניזם, קאָכט ער זיך און ברענט ווי אַ פייער... יעדעס מאָל ווען ער קומט אהיים פון אַ מיטינג קריגט ער זיך מיט יעדען, דיסקוטירט, באַליידיגט, און קערט וועלטען. ער קען זיך גאָרנישט אָבקילען, דער היץ־קאָפּ... מוז מען איהם, הייסט עס, שיקען וואו עס איז קאַלט... האָב איך געגומען שטודירען די לאַנד־קאַרטע און אויסגעפונען, אז היינטיגע צייטען איז נישט פאַראַן קיין איין לאַנד אויף דער וועלט וואו עס קאָכט זיך נישט, סיידען אויפ'ן נאָרד פּאָל... וואָלט איך איהם שוין אפשר אהין געשיקט זיך אָבקיהלען, האָב איך זיך אָבער דערוואוסט אַז ווען קעפּטיין סקאָט איז אהין געפאָהרען מיט אַן עקספּעדיציע איז ער דאָרט פאַרפרוירען געוואָרען און זיך מעהר ניט אומגעקערט... איז דאָך וויטער נישט גוט, ווייל ווי אַ שלעכט קינד ער זאָל נישט זיין, וויל איך איהם דאָך האָבען צוריק, איך בין דאָך אַ מאַמע, אַ געזונד אויף זיינע יאָהרען... בין איך געפאַלען אויף אַ גוטען פּלאַן. איך וועל איהם שיקען אין זשורנאַליסטען פאַראיין... דאָרט וועט ער זיך זיכער אָבקיהלען, און אפשר גאָר פאַרפרוירען, ווערען. אַ קשיה אויף אַ מעשה...

הייסט עס, האָב איך שוין, גאָט צו דאַנקען, מיין דייוועלען אויך פאַרזאָרגט...

דער דריטער אין דער רייהע קומט מיינער זאָל לעבען... ער ליידעט נעבעך פון אַ מאָדנעם חולאת, וואָס רופט זיך „קאָפּ־דרייעניש”. טאָג און נאַכט דרעהט זיך ביי איהם זיין מוח, ווי אַ קאַרוסעלע... דער דאָקטאָר פּרובירט מיר איינריידען, אַז דאָס נעהמט זיך ביי איהם פון דאגות פּרנסה... אָבער, ווייס איך וואָס אַ נאַרישען דאָקטאָר קען איינפאַלען. איך בין זיכער אַז נישט דאָס איז די סיבה... איך בין איבערצייגט, אַז צוליב אַזאַ קלייניגקייט ווי פּרנסה וועט אַ מענש נישט קרענקען אויף „קאָפּ־דרייעניש”... און נאָך דערצו אַז דער גבאי פון זיין שוהל, וואו ער איז אָנגעשטעלט אַלס שמש און קאָלעקטאָר, האָט איהם צוגעזאָגט צו העכערען דאָס געהאַלט אי"ה אויף קריסטמעס... דאַרף ער דאָך שוין זיכער נישט דרייען דעם קאָפּ... זאָגט אָבער מיינער, אַז ער האַלט נישט דערפון, ווייל צוזאָגען און ליב־האָבען קאָסט קיין געלט נישט...

פונדעסטוועגען האָב איך באַקומען גרויס רחמנות אויף איהם, דאָך אַן אייגענער מאַן, און גענומען זוכען אַ מיטעל ווי אַזוי ער זאָל פּטור ווערען פון זיין „קאָפּ־דרייעניש.” נאָך לאַנגען, אָבער שטאַרק איבערגעטראַכטען ישוב הדעת, האָב איך באַשלאָסען איהם צו שיקען נאָך „סטאַלינגראַד”, ווייל דאָרט וואו מענשען ווערען אַזוי פיין באַהאַנדעלט וועט ער זיכער באַקומען אַ גוטע שטעלע אַלס שמש און קאָלעקטאָר מיט אַ גוטען געהאַלט... און אַז ער וועט

אַרבייטען געטריי און גוט באַהאַנדלען די מעטבערס פֿון זיין שוהל, וועט ער נאָך באַקומען אַ מעדאַל אויך...

אַלעמען באַזאָרגט, האָב איך גענומען אַ טראַכט טון וועגען זיך אַליין אויך... און אויסגעפֿונען אַז איך לייד פֿון אַ מאָדנער קראַנקהייט, אַ מין פֿרויען חולאת, פֿון וועלכער מיין מאַמע און באָבע און עלטער־באָבע האָבען זיכער נישט געליטען... שאַ, שרעקט זיך נישט, ליבע פֿריינד, נישט חלילה פֿון האַרץ־קלאַפעניש, קאָפּ־דרייעניש, גאַל שטיינער, מאָגען קראַנקהייט, שטעכעניש אין די זייטען... ניין. דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צום דערליי־דען... מיין קראַנקהייט איז אַזעלכע פֿון וועלכער כמעט אַלע מאָדערנע פֿרויען ליידען. עס איז אַ נאַטירליכע קרענק אַזאַ...

מיך פֿאַרדריסט פֿאַרוואָס איך ווער אַלט... אַט האָב איך אייך געזאָגט דעם אמת... און פּליז לאַכט נישט פֿון מיר, ווייל עס איז זעהר ערנסט... אַמאָל האָט יעדער מענש געבעטען אַלט צו ווערען... היינט אָבער איז עס נישט אַזוי, איבערהויפּט נישט ביי פֿרויען... און אָט דער פֿאַרדרוס מוטשעט מיך טאָג און נאַכט, לאָזט מיך ממש נישט לעבען, נישט עסען און נישט שלאָפֿען, און איך בין אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט, און אויף זיך אַליין אויך... איך בין ברוגז אויף דעם רבונו של עולם, הלמאי ער האָט מיך געלאָזט אַלט ווערען...

צום ערגסטען בין איך בייז אויף די שפּיגלען וועלכע געפֿינען זיך ביי מיר אין שטוב, און ווען איך האָב נישט קיין מורא וואָלט איך זיי אַלע צובראָכען אויף פּיץ־פּיצלעך... אָבער געה הויב זיך אָן מיט שכנים. זיי וועלען מיינען אַז איך בין משוגע געוואָרען חלילה... אָבעק איך האָב באַשלאָסען פֿון דעם נשמה־פּיין פּטור צו ווערען וואָס גיכער, אויב נישט וועל איך אַ יונגע פֿון דער וועלט אוועק...

האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָהנט, אַז אין וויען איז פֿאַראַן אַ גרויסער ספּעציאַליסט, וועלכער מאַכט מיט אַ „מאָנקי גלענד" פֿון אַלט יונג, און אַז מען זאָגט יונג איז דאָך נישט שייך... עס קען אַמאָל דערפֿירען צוריק צו דער פֿריסטער יוגענד, אַז מען זאָל ווערען ווי אַ בייבי...

האָב איך גלייך ביי זיך אָבגעמאַכט מיין ברענענדען פֿאַרלאַנג צו דער־פֿילען. אַוועקפֿאָהרען נאָך וויען, זיך לאָזען מאַכען די אָפּעראַציע און פּטור ווערען פֿון דער וויסטער עלטער, וועלכע דערגעהט מיר די יאָהרען...

אַלעמען באַזאָרגט, איז מיר אַראָב אַ שטיין פֿון האַרצען...

נאָר ווען איך האָב געענדיגט, אַוועקגעלעגט דעם בליישטיפֿט, זיך אויס־געגלייכט דעם רוקען, און זיך אַביסעל פֿאַרטראַכט וואו איך בין אין דער וועלט, האָב איך באַשלאָסען צום אַלעם ערשטען אָנצושרייבען אַ בריף דעם פּראָפֿעסאָר, דעם ראַטגעבער, און איהם שטעלען איין קליינע פּראַקטישע פֿראַגע, אפֿשר קען ער מיר ענטפֿערען:

וואו נעהמט מען אויף הוצאות?...

# מיין פאָטאָגראַף.

ווען איך האב זיך בעסער באקענט מיט מיינע נעקסט־דאָריגע שכנים, האָב איך אויסגעפונען אז זיי זענען זעהר וואוילע צוגעלאזענע מענשען, און אויף דעם סמך האט זיך אונזער פריינדשאפט ענטוויקעלט צו דער העכסטער מדרגה. מיר פלעגען זעהר אָפט באזוכען איינער דעם צווייטען, געהן אין טעאַ־טער, אינ' די פיקטשורס, און פאַרברענגען גאנצע שטונדען צוזאַמען. מיר האָבען זיך עצות געגעבען, טובות געטון אזוי ווי אמת'ע איבערגעבענע פריינד. אין צייטען פון נויט האט מען זיך געטיילט מיט'ן ביסען. האט זי זיך צוקריגט מיט'ן מאן, ווי עס מאַכט זיך אמאָל, איז זי באלד געקומען צו מיר, זיך אַראָב־גערעדט פון הארצען, און איך האָב איהר פאַרזיכערט אז זי האָט רעכט און ניט דער מאַן... זי איז מיר זעהר דאנקבאר געווען דערפאַר. זי האָט שטאָל־צירט מיט מיין פריינדשאפט, און מיך פאָרגעשטעלט פאַר אלע איהרע פריינד.

איינמאָל האָט זי זיך גענומען בעטען ביי מיר, איך זאל איהר פאַרשאַפען דעם פאַרגעניגען און פרעזענטירען מיט מיינעם א פאָטאָגראַף, עס וועט ביי איהר זיין זעהר אָנגעלייגט, און זי וועט עס אָבגעבען דעם שעהנסטען פלאַץ אין איהר הויז, האָט זי מיר פאַרזיכערט...

איך האָב איהר צוגעזאגט, אז ביי א געלעגענהייט וועל איך זיך לאָזען ספעציעל פאַר איהר פאָטאָגראפירען, און איהר געבען מיין פיקטשע... אבער די צייטען האָבען מיר דאַן נישט ערלויבט אזאַ לוקסוס, און איך האָב איהר געהאלטען אין איין צוזאָגען, אָבער אלץ אבגעלייגט אויף שפעטער. נאָר זי פלעגט מיך יעדעס מאָל דערמאהנען אין מיין צוזאָג, ביז איך האָב שוין מעהר ניט געפונען קיין תירוצים, און איך בין אין א געוויסען טאָג אוועק צו א פאָטאָ־גראפיסט און זיך געלאָזט אראָבנעהמען... דאס בילד איז צופעליג ארויס־געקומען זעהר שעהן, אזוי אז עס האט מיר אליין אויך געפעלען... צוליעב טאַנגעל אין געלד, האב איך געמאכט ניט מעהר ווי איין בילד. עס איז מיר א שאָד געווען דאס אוועקצוגעבען, אבער איך האב געמוזט האלטען מיין וואָרט.

איך האָב עס איהר אריינגעטראָגען, און זי האָט זיך דערמיט דערפרעהט ווי מיט אַ גרויסען געווינס, צוזאַמענגערופען די פאַמיליע, און יעדער פון זיי האָט עס באַטראַכט און צוגעגעבען אַז עס איז זעהר שעהן. באַלד אויף צומאָר־גענס האָט מען געקויפט א קאָסטבארע „פריים" און דאָס אַוועקגעשטעלט אין פראָנט־רום, אויבען־אָן, אזוי אז עס האט זיך יעדען געוואָרפען אין די אויגען גלייך ביים אַריינקומען.

עס איז אַוועק א שטיקעל צייט, די קינדער זייערע זענען אונטערגעוואַקסען

און אנגעהויבען אריינבערענגען גרויסע ווײדזשעס׳אין הויז, און די דירה איז געווארען צו ענג. עס האבען אנגעהויבען אריינקומען יונגע לייט צו די מיידלעך און מיידלעך צו די בחורים, אזוי ווי דער שטייגער איז, און עס האט זיך אנגעהויבען א פּראָבלעם וועגען א גרעסערע וואוינונג. ענדליך האבען זיי דורך א רעקאָמענדאציע געפונען א פלעט, אבער גאנץ ווייט אוועק פון דער איסט ענד.

פארשטעהט זיך, אז אונטער די אומשטענדען האב איך געמוזט אויפ־געבען מיינע אָפטע וויזיטען ווי אמאָל, דאָס איז שוין געווען פארבונדען מיט מעהר צייט און געלד. אָבער נאָך דעם ווי זיי האבען שוין געוואוינט דאָרט א לענגערע צייט, און נאָך עטליכע איינלאדונגען, האב איך באשלאָסען זיי צו באזוכען.

זיי האבען מיך פיין אויפגענומען, געמאכט זעהר באקוועם, און זיך אינ־טערעסירט וועגען אלץ וואס עס קומט פאר ביי מיר אין דער היים; צי האב איך פרנסה, און צי זענען מיר אלע געזונד, וואס הערט מען אין ווייטשעפעל, און וואס מאכען די אלטע באקאנטע. איך האב זיי אינפאָרמירט וועגען אלץ וואס זיי האבען געוואלט וויסען.

נאָך דעם ווי עס האט זיך געענדיגט דאס פיינע נאכטמאָל, האט מיך מיין פריינדין פארבעטען צו באטראכטען איהרע צימערען. איך האב אלץ באטראכט מיט גרויס אינטערעס און צופרידענהייט, זעהענדיג ווי פיין זיי האבען זיך איינגעריכטעט. מיט אמאָל איז מיך באפאלען א נייגעריגקייט צו וויסען וואו עס געפינט זיך מיין פאָטאָגראף, וועלכעס איז ביי איהר געווען אזוי געשעצט, און פארנומען דעם אויבען־אַן ביי איהר דאָרט אין די איסט ענד. אינסטיקטיוו האב איך עס גענומען ארומזוכען. איך האב געזוכט אין סיטינג־רום, אין דיינינג־רום, אין בעדרום, אָבער אומזיסט איז געווען מיין מיה, איך האב עס אין ערגעץ נישט געפונען. עס האט מיך פארדראָסען, אָבער איך האב באשלאָסען ניט צו רעדען א וואָרט. אפשר האט זי פארגעסען דאָס אוועקצו־שטעלען אויף א בכבוד׳ען פלאץ, און אפשר ליגט,דאָס נאָך דערווייל ערגעץ־וואו פארפאקט, האב איך פרובירט זיך צו בארוהיגען. אָבער ווען זי האט מיך אריינגעפיהרט אין ,קיך, צו זעהן די נייעסטע איינריכטונגען, מיט הייסע און קאַלטע וואסער, מיט א „פרידזש" און נאָך אנדערע באקוועמליכקייטען, איז מיין אויג פלוצלונג געפאלען אויף א געוויסען פלאץ אונטער דער געשיר שאפע —פון דאָרט האט ארויסגעקוקט א בילד, מיין בילד. . . זי האט באמערקט מיין ענטוישטען בליק, און זיך גלייך פארענטפערט, אז דאָס האט געטון איהר נייע דינסט, עס איז ניט מעהר ווי א מיסטייק, און איך דאַרף זיך דערפון ניט פילען געטראָפען. זי האט מיר פארזיכערט אז זי וועט די דינסט־מויד גוט אויסזידלען און דאָס בילד צוריקשטעלען אויף דעם געהעריגען פלאץ. איך האב אנגענומען איהר ענטשולדיגונג, מיר האבען נאָך א ביסעל געפלוידערט, דאַן האב איך זיך געזעגענט, און אוועק אהיים.

איך האב יענע נאכט נישט געקענט שלאָפען פון פארדרוס. איך האב

זיך איבערצייגט, אז זי איז נישט מעהר יענע איסט ענדער פריינדין מיינע ווי זי איז געווען; זי איז נישט מעהר יענע, וועלכע האט שטאלצירט מיט מיין פריינדשאפט, און מיין בילד.

א היבש שטיקעל צייט איז אוועק זינט דאן, און איך האב זי מעהר נישט געזעהען. דער פארדרוס וועגען דעם אינצידענט מיט מיין פאטאגראף איז מיר איבערגעגאנגען, און איך האב שוין געהאט אין אלעם פארגעסען. אין א געוויסען טאג איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין יענעם געגענד, האב איך געטראכט, אז עס וואלט נישט געווען פיין פון מיר צו זיין אזוי נאהענט און נישט אריינגעהן זעהן וואס זיי מאכען.

אהן צערעמאניעס האב איך אנגעקלאפט אין טיר און בין אריין. די דינסט האט מיך אריינגעפיהרט אין דיינינג־רום, געלאזט וויסען אז די מאדאם איז נישטא אין דער היים, אבער פארזיכערט אז זי וועט באלד קומען, און געהייסען ווארטען.

עס איז אוועק א שפאר שטיקעל צייט, און מיר איז געווארען זעהר לאנג־וויילינ. אונבאוואוסטזיניג האב איך געגומען ארומוואנדערן איבער'ן הויז, עס איז מיך באפאלען א מאדנע נייגעריגקייט צו וויסען צי האט מיין פריינדין געהאלטעןווארט, און איך האב אנגעהויבען ווידער זוכען מיין בילד. דאס ערשטע בין איך אריין אין קיך, וואו איך האב עס ביי מיין לעצטען באזוך געטראפען, אבער עס איז מעהר דארט נישט געווען. איך האב פרייער אבגע־אטעמט, אוך בין געווען זיכער אז דאס בילד געפינט זיך אין איינע פון די פארנעמע צימערן. איך האב זיך אומגעקערט צוריק צום פאדערשטען צימער, און איך האב אויף דעם אופן געמוזט פארבייגעהן די באטרום, די טיר איז געשטאנען אפען, און איך האב אהין אריינגעקוקט אהן א שום אבזיכט, און ווידער, דארט איבער דער וואנט, אנגעבונדען אויף א שטריקעל, ווי א קינדערשע שפילצייג, איז געהאנגען מיין טייער, שעהן און געראטען בילד. עס איז מיך באפאלען א חשק דאס אבצושניידען, און אוועקנעמען מיט זיך אהיים, אבער די דינסט איז גלייך אנגעקומען און איך האב נישט געקענט דורכפירען מיין באשלוס. איך האב שוין אויף דער מאדאם נישט געווארט, און בין גלייך אוועק פון דארט. פון דאן אן האב איך ביי זיך אבגעמאכט נישט מעהר צו געהן אהין, און אפילו אויפגעבען אונזער פריינדשאפט, וועלכע האט מיר פארשאפט אזוי פיעל פארדרוס.

מיט א יאהר שפעטער האבען זיי תנאים געשריבען מיט דער עלטסטער טאכטער, א מיידעל פון א יאהר ניינצעהן, וועלכע האט מיך שטענדיג גערופען טאנטע, און איך האב זי זעהר ליעב, פונקט ווי אן אייגען קינד. זיי האבען מיר געשריבען א זעהר פריינדליכען בריף, און מיך מיט מיין בני בית פארבעטען צו דער פארלאבונג פון זייער קינד.

איך האב ביי זיך אבגעמאכט נישט צו געהן אהין, און איגנארירען די גאנצע זאך, אבער איך האב זיך דערמאהנט אז דאס מיידעל איז כמעט אויפגעצויגען געווארען אויף מיינע הענד, האב איך ביי זיך נישט געקענט

פועל׳ן אַז איך זאָל נישט געהן צו איהר שמחה. וואָס איז דאָס מיידעל שולדיג, אַז די מאַמע איז אַ נאַר און האָט קיין שכל נישט? דאָס האָט מיך געמאַכט ענדערען מיין באַשלוס, און ווען עס איז געקומען דער באַשטימטער טאָג, האָבען מיר זיך פיין אויסגעפוצט, אַזוי אַז מיין פריינדין, די מאַדאַם, זאָל זיך מיט אונז נישט דאַרפען שעמען, און מיר זענען אוועק אַהין.

עס האָט זיך שוין דאָרט געפונען אַ היבשער עולם פון אַלטע, און נייע פריינד. מען האָט געגעסען, געטרונקען און זיך אַמוזירט.

פלוצלונג האָט אַ פרוי, איינע פון די געסט, זיך דערפילט נישט גוט. איהר מאַן וועלכער האָט שוין געקענט איהר קראַנקהייט, האָט געבעטען מען זאָל איהר גלייך מאַכען אַ הייסע וואַנע, וועט איהר בעסער ווערען. די מאַדאַם איז מיט דער פרוי גלייך אַרויף אין באַטרום. איך האָב זיך דערמאַהנט אַז דאָרט האָב איך געטראָפען מיין פאָטאָגראַף, און ווען די פרוי וועט קומען צו זיך, וועט זי עס זיכער באַמערקען. מיר איז געוואָרען הייס און קאַלט ביי דעם געדאַנק, עס האָט מיך גענומען שטיקען אין האַלז, און איך בין אַרויס אין גאָרטען כאַפּען אַ ביסעל פרישע לופט, און באַרוהיגען מיינע אָנגעשטרענגטע נערוועז. אָבער גלייך איז מיר לייכטער געוואָרען אויפן האַרצען, ווען איך האָב דערזעהן ווי זייער יונגסטע טעכטעריל, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פיער, איז געזעסען אויף דער שוועל און זיך געשפּילט מיט מיין פאָטאָגראַף, פון וועלכען זי האָט שוין געהאַט אַרויסגעריסען מיינע ביידע אויגען, און צודראַפּעט די נאָז... זעהענדיג אַז איך וועל דערפון שוין קיין נחת און קיין פאַרגעניגען נישט האָבען, האָב איך עס שנעל אַרויסגעכאַפּט פון קינד׳ס הענטלעך, דאָס צוריסען אויף פיצלעך און אַריינגעוואָרפען אין מיסט־קאַסטען.

דאַן בין איך אַ רוהיגע צוריק אַריין אין הויז, און מיט אַ לייכטער געמיט זיך ווידער באַטייליגט אין דער שמחה.

# מיר פּראָגרעסירען!...

איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מיר האָבען זיך גאָרנישט צו באקלאָגען אויף אונזער וועלט היינטיגע צייטען. דער פּראגרעס איז גוואלטיג. . . אלע ערפינדונגען און נייע ערשיינונגען זענען לטובת דער מענשהייט. קלוגע מוחות, וויסענשאַפטלער, זיצען טאָג און נאכט, זוכען און פאָרשען ווי צו פאַרבעסערען אונזער עקזיסטענץ, און דער עיקר ווי אזוי אָבצושאפען מלחמות פון דער וועלט, וועלכע ברענגען אומגליק און צרות אויף לענדער און פעלקער, און ווי זאגט מען: אז מען זוכט געפינט מען. אָט אזוי פאָרשענדיג, ערגעץ אין א בעקרום, האָבען זיי טאקע געפונען דעם שטאַרקסטען מיטעל אויסצומיידען דעם מלחמה־פעסט; די אטאָמישע באָמבע, מיט וועלכער כמעט אַלע פעלקער פון דער גאָרער וועלט באַזאָרגען זיך.

און נישט נאָר פּראָגרעסירט די וועלט אויפן וויסענשאַפטליכען געביט, נאָר אויך אויפ׳ן געזעלשאַפטליכען. נעהמט למשל אונז פרויען. געווען אמאָל א צייט, גאר נישט אזוי לאַנג צוריק, ווען מען האָט אונז נישט צוגעלאָזען צו קיין שום פראגרעסיווער, פאַראַנטוואָרטליכער ארבייט, אויך ניט צו אזעלכער, וועלכע איז געווען פאַרבונדען מיט פיזישע כחות. מען האָט אונז שטענדיג באַטראַכט פאַר דעם שוואַכערען מין, געקוקט אויף אונז, מיט גרויס רחמנות אלס מאכטלאָז. אַנדערש איז אָבער היינט. מיט דעם פּראגרעס און עמאנציפּאַציע איז אויך געקומען אַ רעוואָלוציע אין דער פרויען וועלט. איצט לאָזט מען אונז צו צו אַלע ארבייטען, און מיר באַווייזען טאַקע וואונדער איבער וואונדער אין דער וועלט.

א היינטיגע פרוי האָט אלע פּריווילעגיעס, וועלכע העלפען איהרע פעהיגקייטען (אויב זי פאַרמאָגט אזעלכע) קומען צום אויסדרוק, און זי שטעהט אויף דער זעלבער שטופע אין אַלע פּראָפעסיעס ווי דער מאַן, נאָר מיט אַ קליינעם אונטערשייד: בלויז מיט דעם פיזישען אויסזעהן. . .

אָט האָבען מיר היינט, למשל, פרויען פּאָליציאַנטען, באַטראַכט איהר אַ פּאָלים־ווייבעל, איז א פאַרגעניגען אויף איהר א קוק צו טון. דאס אויסגעפּאַסטע זשאַקעטעל, דער הוט, די שעהנע לאַקירטע שטיוועלעך, געבען איהר צו חן, א מחיה זי צו זעהן אין דעם טראַכט. אויך פיהרט זי דורך איהר מיסיע מיט געשיקטקייט און טאַקט, פיל לייכטער ווי דער מאַן.

אָט האב איך אליין בייגעוואוינט א סצענע אין גאַס, וועלכע באַווייזט פאַקטיש מיין באהויפּטונג.

צוויי פּאָליסלייט האָבען זיך געראַנגעלט מיט א שיכור, און בשום אופן

נישט געקענט בייקומען. האָט איינער פֿון זיי אַ פּייף געטון נאָך אַ דריטען. עס איז צוגעקומען אַ פּאָליס־פֿרוי, און ווי נאָר דער שיכור האָט זי דערזעהן, האָט ער איהר מיט גרויס ליבשאַפֿט אויסגעשטרעקט ביידע הענד, און צוזאַמען מיט איהר, אין אַ רוהיגען צושטאַנד, אַוועק אין פּאָליציי אַמט...

מיר האָבען אויך פֿרויען דאָקטוירים, פּראָפֿעסאָרען, ריכטער און אַדוואָ־קאַטען מיט וועלכע די וועלט רעכענט זיך שטאַרק. אָט ווייס איך פֿון אַ כּאַסייטי וועלכע האָט שוין כּמעט געהאַלטען ביים אונטערגעהן, צוליב די קליינע צאָהל מעמבערס. איז איינער פֿון די אָפּישעלס געפֿאַלען אויף אַ פּלאַן: פֿאָרגעשלאָגען אַז מען זאָל אָנשטעלען אַ פֿרויען דאָקטאָר צו עקזאַמינירען די מעמבערס. דער פֿאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען פֿון אַלע מעמבערס מיט פֿאַרגעניגען, און דאָס האָט געראַטעוועט די סיטואַציע. די סאָסייטי פּראָגרע־סירט איצט אויפֿ'ן בעסטען אופֿן, איהר מעמבערשיפּ פֿאַרגרעסערט זיך פֿון טאָג צו טאָג.

נאָך אַ זאַך: האָט איהר שוין אַמאָל געהערט, אַז פֿרויען זאָלען קענען האָבען קינדער אָהן מענער? אַ־יאָ ניין? איך אויך ניט. פֿונדעסטוועגען לעז איך אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג, אַז אין אַ געוויסער געגענד איז פֿאַראַן אַ סאָסייטי פֿון פֿרויען, פֿיינע אָנשטענדיגע פֿרויען, וועלכע לעבען אָבגעזונדערט פֿון מענער, דערפֿאַר ווייל זיי זענען דערגאַנגען, אַז די מענער זענען גרויסע זשוליקעס און פֿאַרשאַפֿען די פֿרויען האַרצוועהטאָג. ווילען זיי דערפֿאַר מיט זיי נישט האָבען צו טון... דאָך האָבען די פֿרויען שעהנע, געזונטע און נאַר־מאַלע קינדער. ווי אַזוי, ווילט איהר וויסען? הערט און שטוינט... פּונקט אַזוי ווי גאָט האָט איינגעשלעפֿערט אָדם'ן, ביי איהם אַרויסגענומען אַ ריפּ און באַשאַפֿען אַ חוה, אַזוי ווערט געמאַכט אויף דער פֿרוי אַ קליינע אָפּעראַציע, און עס ווערט געבוירען אַ קינד. אָט דאָס איז די לעצטע ערפֿינדונג אַ דאַנק דעם פּראָגרעס פֿון דער וועלט... נאָר איין זאַך פֿאַרדריסט די דאָזיגע מאַמעס זעהר שטאַרק. אַז עס מאַכט זיך אַמאָל און דאָס קינד דערגעהט די מאַמען די יאָהרען, קען זי איהם אַפֿילו ניט שעלטען אין טאַטען אַריין.

און נאָך אַ פֿאַקט פֿון פֿרויען פּראָגרעס: פֿאַראַן שוהלען אין אַמעריקאַ וואו עס ווערען אָנגעשטעלט פֿרויען־חזנ'טעס. פֿון אייביג אָן ווייסען מיר אַז מען האָט די פֿרויען קיינמאָל ניט צוגעלאָזען נאָהענט צו הייליגטימער. בלויז אין אויסנאַהמס־פֿאַלען האָט מען זיי ערלויבט צו באַרירען אָן ארון־קודש, אָדער אַ ספר־תורה, אָבער פֿון פֿאַרנעהמען זיך פּראָפֿעסיאָנעל מיט הייליגע תפילות, איז קיין רייד נישט געווען. קומט אָבער די היינטיגע אידישע וועלט און מאַכט אַן איבערקערעניש אַפֿילו אויף דעם געביט אויך, און די פֿרויען חזנ'טעס טראָגען דעם זעלבען יוניפֿאָרם ווי די מענער, זינגען וואונדערבאַרע קאָמפּאָזיציעס, דרעהען מיט'ן גראָבען פֿינגער, און ציקלען זיך אויף קאָלאָ־ראַטור, צוגיסען זיך מיט האַרצרייסענדע טענער ביי די אידישע תפילות, און רופֿען אַרויס באַגייסטערונג און טרערען ביי די צוהערער... און ווי איינע פֿון זיי האָט איבערגעגעבען ביי אַן אינטערוויו מיט אַ צייטונגס רעפּאָרטער,

גרייט זי צו א נייעם רבונו של עולם, וועלכען זי האָט אליין פאַרפאַסט פאַר די נעקסטע ימים נוראים... פאַרשטעהט זיך אז די ערשטע צייטען וועט עס איהר אויספאַלען זעהר שווער, ווייל א פרוי אין דער פראָפעסיע וועט זיך נישט טאָרען באנוצען מיט קיינע קאָסמעטיקס, אויסמיידען אלע נייע מאָדעס, מיט איין וואָרט, זי מוז דאָס אלעס אויפגעבען, ווייל כדי זיך צו מאכען ווירדיג פאַר דעם פאַראַנטווארטליכען פּאָסטען, וועט זי מוזען ערשיינען פאַר דעם עולם אין איהר איינפאַכסטער נאַטירליכקייט (א פונקט אונטער וועלכען די גרעסטע צאָהל פרויען וואָלטען זיך ניט אונטערוואָרפען), אזוי אז קיין שום איד וועלכער וועט קומען אין שוהל זאָל ניט האָבען געגען איהר וואָס אויס-צוזעצען... איך וויים נישט וואָס די מענער וועלען זאָגען, אָבער מיר פרויען ווינשען איהר דעם גרעסטען ערפאָלג.

און נאָך אַ שריט פאָרווערטס האבען מיר לעצטענס געמאכט, דאָ ביי אונז אין ענגלאנד, מיט דעם נאַציאָנאַלען געזונדהייטס פלאַן. פון אלע יאָהרען אויב עס איז אימיצער קראַנק געוואָרען, און זיך געווענדעט צו אַ דאָקטאָר, האָט מען געמוזט פאַר יעדען וויזיט צאָהלען גוטע געלד, אָהן אונטערשייד אָרים צי רייך, און אויב עס איז וועמען אויסגעקומען צו קרענקען אַ לענגערע צייט, האָט עס איהם אָבגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק מיט געלד, אויב דאָס איז נאָר געווען איינער אין אַ פאַמיליע, אָבער עס האָט זיך פיעל מאָל אויך געטראָפען מיט נאָך עטליכע מיטגלידער פון דער זעלבער פאַמיליע, האט מען באדאַרפט אַרבייטען פאַר'ן דאָקטאָר... האָט זיך אפנים אונזער רעגירונג, וועלכע זאָרגט שטענדיג פאַר דער באַפעלקערונג, ארומגעזעהן אז מען דאַרף עפעס טון וועגען דעם, האָבען זיי אויף דעם סמך געשאַפען דעם געזונדהייטס פלאַן און איצט קענען אַלע קרענקען פאַר אומזיסט... א פאַרגעניגען, עס קאָסט קיין פעני נישט, און די באַפעלקערונג באנוצט זיך טאַקע מיט דעם סקים אין דער פולסטער מאָס. אלע סערזשערים ביי די דאָקטוירים זענען טאָג־טעגליך געפאַקט מיט מענער, פרויען, און איבערהויפט קינדער. דערצעהלט מיר אַ דאָקטאָר, אז זינט ער פראַקטיצירט האָט ער נאָך נישט געהאט אזוי פיעל פאַציענטען ווי לעצטענס. דאָס איז נישט דערפאַר ווייל מענשען זענען איצט קראַנקער ווי אלע מאָל, עס איז פשוט דער סקים... האָט זיך אמאָל געמאכט, זאָגט ער מיר, אז אַ קינד האָט וועה געטון דאָס בייכעל, האָט מען עס איינגעגעבען אַ ביסעל קאסטער אויל; האט עס זיך אמאָל צושניטען אַ פינגער, האָט די מאַמע צוגעבונדען מיט וואָס עס איז, און דאס קינד איז אין אַ קורצע צייט בעסער געוואָרען. היינט אָבער איז אנדערש. היינט לויפט מען מיט אַזעלכע און ענליכע פאַלען גלייך אריין צום דאקטאר און דערפאַר זענען זיי אַזוי ביזי... היינט קען מען באַקומען ברילען, ציינער, און פיעלע אַנדערע זאכען, וואס זענען געווען פאַרבונדען מיט גרויסע אויסגאַבען, אין גאַנצען אָהן געלד, און נאָך מיט אַ פיינע באהאַנדלונג צו... נו, זאָגען די אויגען־דאָקטוירים און דענטיסטען, אז נאָך קיינמאָל אין דער וועלט געשיכטע האָבען אַזוי פיעל מענשען נישט געטראָגען אזוי פיעל ברילען און פאַלשע ציין... און

דאָס איז אויך אַן אַקט פֿון פּראָגרעס צו גונסטען דער מענשהייט, און ווער ווייסט צו וואָס נאָך דער פּראָגרעס וועט אונז דערפֿיהרען...

אָבער דער בעסטער פֿון אַלע איז אונזער אידישער פּראָגרעס וועלכען מיר האָבען לעצטענס געמאַכט. דאָס איז מיט דעם צוריק ערָאבערען אונזער היים, אונזער מדינת ישראל. אָט ליגט פֿאַר מיר אַן אַלטע אידישע צייטונג, אין וועלכער עס שרייבט זיך:

„צוויי אידישע מיידלעך פֿון פּוילען זענען געפֿאָהרען נאָך ארץ ישראל, זיך דאָרט באַקענט און חתונה געהאַט מיט צוויי אידישע יונגע לייט. ביר־גער פֿון יענעם לאַנד. האָט די דאַמאַלסדיגע רעגירונג, ניט אַכטענדיג אויף זייער בירגערשאַפֿט, שטרענג באַפֿוילען, אַז די צוויי יונגע פֿרויען מוזען פֿאַר־לאָזען דאָס לאַנד. דער בייזער באַפֿעהל איז דורכגעפֿירט געוואָרען, און אַזוי זענען פֿיער יונגע לעבענס צוריסען געוואָרען.‟

אַנדערש איז אָבער היינט. איצט קען דאָס מעהר נישט פּאַסירען. עס איז אונזער לאַנד. די היינטיגע מיידלעך און בחורים, וועלכע קומען אַהין, ווערען אויפֿגענומען מיט ליבשאַפֿט און ברכות פֿון גאַנצען אידישען פֿאָלק. היינט מעגען זיי חתונה האָבען, לעבען גליקליך און ברענגען אידישע דורות אויף דער וועלט, אין וועלכע מיר נויטיגען זיך שטאַרק נאָך דעם גרויסען חורבן. זאָל מקוים ווערען די ברכה פֿון עם ישראל חי און זאָלען די שונאים פּלאַצען...

# עס קומט מיר א מזל טוב!...

ווען איך זאג אז עס קומט מיר א מזל טוב, קענט איהר נאך מיינען, אז איך האב חתונה געמאכט א טאכטער, צו געפראוועט א בר־מצוה, אדער זיך אריינגעצויגען אין א נייער דירה. ניין, איהר האט ניט געטראפען, מיינע ליבע פריינד, ווייל ביי מיר טרעפען זיך נישט אזעלכע גליקען...

דער מזל טוב קומט מיר פשוט דערפאר, ווייל איך האב געשלאסען א שלום אבמאך, דאס הייסט, איך האב נאך א לענגערען ברוגז זיך איבערגעבעטען מיט מיין אלטען...

דער ברוגז האט זיך ביי אונז גענומען דערפון, וואס איך האב געוואלט זיין א געטרייע ווייב, און צוליב די שלעכטע אומשטענדען, אין וועלכע מיר געפינען זיך איצט, העלפען מיין מאן צו דער פרנסה...

אבער אזוי ווי קיין פאך קען איך נישט, צו קיין געשעפט טויג איך ניט, און פון מיין שרייבען קען איך אויך קיין לעבען נישט מאכען, האב איך אריינגענומען א פיינעם יונגען מאן, מיט עסען און שלאפען, פאר וועלכען ער האט געצאלט עטליכע פונט א וואך, און טאקע ניט קיין געפאלענע פונטען, נאר גאנצע... פארשטעהט זיך, אז דאס האט אונז פיעל צוגעהאלפען צו דער פרנסה. קיין שוועריגקייטען האב איך אויך נישט געהאט, קיין עקסטרע בעדרומס האב איך נישט באדארפט, ווייל דער יונגערמאן איז געוועזן א בעקער, און טאקע אין דעם זעלבען בעט, וואו מיין מאן איז געשלאפען ביינאכט ווי א מענש, איז מיין לאדזשער געשלאפען בייטאג ווי א בעקער... איך האב צוליב דעם צוועק זיך אריינגעצויגען צו מיין טאכטער אין בעדרום, ווייל וואס טוט מען נישט צוליב פרנסה און שלום בית? נו, זענען מיר אלע געוועזן צופרידען. אין דער פריה, ווען מיינער איז אוועק צו דער ארבייט, איז מיין לאדזשער געקומען פון דער ארבייט, וואו ער האט שוין געטראפען צוגעגרייט א פיינעם אנבייסען אויפ'ן טיש, מיט א פריינדליכען שמייכעל. נאכ'ן עסען, האב איך איהם אויסגעבעטט מיין מאנ'ס בעט, און ער איז אוועק שלאפען.

איינס אזייגער, ווען מיינער איז נעקומען צו מיטאג, איז שוין דער יונגער מאן געזעסען ביים טיש, אן אויסגערוהטער, א פרישער, פארקאמט די האר אויף ארויף מעשה ספארט... אזוי אז עס איז פשוט געוועזן א מחיה א קוק צו טון אויף איהם. איך האב צוגעטראגען די געשמאקע מאכלים, און מיר האבען אלע דריי געגעסען מיט אפעטיט. און ווען מיינער איז צוריק אוועק צו דער ארבייט, האבען מיר אוים לאנגווייליגקייט געשפילט א זעקס און זעכציג, אין וועלכען ער איז געוועזן אן עקספערט, און פלעגט שטענדיג גע־

ווינען. שפּעטער איז ער געוואָרען פּונקט ווי אַן אייגענער אין דער מִשפּחה, און אָפּט'פלעגט ער מיך נעהמען אין אַ סינעמאַ, און נאָך טראַקטירען מיט שאָקאָלאַדע, מיט איין וואָרט, מיר איז געווען גוט ווי די וועלט.

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער האָב איך באַמערקט, ווי מיין אַלטער געהט אַרום אַן אונצופרידענער, ער האָט געהאַלטען אין איין גראַמבלען. מיט איין־מאָל, האָט איהם אויפגעהערט צו שמעקען מיין עסען, מיין קליידען זיך, ער האָט זיך געבייזערט און געוואָרפען, צושריגען זיך ביי דער מינדסטער געלע־גענהייט. פאַרוואָס?—האָב איך נישט פאַרשטאַנען...

ביז ער איז פּלוצלונג אַמאָל אַהיים געקומען אין מיטען טאָג, מיט אַן אויסרייד אַז דער קאָפּ טוט איהם וועה, און אונז ביידע געטראָפען שפּילען אין קאָרטען. מיר האָבען איהם איינגעלאַדען צו נעהמען אַ דריטע האַנד, איז ער געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט, און גענומען ליאַרמען, הלמאי איך, אַ בעל־הבית'טע, פאַרנעם זיך אין מיטען טאָג מיט שפּילען אין קאָרטען, ווען עס זענען פאַראַן פיל וויכטיגערע זאַכען צו טון. דאַן איז ער אַנגעפאַלען אויפ'ן לאָדזשער, האָט געוואָרפען די שולד אויף איהם, ווייל ביז ער האָט זיך צו אונז אריינגעמופּט, האָב איך קיין קאָרטען קיינמאָל נישט געשפּילט. ער האָט נעבעך דעם יונגענמאַן גענומען זידלען מיט דער בלאָטע צו גלייך. דער לאָדזשער איז געוואָרען שטאַרק אויפגעבראַכט, און אָהן צו ענטפערען איהם אַ וואָרט, האָט ער זיך האַסטיג אויפגעהויבען און אַרויס פון שטוב. נאָכדעם האָט ער זיך ערשט גענומען צו מיר, און מיט פּרעטענציעס אויסגעלאָזט זיין ביטערען כעס, וועלכער, ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָט זיך ביי איהם אַנגעזאַ־מעלט פאַר דער גאַנצער צייט. „סטייטיש", האָט ער געשריגען, „איך זעה ווי די שמייכעלסט צו איהם, רעדסט פיין, דערצעהלסט איהם אַלע נייעסען וואָס דו הערסט אויפ'ן ראַדיאָ, און מיר וואַרפסטו צו אַ וואָרט, ווי אַ הונט אַ ביין"...
מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסען, האָב איך איהם געענטפערט, אַז ער איז אַ משוגענער, אַן אייפערזיכטיגער, ווייסט נישט וואָס ער רעדט, און וואָס ער וויל, און צוגעגעבען, אַז מיר לעבען איצט אין אַ ציוויליזירטער מאָדערנער וועלט, און היינטיגע צייטען, אַז אַ פרוי שפּילט מיט אַ פריינד אין קאָרטען, אָדער אַז מען געהט אַמאָל אין אַ סינעמאַ, איז נישט קיין פאַרברעכען, ווייל דאָ איז ניט „פּשייטש", דאָס קליינע שטעדטעל דאָרט אין דער אַלטער היים, דאָ איז ענגלאַנד, און דאָ רעכענט מען זיך נישט מיט אַזעלכע קלייניגקייטען, איבערהויפּט איז ער אַ וואוילער יונגערמאַן, באַנעהמט זיך איידעל, און צאָלט זיין רענט רעגעלמעסיג יעדע וואָך, וואָס העלפט מיר אַ סך אַרויס, און איהם געבעטען נישט צו זיין קיין בהמה און מאַכען אַ שוויין.

דאָס האָט איהם נאָך מעהר אויפגערעגט, ער האָט גענומען נאָך העכער שרייען, און קלאַפּען אין טיש. ניין, האָט ער פּראָטעסטירט, עס מוז נעהמען אַ סוף, עס קאָן אַזוי ווייטער נישט געהן, איינער פון אונז ביידע וועט מוזען אָבטרעטען, ער אָדער איך... איך בין אַ מאַן, און נישט קיין שמאַטע, האָט ער געטופּעט מיט די פיס.

דאָס האָט מיך שוין שטאַרק פֿאַרדראָסען, און דערמאָהנענדיג זיך אַז מיט אַזאַ לאַדזשער קען איך זיין אונאָבהענגיג, און מאַכען אַ לעבען אָהן מיין מאַנ׳ס פֿאַרדינסטען, האָב איך איהם געהייסען געהן, אויב ער וויל... ער איז טאַקע נישט געווען קיין לעמעשקע, איינגעפּאַקט זיינע צוויי העמדער, דריי פּאָר זאָקען, פֿיער נאָזטיכלעך, און מיט א שטאַרקען כעס אַ זעץ געטון די טיר פֿון יענער זייט...

איך האָב אַ צופֿרידענעם שמייכעל געטון, און געטראַכט בישעת מעשה: גוט, פּטור געוואָרען פֿון אַ צרה...

מיין צופֿרידענהייט האָט אָבער ניט לאַנג אנגעהאַלטען, ווייל ווען מיין לאַדזשער איז דעם נעקסטען פֿרימאָרגען אהיים געקומען, און איך האָב איהם דערצעהלט אַלץ וואָס צווישען מיר און מיין מאַן איז פֿאָרגעקומען, און איהם געטרייסט, אַז פֿון היינט און ווייטער האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבען, ווייל מיינער איז אוועק פֿון שטוב, איז ער געבליבען שטעהן אַן אונצופֿרידע־נער, און נישט גערעדט קיין וואָרט. איך האָב זיך דערשראָקען פֿאַר זיין קאַלטקייט, און געבליבען שטעהן ווי צומישט. ער האָט זיך שוין נישט געלייגט שלאָפֿען ווי געוועהנליך, נאָר איינגעפּאַקט זיינע זאַכען, מיר באַצאָלט פֿאַר צוויי וואָכען דירה־געלד, און געגעבען צו פֿאַרשטעהן, אַז ער קען ביי מיר לענגער נישט וואוינען, ווייל עס איז נישט שעהן פֿאַר לייטען צו וואוינען ביי אַ פֿרוי, וועלכע האָט ניט קיין מאַן. ער האָט אפֿילו נישט געוואַרט צו הערען וואָס איך האָב צו זאָגען אויף דעם, נאָר גלייך גענומען זיין באַגאַזש און אַרויס פֿון הויז.

און אַזוי בין איך געבליבען אָהן אַ מאַן, און אָהן אַ לאַדזשער... די שכנים האָבען מיך באַרעדט און אויסגעלאַכט.

עס זענען אַוועק עטליכע וואָכען, און איך האָב זיך דערפֿיהלט עלענד ווי אַ שטיין. קומענדיג צו דער איבערצייגונג אַז צו זיין אליין איז נישט גוט, האָב איך באַשלאָסען צו מאַכען אַ סוף צו מיין עלענדען לעבען... אָבער שרעקט זיך ניט, נישט חלילה דורך זעלבסטמאָרד, אָה ניין, אַזאַ נאַר בין איך נישט, נאָר אַנצושטרענגען אַלע מיינע כוחות און צוריקברענגען מיין מאַן.

מיט שווערע מיה האָב איך קוים אויסגעפֿונען וואו ער געפֿינט זיך, אָנגע־שטעלט מענשען, אַז זיי זאָלען זיך אַריינלייגען צווישען אונז ביידע און מאַכען שלום. און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווי איך פֿאַרשטעה, האָט ער זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, ווייל אויך איהם האָט זיך אפּנים פֿאַרבענקט נאָך מיר, און פּונקט פֿרייטאָג־צו־נאַכט, צום צווייטען חנוכה ליכטעל, איז ער אהיים געקומען.

מיר האָבען זיך איבערגעבעטען, און דערפֿאַר קומט מיר דער מזל טוב. אין שטוב איז איצט פֿרעהליך און לוסטיג, אונזער ליבע האָט זיך צוברענט ווי פֿייער, און מיר פֿילען זיך ווי ערשט נאָך דער חתונה...

איך ווייס אַז אסך פֿרויען וועלען פֿון מיר חוזק מאַכען, דערפֿאַר וואָס איך האָב זיך מיט איהם איבערגעבעטען, ווייל איך קען אַזעלכע, וועלכע

וואָלטען דאָס געהאַלטען פֿאַר אַ גליק, אין זיך געהייסען ווינשען מזל טוב גראַדע דאָן, ווען זיי ווערען פּטור פֿון די מענער... אָבער איך זאָג אייך, אַז איהר אַלע וואָס דענקט אַזוי, מאַכען אַ גרויסען טעות. אַמאָל האָב איך אויך אַזוי געטראַכט. איך בין אָבער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ווי שלעכט עס איז מיט זיי, איז אָבער פֿיעל ערגער אָהן זיי... און איך זאָג אַז אַ כפּרה מעגען געהן אַלע גוטע לאָדזשערס פֿאַר איין שטיקעל אייגענעם מאַן, נישטאָ קיין בעסערער נפש ווי אַן אייגענער מאַן, זאָל ער זיין אַ שלים מזל, אַ גולם, אַ לעמעשקע, אַבי אַן אייגענער...

און דער עיקר איז, אַז אויב איהר ווילט האָבען שלום בית אין הויז, און זיך נישט דאַרפֿען קריגען מיט אייער באַשערטען, זייט נישט קיין גוטע, ווי איך בין געווען, און העלפֿט אייער מאַן נישט צו דער פּרנסה, ער האָט געשוואוירען אונטער דער חופּה אייך צו פֿאַרזאָרגען, זאָל ער זיך דרעהען זיין אייגענעם קאָפּ...

# מיין פרינץ דער סאָציאַליסט...

איך זאָג אייך אז פון היינטיגע קינדער איז גארנישט אויסצוהאַלטען. אַלערליי צרות האָט מען זיך פון זיי אויסצושטעהן. דערצו קענען זיי אייך פאַרשלעפען אין דעם גרעסטען אונגליק, פון וועלכען איהר דאַרפט ליידען דאָס גאַנצע לעבען לאַנג.

איך זאָג עס אנטקעגען מיין זוהנדעל דייוועלע, וועלכען איהר קענט שוין א ביסעל, פון מיינע פריהערדיגע דערצעהלונגען.

א אינגעל איז דאָס, בראַנד פייער, מיט א פיסקעל וואָס געהט אויף שרויפען, א נעזעל וואָס שמעקט איבעראַל וואו מען דאַרף נישט, א קעפעל וואָס ארבייט טאָג און נאַכט, און זוכט פלענער אָבצוטון נייע שפיצלעך, און א צינגעל וואָס איז ביי איהם אין דרויסען מעהר ווי אינווענייג...

און טראָץ דעם וואָס איך בין זיין מאַמע, מוז איך זאָגען דעם אמת אז איך ווייס נישט פון וואַנען עס נעהמט זיך צו מיר אזא מזיק, און אין וועמען ער איז געראָטען...

איך און זיין פאָטער זענען צוויי שטילע, רוהיגע מענשען. מיר קריגען זיך קיינמאָל נישט ווען יענער הערט, און די שכנים האָבען די בעסטע מיינונג וועגען אונזער פאַמיליען לעבען.

די צרות וואָס איך האָב געהאַט פון איהם, ווען ער איז נאָך גאָר קליין געווען, זענען נאָך געווען לייכט אריבערצוטראָגען. למשל, ער האָט אויסגעהאַקט עטליכע שויבען ביי דער שכנה — איז גאָרנישט, עס קען זיך טרעפען... צי דאָס וואָס ער האָט זיך געפּיימ מיט א באָי און איהם אויסגעהאַקט די צוויי פאָדערשטע ציין, קען איך איהם אויך מוחל זיין, ווייל געשלאָגען האָבען זיי זיך שוין סיי ווי סיי, איז איידער יענער איהם, איז שוין גלייכער אז ער יענעם... צי דאָס, וואָס איהם ווילט זיך דווקא איבערצעהלען וויפיל האָר זיין רבי האָט אין שיטערען בערדעל, בשעת יענער לערנט מיט איהם די פרשה פאַר זיין בר מצוה, וואָלט נאָך אויך געווען צו דערליידען...

אָבער דאָס וואָס ער האָט מיר אָבגעטון דעם ערב פסח שטייגט שוין אריבער אַלע גרעניצען, און ס'איז פשוט נישט מעהר אויסצוהאַלטען.

עטליכע טעג פאַר פסח קומט מיין דייוועלע אהיים פון סקול, מיט א שמחה, און דערצעהלט מיר, אז ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אין א גרופּע, וועלכע רופט זיך „די יאָנג פּיאָנירס".

די מעשה איז מיר גאָרנישט געפעלען. איך האָב פאַרשטאַנען, אז עס איז

עפעס נישט כשר, אז מיין דייוועלע האט ארייגעשטעקט זיין בעזעל, שמעקט דארט מיט עפעס. . .

רוף איך זיך אב צו איהם מיט גוטען: דייוועלע, מיין קינד, ערקלער מיר ווער זענען דאס די „פיאנירס" און וואס ווילען זיי?

האט ער מיר געגעבען צו פארשטעהן קלאר און דייטליך, אז דאס זענען א גרופע באיס, וועלכע נעהמען זיך אונטער צו מאכען פראפאגאנדע פאר שלום אויף דער וועלט, און ווען אלע מענשען וועלען זיך צוהערען צו זיי, ווערען סאציאליסטען, און אוועקמאכען מיט קאפיטאל, וועט די גאנצע וועלט ווערען א „פרי קאונטרי". און אלץ וועט זיין אלרייט, קיינער וועט נישט דארפען ארבייטען, יעדער וועט האבען וואס ער וויל, און דער טאטע זיינער וועט נישט דארפען זיין קיין פרעסער. . .

—זאג־זשע מיר, מיין קינד, איז דאס נישט פארמישט מיט פאליטיק, אדער מלחמה חלילה—פרעג איך איהם מיט דרך ארץ, ווייל איך האב מורא אז ער זאל נישט ווערען אין כעס. . .

אה, נא, מאם,—האט דייוועלע געלאכט פון מיין אונוויסענהייט — נא פאליטיק ענד נא וואר. . .

עס איז מיר געווארען גרינגער אויפ'ן הארצען. . .

אבער פון יענעם טאג אן פלעגט ער פארשוואונדען ווערען אויף גאנצע שעה'ן פון שטוב. איין פרימארגען האב איך באמערקט אז ביי מיר פעהלען מיינע רויטע פידזשאמעס. איך האב געקענט שווערען, אז מיין דייוועלע האט זיי אוועקגעטראגען פון שטוב. איך בין צו איהם צוגעשטאנען, ער זאל מיר זאגען וואו ער האט זיי אהינגעטון, אבער ער האט געלייקענט שטיין און ביין, און געשוואוירען אז ער ווייסט נישט פון וואס צו זאגען. . .

מיט א טאג שפעטער קומט צו געהן דער רבי און וויל איהם געבען די לעקציע. איז ווי געוועהנליך, ער איז נישטא. מירביידע לויפען ארום איהם זוכען, אבער נישטא איהם. פארכאפט געווארען ערגיץ מיין דייוועלע. . מיר האבען גארנישט געקענט פארשטעהן וואו ער געהט יעדען אבענד און וואס ער טוט.

ביז עס איז געקומען די ערשטע סדר נאכט. איך האב זיך אנגעארבייט, צוגעגרייט דעם סדר, אזוי ווי גאט האט געבאטען, געקאכט און געבראטען, געווען פארנומען דעם גאנצען טאג, און זיך גאר נישט געכאפט אז עס איז שוין שטונדען ווי מיין זוהנדעל איז אוועק פון שטוב, און איך האב פארגעסען איהם אנצוזאגען, אז היינט אבענד פראוועט מען דעם סדר, און ער מוז פרעגען די קשיות. . . עס האט אנגעהויבען צופאלען די נאכט, איך האב גענומען גרייטען דעם טיש, ארויפגעשטעלט די כוסות, דעם וויין, די פיינע פיש וועלכע האבען פארשמעקט די שטוב, און א שיסעל מיט פעטע קניידלעך. . . אין שטוב איז געווען ליכטיג און ווארים. מיינער איז אהיים געקומען פון שוהל, מען וויל זיך נעהמען אבריכטען דעם סדר, אבער מיין תכשיט איז נישטא.

נאכדעם ווי עס איז אוועק נאך א האלבע שעה, זענען מיר געווארען

אונגעדולדיג. מיינער איז אַרויס אין גאַס, זוכען דעם פּרינץ אונזערען, און איך בין געבליבען זיצען אין געהאַקטע צרות, טראַכטענדיג וועך וייסט, וואו מיין בן־יחיד איז אַהינגעקומען.

אין אַ ווײַלע אַרום קומט מיינער צו לויפען, האַלב טויט פון שרעק און אויפרעגונג, מיט פאַרבראָכענע הענד, און רופט זיך אָב צו מיר: קום, מאַמע, שעפ נחת פון דיין תכשיט...

מיין האַרץ איז מיר שיער אַרויסגעפאַלען פון שרעק, און איך בין געגאַנ־גען מיט איהם וואוהין ער האָט מיך געפיהרט.

ווען איך בין צוגעקומען צום קאָרנער פון אונזער גאַס, און אַ קוק געטון וואָס דאָרט קומט פאָר, בין איך שיער געפאַלען אין חלשות...

מיין דייוועלע שטעהט זיך אויף אַ קאַסטען פון אָרענדזשעס, נעבען איהם שטעהט אַ גרויסער שטעקען אויף וועלכען עס זענען אויפגעהאָנגען מיינע רויטע פידזשאַמעס, וואס זעהט אויס ווי אַ פאָהן, אַרום איהם שטעהען אַ גאַנצע חברה אַזעלכע קונדסים ווי ער, און מיין דייוועלע האַלט אַ פייערדיגען ספּיטש... וואַרפט מיט די צוויי דאַרע פאַרשמירטע הענטלעך, דרעהט מיט'ן קעפעל, און שרייט מיט'ן גאַנצען כוח: „ווי מאַסט העוו אַ פרי קאַונטרי", „ווי מאַסט סטאַפ די אַטאָם באָמב, די היידראָדזשען, און אָל אַדהער באָמבס, ווי מאַסט נאָט בי עפרעיד אָף די לאָו (האָט ער אָנגעוויזען אויף אַ לאָכעדיגען פּאָליסמאַן, וועלכער איז געשטאַנען און אויסגעהערט מיין דייוועלע'ס ספּיטש). ווי מאַסט אָל בי יונייטעד, ענד אַוער סלאָגאַן מאַסט בי נאָ מאָר וואָרס..."

האָט ער געשריגען, און זיך דערווייל אבגעווישט דאָס נעזעל פון וועלכען עס האָט געקאַפּעט... „היער היער", האָבען געשריגען זיינע חברים, די „פּיאָנירס".

דערהערענדיג די דיבורים האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקען, גלייך צוגע־לאָפען צו איהם און זיך גענומען בעטען ווי ביי אַ גזלן:

—דייוועלע האָב רחמנות אויף דיין טאַטע־מאַמע, הער אויף צו רעדען אזוי, דו וועסט דאָך אונז ברענגען אויפ'ן פייער, מען וועט אונז אַרויסשיקען פון דער קאַונטרי, וואו וועלען מיר זיך אַהינטון מיט אונזער ביסעל אָרימקייט? קום בעסער אַהיים, מען דאַרף אָבריכטען דעם סדר, אַלץ איז צוגעגרייט, און מען מוז אָנהויבען, עס ווערט שפּעט, דו ביזט דאָך דער פּרינץ היינט אבענד, און מוזט זיצען ביים טיש נעבען טאַטען... אַז אָך און וועה צו דיר, נחת מיינער...

אָבער דייוועלע האָט דערפון נישט געוואָלט הערען. „מיר סאָציאַליס־טען," האָט ער געזאָגט, „האַלטען נישט פון די נאַרישקייטען"... ער האָט זיך אויסגעהוסט, אַרויפגעשלעפּט די הייזלעך, וועלכע האָבען געהאַלטען ביים אַראָבפאַלען, און זיך געוואָלט פאַרנעהמען אויף דאָס ניי צום רעדען.

עס האָט זיך דערווייל פאַרזאַמעלט אַ גרויסער עולם אַרום איהם.

איך האָב געזעהן אַז דאָ וועט קיין סוף נישט נעהמען, און קיין גוטען וועלען מיר גאָרנישט מאַכען, האָב איך אַ וואָנק געגעבען צו מיינעם. ער האָט מיך פאַרשטאַנען.

איך האָב מיט אימפּעט אראָבגעריסען מיינע פּידזשאַמעס פֿון שטעקען, קודם כל זאָל זיין אויס פּאַהן. דערנאָך האָבען מירביידע אנגענומען אונזער תכשיט אונטער די אָרעמס, און איהם פֿון דארט אוועקגעשלעפּט. עס איז געוואָרען א געוואַלד צווישען זיינע חברים, און א הילכיגער געלעכטער צווישען דעם עולם. מיר האָבען איהם קוים אריינגעשלעפּט אין שטוב, און מיט געוואַלד איהם אוועקגעזעצט ביים טיש.

ער איז אפנים געווען גוט אויסגעהונגערט, מחמת ווען ער האט דערזעהן און דערשמעקט די פֿיינע מאכלים אויפ׳ן טיש, און איבערהויפּט די פֿלעשער וויין, האָט ער גלייך פֿארגעסען זיין סאָציאַליזם, מיט די פּייאָנירס ,און האָט א גנבישען שמייכעל געטון, און זיינע אויגעלעך האָבען גענומען גלאַנצען פֿון צופֿרידענהייט.

איך האָב איהם אריינגעשלעפּט אין קיטשען, געגעבען א שיסעל הייסע וואַסער, און איהם געהייסען זיך ארומוואַשען, אזוי אז ער זאָל אויסזעהן לייטיש ביים סדר. ער האט מיך געפֿאָלגט, און איך האָב בשעת מעשה אויסגענוצט די געלעגענהייט און איהם געגעבען צו פֿארשטעהן, אז אט די אלע שטיק וואָס ער טרייבט פּאסט נישט פֿאר א אידיש איננגעל; וואָס־מיר סאָציאַליסטען און פּייאָנירס, זאָלען זיך די פֿרעמדע קאָכען דערמיט, א אידיש קינד דארף איצט טראַכטען, ווענגען ישראל, אונזער אייגען לאַנד, וועלכעס איז אונז אזוי שווער אנגעקומען, און מיר דאַרפֿען קעמפֿען דאס אויפֿצוהאַלטען, און אלע יונגע לייט און מיידלעך דאַרפֿען זיך אָנשליסען אין דער יוגענד עליה, פֿאָהרען אהין און העלפֿען בויען דאָס לאַנד, פֿאַר אונזער פֿאָלק, פֿאַר די יתומים וועלכע זענען פֿארבליבען פֿון די זעקס מיליאָן אידען, וואָס זענען אומגעקומען אין די קעמפּס.

דייוועלע האָט אויסגעשטעלט א פּאָר גרויסע פֿארשטענדליכע אויגען, און צוגעגעבען אז איך בין גערעכט.

באַלד נאָך דעם האָט מען זיך געזעצט צום סדר. דייוועלע האָט געמאַכט קידוש גלייך מיט זיין טאַטען, האט געפֿרעגט די פֿיער קשיות, און האט אפֿילו אויך געזאָגט די צווייטע טייל פֿון דער הגדה, כמעט צום ערשטען מאָל .אלע יאהרען פֿלעגט ער גלייך נאכ׳ן עסען איינשלאָפֿען, אבער דאס יאהר האט ער געזאָגט אלץ וואָס דארט שטעהט, און געענדיגט מיט דעם לשנה הבאה בירושלים.

# מיין לאַנדסמאַן.

אַ קליין מאגער אידעל, מיט אַ שיטער בערדעל, צוויי געקרייזעלטע פּיאות, אַ שמאָל לאנג נעזעל, צוויי ביטרע קליינע אויגעלעך, וועלכע ווארפֿען זיך אויף אַלע זייטען אין דער זעלבער מינוט, אנגעטון אין אַ לאנגער אטלאַסענער קאַפּאָטע, אַ קליין פּלושען היטעלע, וועלכעס האלט זיך קוים אויפֿן קאפּ צוליב דער אונטערשטער יארמולקע, מיט אַ יחוס בריוועל אין קעשענע, אַט דעם פּארשוין האָב איהם דעם כבוד אייך פֿאָרצושטעלען אַלס מיין לאַנדסמאַן.

ענטפּלעקט האָט ער זיך צו מיר אויף אַ באזונדערען אופֿן. אין אַ געוויסען פֿריהמארגען בין איך מיר ארומגעגאַנגען אין שטוב אין מיין מארגען־ראָק און שטעק שיך (יערענפֿאלס ניט אין דער לאגע אויפֿצונעמען געסט). פּלוצלונג האָב איך דערהערט ווי מען דראפּעט זיך אויף די טרעפּען, און נאָך איידער איך האָב באוויזען אַ טראכט צו טון ווער דאס קען זיין, האט זיך לאנגזאַם געעפֿענט די טיר, און פֿאר מיר איז געשטאַנען דער פּארשוין, וועלכען איך האָב אייך נאָר וואס פֿאָרגעשטעלט.

איך בין געוואָרען אויפֿגעבראַכט און אָנגעפֿאַלען אויף איהם:

"ר' איד, פֿארוואָס האט איהר נישט אנגעקלאפּט אין טיר?"

„עך וויים?... זייט מיר מוחל, עך האָב נישט געוואוסט אז מען דארף קלאַפּען," האָט ער געזאָגט, און נאַאיוו געשמייכעלט...

פֿילענדיג זיך אין אַן אונאַנגענעמער לאגע, האב איך פֿעסטער ארומגענו־מען מיין מארגען־ראָק, אבער ער, מיין גאַסט, האט זיך גאָר נישט אבגע־שראקען, פּונקט ווי איך, מיט מיין טואלעט, וואלטען פֿאר איהם געווען אַ גע־וועהנליכע ערשיינונג.

איך האָב זיך געוואָלט פֿון איהם וואס גיכער באפֿרייען, און ארויסגע־זאָגט קורץ און שארף:

„ר' איד, מיין מאַן איז נישטאָ אין דער היים."

„עס מאכט נישט, איהר וועט אויך גוט זיין," האט ער געענטפֿערט גאַנץ קאַלט, פּונקט ווי ניט איהם מיינט מען... „איהר ווילט דאך אוודאי וויסען ווי אזוי עך קום אהער, וועל עך אייך באַלד זאָגען, מיינע לאַנדסלייט האָבען מיך אהער געשיקט צו אייך. זיי האָבען מיר געזאָגט, אז איהר זייט אַ גוטע אידישע טאכטער, מיט אַ גוט הארץ, און איהר וועט מיר העלפֿען. אייגענטלעך, האָב עך שוין אייער אדרעס אַ לאַנגע צייט, און האָב שוין פֿריהער געדאַרפֿט דאָ זיין, נאָר עס איז מיר אַלץ נישט אויסגעקומען צו זיין אין דער געגענד. היינט האב עך מעך באַדאַרפֿט צו זעהן דא מיט עטלעכע בעל־בתישע לאנדס־

לייט, וועלכע וואוינען אויך דאָ, האָב עך שוין באשלאָסען אבצוטרעטען ביי איך אויך, און אַט בין עך דאָ... קען עך אפשר זיצען ביי אייך?" האט ער געפרעגט, און נישט ווארטענדיג אויף מיין ענטפער, זיך גלייך אוועקגעזעצט.

„עך וואלט געקענט מאכען מיט א גלעזעל ווארימס," האט ער מיר געגעבען אנצוהערען, „עך האָב נאָך היינט אין מויל נישט געהאט."

איך האָב דערפילט א מאדנע אנטיפאטיע צו דעם אידען. מיך האָט פאַרדראָסען זיין דרייסטקייט און חוצפה. פונדעסטוועגען האָב איך איהם דערלאַנגט א גלעזעל ווארימס, ווי עה רופט עס אָן... ער האָט זיך צוגעכאפט צו דעם און געגומען זופען מיט אימפעט, אזוי אז עס האָט מיך דערנערווירט.

„נו, איצט זאגט מיר, וואס קען איך טון פאַר אייך?" האב איך געפרעגט, שוין מיט אונגעדולד.

„ווארט אביסעל, עך בין דאָך ערשט אריינגעקומען. לאָזט מעך אויסטרינקען דאָס גלעזעל טיי, דערנאך וועל עך אייך שוין אלץ דערצעהלען."

איך בין דערווייל ארויס אין דער צווייטער שטוב, זיך אויף גיך אנגעטון, און דערפיהלט א ביסעל באקוועמער. ווען איך בין צוריק אריין האט ער נאָך אלץ געזופט, און איך האב זיך אוועקגעזעצט ווארטען ביז ער וועט ענדיגען. ענדליך איז ער פאַרטיג געוואָרען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, צוגענומען דאָס גלעזעל, עס אויסגעוואַשען, און געוואַרט מיט אונגעדולד צו הערען וואס ער האָט מיר צו זאָגען. נאָר פלוצלונג איז געפאַלען זיין בליק אויף די פרישע זעמעל, וועלכע איך האָב צוגעגרייט פאַר פרישטיק.

„אפשר קענט איהר מעך מכבד זיין מיט א צוויי זעמעל? זיי זעהען אויס זעהר געשמאַק. עך וועל מיר דערכאַפּען דאָס הארץ און איהר וועט האָבען א מצוה," האָט ער זיך ביי מיר גענומען בעטען.

מיט פאַרגעניגען וואָלט איך איהם געגעבען נישט נאָר צוויי, נאָר אַלע זעמעל, ווען ער נעהמט זיי אין קעשענע און געהט אוועק. אָבער נישט דאָס איז ער אויסען געווען, און איך האָב עס פאַרשטאַנען. איך האָב איהם אנגעשמירט עטליכע זעמעל מיט פוטער און זיי אוועקגעלייגט נעבען איהם אויפן טיש. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעטון די אויבערשטע קאפאָטע, צו צו דער וואַסער לייטונג און זיך געוואַשען די הענט צום עסען. דאַן האט ער געמאכט אַ ברכה, און זיך גענומען מיט אפעטיט צו די זעמעל: אויף זיין פאַרלאַנג האָב איך איהם דערלאַנגט נאָך א גלעזעל ווארימס. האָט ער שוין געגעסען און געטרונקען...

איך בין געזעסען ווי אויף הייסע קוילען, ווייל איך האָב זעהר נויטיג באַדאַרפט אוועקצוגעהן, אָבער ער האָט געגעסען און געטרונקען גאַנץ לאַנגזאַם, פונקט ווי ער וואלט געווען ביי זיך אין דער היים. קוים מיט צרות איז ער פאַרטיג געוואָרען. דאַן האט ער זיך באַנעצט די פינגער און געבענשט. נאָך דעם האָט ער מיר באדאנקט. איך בין געוואָרען שטארק אונגעדולדיג, און איהם צוגעוואַרפען עטליכע בייזע בליקען, ער האָט עס פאַרשטאַנען, און האָט אויף גיך ארויסגענומען זיין רויט טאַשען טיכעל פון קעשענע, דערלאַנגט דריי

שנייץ מיט א קוויטש, זיך אָבגעווישט די נאָז, און אָנגעהויבען:

„צום ערשטען מוזט איהר וויסען אז עך בין א גאַליציאַנער, דאָס הייסט, אייערס א לאַנדסמאַן. אהער געקומען בין עך א יאָהר פאַר דער מלחמה, און אזוי ווי עך בין נישט קיין בעל מלאכה און האָב זעך נישט מיט וואָס צו באשעפטיגען, געה עך צו גאסט צו אַלע אונזערע לאַנדסלייט. זיי נעהמען מעך גאַנץ פיין אויף און לאָזען מעך חלילה נישט פאַלען... אדרבה, מען טיילט מיר צו דעם גרעסטען כבוד. זאָגט מיר, איהר זענט פון זשיביץ ציי פון אילי־נייץ?" האָט ער געפּרעגט לאַנגזאַם און אונזיכער...

„פון אילינייץ," האָב איך געענטפערט, און דערפיהלט א וואַרימקייט אויף דער נשמה, ווען ער האָט דערמאַנט דאָס שטעדטעל וואו איך בין געבוירען.

„יאָ, עך וויים אז איהר קומט פון אילינייץ. עך האָב דאָך אפילו געקענט אייער זיידען ז"ל. א טייערער איד געווען אייער זיידע. יאָ, ווי האָט מען איהם גערופען?" האָט ער זיך פאַרטראַכט כלומרשט...

„מאָטעלע," האָב איך איהם ארויסגעהאָלפען.

„יאָ, יאָ, ר' מאָטעלע טאַקע. וואָס דען עך וויים נישט? עך געדענק איהם פונקט ווי ער וואָלט פאַר מיר איצט געשטאַנען... און די באָבע אייערע. אויך געווען א גוטע כשר'ע נשמה, א צדקת. חנה, דאַכט זיך, האָט מען זי גערופען... יאָ, חנה מאָטעלע'ס. געווען א הויכע, א מין פּאַרשוין... נאָר אייערע טאַטע־מאַמע האָב עך שוין נישט געקענט. מען האָט מיר געזאָגט, אז זיי זענען אהער געקומען נאָך יונגע מענשען. יאָ, עך האָב זעך דערמאַנט, איידער עך בין אהער געפאָהרען האָט מיר אייער מומע פון אילינייץ מיטגעגעבען א גרוס פאַר אייך, גאָט ווייסט צי זי לעבט נאָך נאָך דעם חורבן, וועה איז מיר נעבעך"...

דאָ האָב איך דערפילט אז ער רעדט גלאַט אין דער וועלט אריין... אבער איך האָב זיך איינגעהאַלטען, און ניט געוואָלט איהם איבערשלאָגען.

„שאַ, איהר ווייסט וואָס נאָך עך וועל אייך זאָגען, מיר דאַכט זעך אז מיר זענען גאָרנישט פרעמד אויך. אָט וועל איך אייך אנגעבען אַלע סימנים וועט איהר זעהן, אז מיר זענען גאָר נאהענטע קרובים. אייער באָבע, זאָל לויפען בעטען, און מיין שטיף־מאַמע, אין גן־עדן איז זי, זענען דאָך געווען לייבלעכטע געשוועסטער־קינדער. נו, איצט זעהט איהר שוין, אז עך בין גערעכט?... אָט האָב עך דיר באַשיינפערלעך אויפגעוויזען אז מיר זענען פון איין משפחה"...

איז ער שוין מיר געוואָרען א „דו" ברודער... ביי זיינע לעצטע ווערטער האָב איך זיך שוין מעהר נישט געקענט באהערשען, און בין ארוים מיט לשון:

„פעטער לעבען, איהר מאַכט איין טעות נאַכ'ן צווייטען. די גאַנצע מעשה וואָס איהר האָט מיר דאָ דערצעהלט איז נישט אמת... מיין באָבע איז נישט געווען קיין הויכע, נאָר דווקא א קליינע און א דאַרע, און געהייסען האָט זי שרה'לע און נישט חוה. קיין מומע אין אילינייץ האָב איך קיינמאָל נישט גע־האַט, און קיין קרובים זענען מיר זיכער נישט. און אויב איהר ווילט מיר נאָך עפּעס דערצעהלען, אָדער איינרעדען, זאָג איך אייך עס איז אומזיסט אייער

טרחה, ווייל איך גלויב אייך נישט... פּעטער, איך בעט אייך, נעמט נישט צו מיין צייט, זאָגט וואָס איהר ווילט פון מיר, און נעהט אייך געזונטערהייט?

„וואָסזשע, דו האַלסט מעך גאָר פאַר א ליגנער? גלויבסט נישט וואָס עך זאָג? פּע, נישט שעהן פון דיר, כ'לעבען. עס קען זיין, אז עך האָב געמאַכט א שטיקעל טעות, כ'בין דאָך נישט מעהר ווי א מענש, אבער קיין ליגנער חלילה בין עך נישט... אָט קען עך דיר באַווייזען שוואַרץ אויף ווייס. ווער עך בין פון דער היים," האָט ער געזאָגט, און מיר געשטופּט זיין יחוס בריוועל אין פּנים אריין... „אָט דאָ וועסטו זעהן אז עך קום פון א משפּחה לויטער שמאַלץ"...

„מיך אינטערעסירט נישט צו וויסען ווער איהר זענט פון דער היים. זאָגט מיר נאָר, וואָס קען איך טון פאַר אייך?

„דו דאַרפסט זעך שוין אליין אָנשטויסען וואָס עך פאַרלאַנג. עס איז געגנוג ביטער, אז אזאַ איד ווי עך דאַרף זעך ארויסלאָזען אויף דער וועלט זוכען פּרנסה... און אז עך בין געקומען צו דיר אין שטוב אריין, און דיר נאָך באַווייזען אז מיר זענען שטיקלעך אייגענע אויך, דאַרפסטו מעך אויפנעמען פאַר א חשוב'ן גאַסט, און מיר געבען א שעהנע נדבה."

איך האָב ארויסגענומען צוויי שילינג און איהם דערלאַנגט. ער האָט מיך אָנגעקוקט פול מיט פאַרדרוס, פונקט ווי איך וואָלט איהם אומגליקליך געמאַכט.

„וואָס איז דאָס? נישט מעהר ווי צוויי שילינג? געה שוין געה, שעמען מעגסטו זעך, ס'קאָסט דאָך מעך אליין טייערער. עך בין דאָך אהער געקומען אזש פון גאָלדערס גרין, און די הוצאות קאָסטען דאָך מעהר פון צוויי שילינג. געה שוין געה, מאַך זעך נישט נאַריש," האָט ער געזאָגט און אוועקגעלייגט די צוויי שילינג אויפן טיש. „כ'קען נישט, ביי מיין וואָרט ווי עך קען נישט"...

„איך קען אייך אבער מעהר נישט געבען, לאַנדסמאַן. די צייטען זענען שלעכטע. מיינע קינדער מוזען שווער ארבייטען צו פאַרדינען אויף פּרנסה, און איהר ברעקעלט זיך נאָך אז איך גיב אייך צוויי שילינג."

„אבער, אז דו וועסט מעך באַפּרידיגען וועל עך גאָט בעטען פאַר דיר און דיינע בני בית, איהר זאָלט אלע זיין געזונד און נישט דאַרפען שווער ארבייטען און אין דעם זכות וועט אייך נאָט העלפען."

„אזוי!" בין איך געוואָרען אין כעס אויף דעם אידען, „אויב איהר זענט אזאַ נאָהענטער ר' שמעלקע מיט'ן רבונו של עולם, טאָ פאַרוואָסזשע בעט איהר נישט פאַר זיך, אז איהר זאָלט נישט דאַרפען ארומגעהן איבער די הייזער און בעטען נדבות?"...

„עס! דו ביזט אַן אפיקורוס'טע, און עך האָב מיט דיר נישט וואָס צו רעדען," האָט ער ארויסגעזאָגט אין איין אָטהעם, זיך אויף גיך אנגעטון די קאַפּאָטע, גענומען דעם שירם, מיט אימפּעט געכאַפּט די צוויי שילינג פון טיש, און אַרויס פון שטוב אָהן א זיי־געזונד...

# דער פֿאַרשטעלטער.

מיט'ן גרעסטען אונגדולד האָט דער קליינער שלמה'לע יעדעס יאָהר ערוואַרטעט דעם פורים.

ראַכט זיך אַז פסח, סוכות, שבועות, זענען דאָך אויך גאַנץ שעהנע ימים טובים, מען מאַכט נייע בגדים, מען געהט די גאַנצע וואָך נישט אין חדר, א.ד.גל., דאָך איז פורים איהם געווען נענטער צום הארצען ווי אַלע אַנדערע; און ווייסט איהר פֿאַרוואָס? נישט צוליב די געשמאַקע המן־טאַשען, דעם גראַגער, מיט וועלכען מען פֿלעגט פֿאַרטויבען המנ'ען ביים לייענען די מגילה, אויך נישט צוליב די שלח מנות'ן. ניין, חלילה, די אַלע גוטע זאַכען האָבען שלמה'לען נישט אויף אזוי ווייט צופֿרידענגעשטעלט ווי די פורים שפּילער. אין אבענד פֿלעגט ער זיך זיצען נעבען טאַטען אויבען־אָן ביים טיש, אויף וועלכען עס זענען געשטאַנען צוגעגרייט גוטע מאַכלים, צוליב דער פורים סעודה, ארום דעם טיש זענען געווען פֿאַרזאַמעלט די גאַנצע משפחה, מען האָט נעזונגען א פֿרעהליכען שושנת יעקב, פֿון צייט צו צייט פֿלעגען זיך באַווייזען בעל הבתישע אידען נאָך נדבות, וועלכע זיי פֿלעגען צוטיילען צווישען אָרימע לייט. — שלמה'לען האָט דאָס אַלץ נישט אינטערעסירט, און ער פֿלעגט זיצען ווי אויף הייסע קוילען, ביז עס האָבען זיך אָנגעהויבען באַווייזען די פורים־שפּילער. מיט דורשטיגע אויגעלעך פֿלעגט ער באַטראַכטען יעדען פֿון זיי, נאַכגעמאַכט מיט די ליפּען ווי זיי פֿלעגען זינגען זייער פורים־שפּיל. א גליקליכער שמייכעל האָט באַגאָסען זיין קליין יונג פּנים'ל, און טיף, טיף אין הארצען האָט ער זיי שטאַרק מקנא געווען... און כאָטש ער האָט גוט גע־וואוסט, אַז די פֿאַרשטעלטע זענען די אָרימסטע לייט פֿון שטעדטעל, דאָך וואָלט ער גערן, אין דער מינוט, זיך געביטען מיט זיי, ער וואָלט זיי אַוועק־גענעבען די רייכע סעודה, און די אַלע גוטע זאַכען אויפֿן טיש, ווען זיי וואָלטען איהם געגעבען זייערע קאָסטיומען און היטלען, וועלכע זענען געווען צוזאַמענ־געשטעלט פֿון אַלערליי קאָלירטע פּאַפּיר. אחשורוש, המן, אסתר המלכה, ויזתא און אַלע אַנדערע, האָבען אויסגעזעהן ווי אמת'ע העלדען פֿון די אַלטע צייטען...

דער יצר הרע האָט גערייצט, און ער האָט ביי זיך אָבגעמאַכט פֿעסט, אַז דעם קומענדען פורים זאָל ער נישט טרוקען אַדורכלאָזען, זאָל געשעהן דאָס ערגסטע, איהם אַרט נישט, ער מוז איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך פֿאַרשטעלען...

דאָס גאַנצע יאָהר האָט ער געצעהלט די חדשים, שפּעטער די טעג, און געמאַכט פּלענער ווי אזוי זיין באַשלוס דורכצופֿיהרען; און גאָט האָט געהאָל־

פּען, ענדליך איז געקומען דער לאַנג דערוואַרטעטער פּורים. די מאַמע האָט זיך דעם גאַנצן פֿאַרמיטאָג געפּאָרעט אין קיך. באַלד נאָכ׳ן אָבלייענען די מגילה האָט זי זיך גענומען צו די קרעפּלעך, געקאָכט, געבאַקן, געבראָטן, און אָנגע־גרייט א יום טוב, אויף אַלע אידישע קינדער געזאָגט (ווי זי אַליין פֿלעגט זאָגן). דער טאַטע האָט געגרייט דעם טיש, געעפֿענט די פֿלעשער וויין און בראָנפֿן, און אוועקגעשטעלט פֿאַרשידענע געבעקס. עס האָט אויך נישט געפֿעלט קיין שטרודעל און המן־טאַשן, אויסגעקאָכטע אַרבעס, און פֿאַרשי־דענע פֿרוכטן. אויבען־אָן ביים טיש, וואו ער דאַרף זיצן, האָט ער אונטער דעם ווייסן טישטוך אוועקגעלייגט א ביסעל קליין־געלד פֿאַר די פּורים־שפּילער און נדבה־קלייבער. אַלץ פֿאַרטיג געוואָרן, האָט זיך שלמה׳לע אַרומ־געזעהן, אַז די צייט רוקט זיך, ער מוז אָנפֿאַנגען עפּעס צו טון, כּדי דורכצו־פֿיהרען זיין פּלאַן, און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, צום ערשטן ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגען פֿון הויז זיך זעהן מיט זיינע חברים, און געפֿינען א מיטעל זיך צו פֿאַרשטעלן.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און קוים אַרויסגערעדט אין א שוואַכן טאָן:

— מאַמע, מיר טוט וועה דער קאָפּ. . .

— גיי אין דיין שלאָף־צימער און לייג זיך צו א ווייל, מיין קינד — ענטפֿערט איהם צערטליך די מאַמע.

שלמה׳לע האָט גלייך געפֿאָלגט דער מאַמען, נאָר אַנשטאַט צו גיין אין שלאָף־צימער איז ער אַרויס אין גאַס.

דאָ האָט ער דערזעהן ווי עס רודערט זיך, און א ניי געפֿיהל האָט איהם באַלעבט. יונגע מיידלעך זענען געגאַנגען שפּאַצירען, פֿיין אויסגעפּוצט, און געוואָרפֿען איינעלעך אויף די בחורים׳לעך, וועלכע האָבען זיך געאיילט דורך די גאַסען מיט די שלח־מנות׳ן, געלאָפֿען אהין און אהער, פּונקט ווי מען וואָלט זיי נאָכגעיאָגט. דערווייל האָט אָנגעהויבען וואָרען טונקעלער. די קראָמען האָבען זיך גענומען פֿאַרמאַכן, און אַלץ האָט אָנגענומען א יום טוב׳דיגע שטימונג. ער איז געבליבן שטעהן א קורצע ווייל און גענומען טראַכטן. עס האָט אָנגעהויבען צופֿאַלען די נאַכט, און ביסלעכווייז האָבען זיך גענומען באַווייזען די פֿאַרשטעלטע. דאָס האָט איהם דערנערווירט, און ער האָט גענומען געהן ווייטער. ביי שלמה׳לען אין קאָפּ און געדאַנקען האָבען זיך גענומען באַווייזען פֿאַרשידענע אילוזיעס, אויסגעמישטע, פֿאַרוואַנדעלט אין קאָלירען, רויטע, בלויע, גרינע, און פּלוצלונג, ווי פֿון הימעל, איז פֿאַר איהם אויסגעוואַק־כען יאַנקעלע, נאָטע שוסטער׳ס זוהנדעל, אָנגעטון אין א הוט מיט א לאַנגען שפּיץ, דאָס העמד אַריבער די הויזען, אַרומגעבונדען מיט א ברייטען, רויטען מיט גאָלד באַפּוצטען גאַרטעל, און א בלעכענע שווערד ביי דער זייט.

שלמה׳לע האָט אַזש אויסגעשריגען פֿון באַגייסטערונג און שמחה, און גלייך אַרויס מיט א פֿראַגע: וויפֿיל וויל ער פֿאַר זיינע פֿאַרשטעלטע מלבושים? ער וויל זיי ביי איהם אָבקויפֿען.

—צו וואס דארפסטו זיי? — האט יאנקעלע געפרעגט נייגעריג וויסענ־דיג אז שלמה'לעס טאטע איז א רייכער בעל הבית.

—איך וויל זיך פארשטעלען—ענטפערט שלמה'לע ענטשלאסען.

—דו וועסט זיך פארשטעלען און גערן איבער די הייזער?—טוט יאנקעל א שמייכעל—נו, אויב דו ווילסט, טא גיב מיר צוואנציג קאפיקעס, פארקויף איך דיר דאס גאנצע געשעפט און א סוף.

—איך גיב—ענטפערט שלמה'לע און שטעקט אריין די האנד אין קעשענע — געשעפט איז געשעפט. . .

באלד איז שלמה'לע, דאס רייכע קינד, געשטאנען אנגעטאן אין יאנקעל'ס גאטע דעם שוסטער'ס זוהנ'ס, פורים מלבושים.

שוין ביים געזעגענען זיך, פרעגט שלמה'לע איבער:

—הער־זשע, יאנקעל, ווער בין איך? וואס בין איך? און ווי הייס איך?

—דו הייסט גלית הפלישתי — ענטפערט יאנקעל שטאלץ — און ווען דו וועסט אריינקומען צו אימיצען, מוזטו זינגען אזא ליד:

איך בין גלית דער גרויסער העלד.

פאר מיר ציטערט די גאנצע וועלט.

אה, דאס קען איך — האט שלמה'לע געענטפערט מיט זיכערקייט.

— נו, און איצט זיי־זשע מיר געזונד, האב מיר א גוטען פורים, און דער עיקר מאך א סך געלד — האט איהם יאנקעל צוגעווינשען און אוועק זיין וועג, אנווייזענדיג שלמה'לען אין וועלכען הויף ער זאל אריינגעהן צום ערשטען.

דערווייל האט זיך שלמה'לעס מאמע געכאפט, אז איהר תכשיט איז נישטא אין דער היים, און עס איז שוין שפעט, האט זי זיך געלאזט אויף דער גאס איהם א זוך טון. . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען יאנקעלע, דעם שוסטער'ס בן־יחיד'ל, האט זיך באטראכט, וואס ער האט געטון, האט ער באלד חרטה באקומען אויף דעם געשעפט. . . און אנגע־הויבען זוכען פלענער, ווי אזוי צוריקצוקריגען די עטליכע זאכען וועלכע ער האט פארקויפט שלמה'לען.

סטייטש, האט אין איהם פראטעסטירט זיין געוויסען, אוועקגעגעבען אזא שמאלץ, אזא גוטען פארדינסט פאר אזא קליינעם פרייז. . . און ער האט גענומען טראכטען וועגען דער נארישקייט וואס ער איז באגאנגען. פלוצלונג האט ער דערזעהן שלמה'לעס מאמע, איז ער גלייך צוגעגאנגען צו איהר און דערצעהלט די גאנצע געשיכטע וואס איז פארגעקומען צווישען איהם און שלמה'לען.

דער רייכער מאמען איז געבעך געווארען פינסטער פאר די אויגען. אזא חרפה, אזא בושה, איהר קינד זאל טון אזא זאך — האט זי גע'טענה'ט, און געבעטען יאנקעל'ן, ער זאל איהר העלפען אויפזוכען איהר פורים־שפילער. . .

יאנקעלע האט איינגעזעהן, אז דאס וועט זיין איהם לטובה, איז ער אוועק מיט איהר צו יענעם הויז, וואו ער האט איהם איבערגעלאזט.

ווען אונזער העלדישער פורים־שפּילער שלמה׳לע האָט באַדאַרפֿט אריינגעהן אין ערשטען הויז, צו מאַכען זיין פורים־שפּיל, האָט ער זיך א ביסעלע דערשראָקען, געוואָרען נערוועז. צום ערשטען מאָל זיין א פֿארשטעלטער, האָט ער געפֿילט, איז נישט אזוי גרינג פֿונדעסטוועגען האָט ער זיך צוזאַמענגענומען, און אריין אין הויז. נאָר אנשטאט צו געהן אין דער גרויסער שעהנער פֿארפוצטער שטוב, וואו אלע זענען געזעסען, איז ער גאָר אריין אין קיך. דאָרט איז געשטאַנען די קעכין באשעפֿטיגט מיט דער געבראָטענער גאַנז און האט גאָרנישט באמערקט דעם פורים־שפּילער. ערשט ווען ער האט אנגעהויבען זינגען האָט זי זיך אויסגעדרעהט, פֿארלייגט ביידע הענט, און איהם אויסגעהערט מיט א צופֿרידענעם שמייכעל איהר האט הנאה געטון וואס דער פורים־שפּילער האָט על פי טעות פֿארבלאנדזשעט צו איהר...

שלמה׳לע האט זיין לידעל געזונגען גאַנץ געשמאַק און הנאה געהאט פֿון זיך אליין. נאָר נאך איידער ער האָט באוויזען צו ענדיגען דאָס לעצטע וואָרט האָט ער באקומען אזאַ פֿייערדיגען פּאטש, אז ער האָט דערזעהן זיין באָבע פֿון יענער וועלט...

באלד האָט ער דערפֿילט אז אלע אברים שטאַרבען ביי איהם אָב. און ווען ער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ און דערזעהן זיין מאַמען נעבען זיך, האט ער שיעור אויסגעשריגען פֿון שאַנדע און וועהטאג.

— אהיים, דו שייגעץ! — האָט די מאַמע באַפֿוילען, און איהם ארויסגעשלעפּט א האלב־טויטען פֿון דער קיך.

אבער מיט דעם האָבען זיך נאך אלע צרות נישט געענדיגט.

אונטען, ביי דער טיר, איז זיין חבר יאַנקעל געשטאַנען און געוואַרט אויף איהם. דאָ האָט זיך שלמה׳לע ערשט געכאַפּט, אז ער האט איהם אבגעטהון א שפּיצעל...

אויף דער מאַמע׳ס באַפֿעהל, האט ער גלייך געמוזט אויסטון די פורים־קליידער און זיי צוריקגעבען צו יאַנקעל׳ען. און פֿון אבגעבען איהם די צוואַנציג קאָפּיקעס איז גאָר קיין רייד נישט געווען...

דעם גאַנצען וועג אהיים איז ער געגאַנגען נעבען דער מאַמען מיט אַן אראָבגעלאָזטען קאָפּ, פונקט ווי מען פֿיהרט א גנב צו זיין משפּט. אבער פֿון דאמאָלט אָן האָט זיך שלמה׳לע געשוואוירען מעהר אזאַ זאך נישט צו טון ווי לאַנג ער וועט לעבען...

און מיט דעם האָט זיך געענדיגט שלמה׳לעס חשק און פֿאַנטאַזיע צו זיין א פורים־שפּילער...

# פעסימיזם און אָפּטימיזם!...

וואָס איז פעסימיזם? און וואָס איז אָפּטימיזם?

ווען איהר געפינט זיך אַמאָל אין אַ שלעכטער שטימונג, פאַלט אָן אויף אייער מאַן מיט פרעטענציעס, הלמאַי ער טויג צו גאָר ניט, נאָר איהם האט איהר צו פאַרדאַנקען—אַלע אייערע צרות, וועלכע איהר האט געהאט אַלע יאהרען זינט ער איז געוואָרען אייער מאַן, און וועט נאָך האָבען, און וואָס איהר וואוינט אין אַן ענגער דירה, און איהר האט ניט קיין לייטישען בגד אנ־צוטון ווי אנדערע ווייבער, און אַז איהר קענט קיינמאָל ניט פאָהרען פאַר אַ האָלידיי און זיך אביסעל אָברוהען, פון אייער שווערער ארבייט, און אַז אייער וועלט איז שוין אויף אייביג פאַרשפּילט — אַט דאָס, זעהט איהר, איז פעסימיזם.

און ווען אייער מאַן ענטפערט אייך, קאַלט און רוהיג: „זאָרג זיך ניט, מיין ווייבעל, רעג זיך ניט אויף, עס וועט דיר נאָך חלילה שאַטען צו דיין שעהנקייט, צו דיין איידעלער פיגור, און דיין געזונד, וועלכעס איז ביי מיר טייערער ווי מיין לעבען; רעד זיך ניט איין, מיין נשמה, אַז נאָר אונז איז שלעכט, און אַז נאָר מיר וואוינען אין אַן ענגער אונבאַקוועמער דירה, און אַז נאָר מיר האָבען קיין פרנסה ניט. צו דעם אַלעם איז פאַראַן אַ טרייסט, טו אַ קוק איבער'ן וועג, וועסטו זעהן אַז אונזער שכן, דער ליטוואַק, האָט אויך קיין פרנסה נישט."

דאָס איז אָפּטימיזם.

געוועהנליך זענען מיר פרויען מעהר געניינט צו פעסימיזם ווי אונזערע מענער. דאָס איז מן הסתם דערפאַר, ווייל מיר זענען דער שוואַכערער סעקס. מיר דאַרפען האָבען און האָדעווען קינדער, טראָגען די פאַרנטוואָרטליכקייט פון דער הויז, ווירטשאַפט, ענטפערען אַלע בעלי חובות וואָס קומען מאָהנען געלד, ארומקריגען זיך מיט די שכנים און אַמאָל אויך ליידען פון דעם מאַנ'ס לייכטזיניגקייט. אַט דאָס אַלעס ווירקט זעהר שלעכט אויף אונז, און מיר ווערען לייכט באַהערשט פון פעסימיזם. געהט מען ארום דעם גאַנצען טאָג ברוגז, און מען איז בייז אויף דער גאַנצער וועלט, און אַמאָל אויף זיך אַליין אויך...

אַט אין דער שטימונג בין איך ארומגעגאַנגען אַ צייט לאַנג. צו קיינעם ניט געענטפערט אויף קיין גוט מאָרגען, און פאַר קיינעם ניט געהאַט קיין פריינדליכען שמייכעל. האָבען מענשען מיך גענומען אויסמיידען. די קינדער

האבען אינגאנצען אויפגעהערט ריידען צו מיר. אבער איך האָב זיך געהאַלטען ביי דאס מייניגע, און אלץ נאכגעגעבען מיינע געפילען.

ביז, אין אַ געוויסען טאָג, האָט זיך מיין אלטער אויף מיר צובייזערט, הלמאי איך געה ארום א גאַנצען טאג אזוי בייז און צוטראגען. ער האט מיר באוויזען אז איך האב מיט מיין האנדלונג פארטריבען אלע אונזערע פריינד, וועלכע פלעגען אָפט ארויפקומען כאפען א סאַלאַ. איצט דרעהט ער זיך ארום און האט ניט מיט וועמען צו שפילען. דערצו האב איך פון זיך אליין א תל געמאכט. איך בין נישט ווי געווען. מיין ביטערקייט האט מיר פארעלטערט און מיין פנים צוקנייטשט, וואס מאכט מיך אויסזעהן מיט א סך יאהרען עלטער ווי איך בין. און צום לעצט האט ער מיך געווארענט, אז אויב איך וועל אזוי אנגעהן וועט ער אוועק פון שטוב. און איך וועל ניט וויסען וואו ער איז אהינגעקומען... ער איז ארויס פון שטוב און האסטיג פארמאכט די טיר.

אט די לעצטע ווערטער זיינע האָבען מיך דערשראָקען וועגען מיין אויסזעהן, צווייטענס האָב איך טאקע ניט געוואלט ווערען קיין עגונה; איך וויים וואָס דאס מיינט, ווייל אויך מיין מאמע האט געהאט דעם זעלבען סוף... איך האב זיך גוט פארטראכט וועגען דעם ענין, און ווען איך האָב אריינגעקוקט אין שפיגעל און טאקע באמערקט די ענדערונג אויף מיין פנים, און מיינע בייזע אויגען, האָב איך זיך פאר זיך אליין דערשראָקען, און אָבגעמאכט פון יענעם אויגענבליק גלייך צו ענדערען מיין כאראקטער.

איך בין געוואָרען פריינדליך אין הויז צו אלעמען. די קינדער האבען זיך איבערגעוואונקען, און נישט געוואָלט גלויבען אז אין מיר איז פלוצלונג געוואָרען אזא ענדערונג. מיין אלטען האָב איך געענטפערט מיט ליב־שאפט אויף יעדען וואָרט וואָס ער האט צו מיר ארויסגערעדט. און אויב ער האט זיך באקלאָגט אויף עפעס, האב איך איהם געטרייסט און אויפגע־וויזען אז עס וועט נאָך גוט זיין...

מיט איין וואָרט, איך בין געווארען א הונדערט פראָצענטיגער אפטימיסט. די קינדער האָבען אונטערשטיצט מיינע גוטע אויסזיכטען פאר דער צוקונפט. אָבער מיין מאַן קען דוקא ניט לעבען בשלום צו לאַנג, און האט זיך דאָך ליב מיט מיר אביסעל כאַטש ארומצורייסען. ער האלט, אז אמאָל איז פשוט נויטיג זיך אביסעל צו קריגען, ווערען ברוגז אויף א שטיקעל צייט, און דערנאָך אז מען בעט זיך איבער, ווערט דאס לעבען אביסעל אבגעפרישט...

אָט, למשל, זעגען מיר אנומלטען געזעסען ארום טיש, געגעסען סאפער, און באטראַכט די לאגע ארום דער וועלט. רופט זיך אָן מיינער:

"נישטאָ קיין שלום אויף דער וועלט. נאָר מען האלט זיך אין ארומרייסען. מען מאכט קאנפערענצען, מען טרעפט זיך היינט, מען האט זיך געטראָפען נעכטען, און מען וועט זיך טרעפען מארגען, און איך קען זיך וועטען אז פון די אלע טרעפעניישען וועט גאָרנישט ווערען. עס העלפט נישט די "יונאָ", נישט די קאָנגרעסען, אין נישט דער מארשאַל פלאַן. אלע לענדער מאכען אמוניציע, און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וועט זיך אויסלאָזען."

זאָג איך, געוועהנליך מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל (מחמת איך האָב מורא ער זאָל נישט ברוגז ווערען).

„געה ביזט אַ משוגענער. ווי קומט עס וואָס אַ מענש מיט אַ קלאָרען פֿארשטאַנד נעהמט זיך אַזעלכע נאַריישקייטען אין זינען אריין. אַט הערען מיר דאָך אַז אַלע פֿעלקער ווילען שלום.”

ענטפֿערט ער:

„פֿאַרוואָס־זשע ארבייט מען אַזוי פֿיל אַמוניציע, און מען רופֿט צוריק אַריין מיליטער?”

זאָג איך, אַז דאָס איז אַלץ צוליב אויפֿהאַלטען דעם שלום. די אַמוניציע ווערט נאָר פּראָדוצירט מיט'ן צוועק זיך צו פֿאַרטיידיגען, אבער נישט חלילה אַנפֿאַלען אויף וועלכען עס איז לאַנד.

זאָגט ער: „צו וואָס-זשע האָט מען ערפֿונדען די אַטאָמישע באָמבע?”

זאָג איך, אַז דאָס האבען אונזערע טרייע וועלט פֿאַרזאָרגער רהמנות באַקומען אויף די טויזענדער בירגער מיט זייערע פֿאַמיליעס און קליינע קינדער, וועלכע פֿלעגען לויפֿען אין די שעלטערס אין דער לעצטער מלחמה. האָבען זיי אויסגעפֿונען אַט דעם מיטעל, די אַטאָם באָמבע, אַז טאָמער חלילה וועט נאָך אַמאָל זיין אַ מלחמה, זאָלען די אָרימע מענשען מעהר נישט דאַרפֿען לויפֿען...

רופֿט זיך אָן מיין טאָכטער, וועלכע איז אויף מיין זייט, אַז איהר באַי, מיט וועלכען זי געהט אויס, איז זעהר אַ קלוגער, לעזט אַסך ביכער מיט צייטונגען, געהט יעדען זונטאָג אין הייד פּארק הערען די ספּיטשעס, פֿאַרזיכערט איהר אַז עס וועט מעהר קיין מלחמה נישט זיין... נו, דאַרף מען נאָך אַ בעסערען באַווייז?

אויך מיין דיינועלע, וועלכער האָט אַ וויטען בליק אויפֿן לעבען און אויף דער גאַנצער פּאָליטיק, האָט זיך געוואָלט וועטען און איינלייגען זיין גאַנצע „פּאָקעט מאַני”, אַז עס וועט ניט זיין קיין מלחמה...

נאָר בלויז מיין אַלטער, דער עקשן, האַלט זיך ביי דאָס זייניגע...

נאָך סאַפּער טוט מיין טאָכטער אַ קוק ארויס פֿון פֿענסטער און רופֿט זיך אָב:

„מאַם, איך האָב צוגעזאָגט מיין בעני צו געהן מיט איהם היינט צו אַ דאַנס, אָבער דער הימעל זעהט אויס שוואַרץ און עס ווייזט זיך אויף רעגען. וואָס זאָל איך טון?”

ענטפֿער איך:

„טו זיך אָן, מיין קינד, און געה. עס וועט ניט רעגענען. די כמאַרע וועט אַריבערגעהן. געה, געה. האָב ניט קיין מורא, און אַמוזיר זיך.”

פֿאַרלאָזט זיך מיין טאָכטער אויף מיין אָפּטימיזם, פּוצט זיך אויס אין איהר „דאַנס פֿראָק” מיט די דינע זיידענע שיכלעך, און לאָזט זיך געהן. נאָר אונטען ביי׳דער טיר איז זי אַ ווייילע געבליבען שטעהן אין אַ צווייפֿעל, ווייל עס האָט שוין אָנגעהויבען קאַפּען אַ דראָבנער רעגען.

„געה, געה, מיין טאָכטער. דיין מאַמע זאָגט דאָך, אַז עס וועט זיין

אָלרייט," האט מיין אלטער זיך געוויצעלט אויף מיין חשבון.

טראָץ דעם וואָס מיין הארץ האָט אביסעל געשראָקען, האָב איך נישט געוואָלט נאכגעבען מיין אַלטען אין דעם פאַל, און זי געהייסען געהן. מיין דייוועלע האָט געקוואָלען פון מיין העלדישקייט...

זי האָט מיך געפאָלגט און אוועק צום דאנס.

שפעטער צו האָט אויסגעבראָכען א געוואַלטיגער שטורם מיט דונערען און בליצען...

איך האָב זיך געשעמט פאַר מיין אלטען, וועלכער האָט געלאכט פון מיר, און אלס פראָטעסט אוועק שלאָפען. נאָר געשלאָפען האָב איך נישט. איך בין געלעגען אין געהאקטע צרות, און ביי יעדען דונער האָט מיר דערלאַנגט א ריס אין הארצען. עס האָט מיך געוואָרפען פון שרעק, און איך האָב זיך אליין גענומען מאכען פאָרוואורפען, אז איך בין נישט קיין מאַמע, דערמיט וואָס איך האָב איהר געהייסען געהן צום דאנס, און אויב זי וועט זיך חלילה פארקיהלען, וועט עס זיין מיין שולד און איך וועל זיך קיינמאָל נישט קענען פאַרגעבען. עס האָט מיך געפלאָגט דער געוויסען, אָבער איך האָב מיט אַלע מיינע כוחות דערשטיקט די געפילען.

אזוי בין איך געלעגען מיט שרעק ביז שפעט אין דער נאכט, און אז איך האָב שוין דערלעבט די מינוט צו הערען זי אהיימקומען, איז מיר ערשט גרינ־גער געוואָרען דאס הארץ און איך בין קוים איינגעשלאָפען.

אָבער דאס מייניגע האָב איך אויסגעפיהרט.

אָפטימיזם בלייבט אָפטימיזם...

# ס'איז לעבעדיג אויפ'ן בית עולם...

ווען איך בין היי־יאהר אוועק אויף א לאנדאנער בית־עולם אבצושטאטען דעם יעהרליכען וויזיט צו מיינע נאהענטע, ווי עס פיהרט זיך ביי אונז אידען אין לאנדאן, בין איך באהערשט געווארען פון א זאנדערבארען געפיהל, וואס האט אויף מיר געמאכט א שווערען איינדרוק. וואלט דאס געפיל זיך גענומען צוליב די מתים, וועלכע געפינען זיך דארט, אדער פון שרעק פאר'ן טויט וואס האלט דארט ברייט פונאנדערגעשפרייט זיינע פליגעל, וואלט עס אפשר געווען גאנץ נאטירליך. אבער ניין! פונקט פארקערט. דאס געפיל האט זיך גענומען פון די סצענעס, וועלכע איך האב דארט בייגעוואוינט; איבערהויפט די קאנקורענץ צווישען די לעבעדיגע.

קיינמאל פריהער האב איך דאס נישט אבסערווירט מיט אזא שטארקען אינטערעס, ווי היי־יאהר, און דערפאר האב איך באשלאסען צו שרייבען וועגען דעם און אייך איבערגעבען די סצענעס און בילדער, וועלכע מען זעהט דארט, קומענדיג אויף קבר־אבות. איך וועל זיי שילדערען אזוי ווי איך האב זיי געזעהן און געהערט. כ'בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אפילו דארט, וואו דער מענש זעהט דעם סוף פון זיין עקזיסטענץ פילט זיך אויך די מאכט פונ'ם גלות אין דער אונטערשיד צווישען ארים און רייך.

גלייך ווי איהר טרעט ארויף אויף דעם גוטען ארט, באגעגענען אייך אידען און ווייבער מיט צדקה־פושקעס, וועלכע זיי טראגען אייך אנטקעגען. פאר מורא, און דרך־ארץ פאר די טויטע, ווארפט איהר אריין א היבש ביסעל געלט, ווייל דארט שמעקט מיט יענער וועלט, און עס דערמאהנט אייך, אז צדקה, וואס איז מציל פון טויט, איז איינע פון די גרעסטע מצוות ביי אונז אידען... ווייטער אראב ווארפען זיך אייך אין די אויגען פיין אויסגעפוצטע דאמען און מענער, וועלכע זעהן אויס ווי זיי וואלטען געקומען אויף א שמחה...

געוועהנליך קומען זיי צופאהרען אין אייגענע אויטאמאבילען (קארס בל"ע"ז) און רופען ארויס צו זיך דעם גרעסטען רעספעקט ביי די שמשים און חזנים, וועלכע געפינען זיך דארט אין א היבשער צאל.

די שעהנע, הויכע, אימפאזאנטע מצבות, וואס שטעהען גלייך און שטאלץ איז לייכט צו געפינען. זיי טראגען אויף זיך בכבוד'יגע אויפשריפטען, אפילו די נעמען פון דער גאנצער משפחה, וועלכע טרויערט אויף דעם נפטר, און זאגען צו, אז מען וועט איהם אייביג געדענקען... אין די קברים, פארשטעהט זיך, ליגען גרויסע גבירים, סוחרים און פאבריקאנטען, וואס האבען געשפילט אן אנגעזעהענע ראלע ביים לעבען.

אַט צו די מצבות געהען צו די אויסגעפּוצטע דאַמען, באַטראַכטען די ריזיגע מאָנומענטען, מיט אַ געוויסער סאַטיספאַקציע, און אַ רוהיגען געוויסען, מחמת זיי האבען געטון די פּולסטע פליכט צום געשטארבענעם. דערמיט וואָס זיי האָבען פאראייביגט זיין אָנדענק מיט אַ קאָסטבארען שטיין, און „ער" אָדער „זי" קען שוין צו זיי קיין פּרעטענציעס נישט האָבען...

דאָרטען שטעהען זיי אַ ווײַלע, ווישען אויס די פייכטע אויגען מיט אַ קליין, זיידען טאַשענטיכעלע, און נאָך דעם ווי זיי פּילען, אַז זיי האבען שוין אָבגעטון דעם חוב זייערען, לאָזט מען זיך אַוועק צווישען גרויסען עולם געפּי־נען באַקאַנטע און אַ שמועס טון וועגען לעבעדיגע ענינים...

ווידער זעהט מען דאָרט קליינע, אומבאַדייטענדע מצבה'לעך. שטעהען זיך איינזאַם, פאַרוואַקסען מיט ווילד־גראָז, אַז מען זעהט קוים אַרוים זייער שפּיץ־קעפּעלעך. און די אויפשריפטען זענען קליין און שוואַך, קוים זיי איבערצולייענען, אַז די קרובים האָבען גרויסע שוועריגקייטען זיי אויסצו־געפינען.

דאָרט, פאַרשטעהט זיך, ליגען קבצנים, אָרימעלייט, וועלכע זענען נאָך ביים לעבען נעלעגען ניין איילען טיף אין דער אדמה...

אַט צו זיי קומען אַלטע, פאַרזעסענע טעכטער, צובראָכענע, קראַנקע אַלמנות און אָרימע קינדער, וועמען עס פעהלט פּרנסה... דאָרט גיסען זיי אויס זייער צער און צאָרן אויף דער וועלט און אויף דער מענשהייט; פון דאָרט טראָגען זיך יאָמערליכע קולות אויסגעמישט מיט געוויין און געבעט, אַז עס רייסט דיך פּשוט מיט.

אט ליגט אַ פאַרזעסען מיידעל ביי איהר מאַמען אויפ'ן קבר און שרייט:

מאַמע, ביי וועמען האָסטו מיך איבערגעלאָזט? ! מאַמע, מיר איז שלעכט. העלף מיר, מאַמע! — בעט זי, פּונקט ווי איהר מזל וואָלט געלעגען ביי דער טויטער מאַמען אין די הענט...

מען דערצעהלט מיר, אַז דער מיידעל'ס מאַמע איז שוין טויט אַ יאָהר צעהן, און אַז זי קומט יעדעס יאָהר אויף קבר־אבות מיט דעם זעלביגען געשריי, מיט דעם זעלביגען געבעט נאָר מיט שוואַכערע כוחות.

איך האָב געמאַכט אַ קאָנטראַסט צווישען יענע דאַמען און דער אָרימער יתומה און ממש איינגעזעהן פאַרוואָס מענשען טוען אָב די גרעסטע נאַריש־קייטען, כדי צו ווערען רייך. וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשיד דאָ ליגט צווישען די צוויי עלעמענטען! אַפילו דאָרטען באַווייזען זיך לייכט, ביי דער ערשטער געלעגענהייט, די טרערען ביים אָרימאַן, וואָס האָט אַ ווייך האַרץ; ביים רייכען אָבער איז דאָס האַרץ פאַרשטיינערט צוליב זיין שווערער קעשענע...

— אפשר זאָל איך אייך פאָרלייענען אַ שטיקעל תחינה? — שטעלט מיך אָב אַן עלטערע אידענע מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ פאַרקנייטשט פּנים.—אַט וועל איך אָנטון מיינע שפּאַקולען—נוצט זי אויס מיין שווייגען— און פיהרט מיך וואו איהר דאַרפט.

— ניין, ניין, באָבעשי, עס איז נישט נויטיג,—פאַרזיכער איך איהר, —

איך דאַרף מיין מאַמען זאָגען אַזעלכעס, וואָס שטעהט גאָרנישט אין אייער תחינה...

די זקנה האָט מיר צוגעוואָרפען א פאַראַכטענדיגען בליק און זיך פון מיר אָבגערוקט ווי פון א טריף־פסול...

—אפשר דאַרפט איהר אַן „אל מלא רחמים״?—פרעגט ביי מיר א איד מיט א שפּיציגע בערדעל וועלכער איז אַמאָל געווען א חזן און צוליב א לאַבזע (ווי ער זאָגט אליין) פאַרלוירען די שטעלע.

—גיט מיר א „טשאַנז״ צו פאַרדינען אויף יום־טוב, איך בעט אייך. אין דעם זכות וועט אייך גאָט העלפען און איהר וועט אויסבעטען א גוט יאהר!

—מען דאַרף נישט, פעטער באַמיט זיך נישט. איך קען עס אליין טון. איבערהויפּט האָב איך נישט ליב, אַז פרעמדע מענשען מישען זיך צווישען מיר און מיינע קרובים... — זאָג איך.

אויך דער איד האָט מיר מאָדנע באַטראַכט, פון אויבען ביז אראָב, און איז אַנטלאָפען. א צווייטער, וועלכער איז געשטאַנען פון ווייטען און מקנא געווען דעם ערשטען פאַר פאַקען א קאַסטומער, האָט אפנים געמיינט, אַז מיר קענען נישט אַדורכקומען מיט׳ן פּרייז, איז ער שנעל צוגעלאָפען גיך א זאָג געטון:

—מאַדאַם, איך וועל עס מאַכען ביליגער און אפשר נאָך בעסער פון יענעם פאַרטאַטש. גיט מיר דעם „דזשאָב״, איך בעט אייך.

מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסען די דאָזיגע ביליגע קאָנקורענץ. אויך אויף יענעם אָרט פון לעבען און טויט זאָל אַזעלכעס פאָרקומען? און איך האָב איהם געענטפערט:

—רב איד, ס׳איז אַן עבירה אייער צייט און מיה. געהט זוכען בעסערע קונים. איך וועל שוין אויסקומען אהן אייך...

דער איד איז אַנטלאָפען מלא רציחה...

ווייטער אראָב ליגט א אידענע אויף א קבר, וויינט זיך אויס און רעדט זיך אראָב איהר ביטער האַרץ פאַר׳ן מאַן... דערצעהלט איהם אַלע איהרע צרות און בעט זיך ביי איהם, אַז ער זאָל זי נעמען צו זיך, ווייל זי׳ האט שוין מעהר קיין כוח נישט אַריבערצוטראָגען די צרות און יסורים פון די קינדער. זי איז פשוט פאַרצווייפעלט און רייסט שטיקער פון דער מצבה. נעבען קבר שטעהט א איד און מאַכט אַן „אל מלא רחמים״, נאָר ווען ער לייענט די אויפשריפט אויף דער מצבה, אויסרופענדיג דעם נאָמען פון מאַן, לאָזט די אידענע אָב דעם טויטען מאַן און גיט זיך א נעהם צום לעבעדיגען אידעל...

—מיסטער, — האָט זי אויסגעשריגען, — איהר קענט קיין אידיש נישט לייענען, צו וואָס? דאָס איז נישט דער נאָמען פון מיין מאַן! אויב מען קען נישט, נעהמט מען זיך נישט אונטער — האָט זי זיך געבייזערט און גענומען זידלען דעם אידען, וואָס האָט זי גענאַרט.

—אידענע! — האָט ער אויסגערופען א באַליידיגטער — אידענע! איך קען נישט לייענען, זאָגט איהר? שעמען מעגט איהר זיך מיר דאָס צו זאָגען. שעמען מעגט איהר אייך! איהר קענט מיך נאָך ברענגען פון ברויט, חלילה,

ווייל איך בין אַ גוטער בעל־תּפילה, כ׳דאַווען פאַרן עמוד. און אויב אויף דער מצבה איז נישטאָ אייער מאַנ׳ס נאָמען, בין איך נישט שולדיג, נאָר איהר, ווייל איהר ליגט אויף אַ פרעמדען קבר און טוט דערמיט אַן עבירה. עס שטעהט בפירוש געשריבען, אַז אויף פרעמדע קברים טאָר מען נישט קריכען, און איהר האָט נאָך ביי איהם געבעטען ער זאָל אייך נעהמען צו זיך־ד איצט זאָלט איהר בעטען ביי איהם מחילה, ביי דעם פרעמדען מאַן דאָרטען, פאַרוואָס איהר האָט איהם באַליידיגט — האָט דער איד זיך אין איהר נוקם געווען...

די אידענע האָט איינגעזעהן, אַז ער האָט רעכט. אויף אַזאַ אומגליק האָט זי זיך נעבעך נישט געקאָנט ריכטען. האָט זי זיך קוים צוזאַמענגענומען און איז אוועק ווייטער זוכען איהר אמת׳ן מאַן. עטליכע מענשען, וועלכע האָבען צופעליג זיך דאָרט געפינען און צוגעזעהן דעם אינצידענט, האָבען שטיל געשמייכעלט.

איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ ווייל־ע אַברוהען. נעבען מיר איז געזעסען אַ יונגע, שעהנע און געזונטע פרוי. זי האָט מיר באַלד דערצעהלט איהר ביאָגראַפיע. ערשט מיט אַ יאָהר צוריק איז איהר מאַן געשטאָרבען. זי האָט נאָך צו די זעקס חדשים געלאָזט שטעלען אַ שטיין. זי פילט זיך עלענד און אומגליקליך. קיין קינדער האָט זי נישט, נאָר אביסעל געלט—גראָד יאָ. אפשר, בעט זי מיך, ווייס איך פון אַ גוטען שידוך פאַר איהר. זי וואָלט זעהר געוואָלט חתונה האָבען, עס מאַכט זיך אָבער נישט ווי זי וויל... זי האָט מיר אפילו צוגעזאָגט פיין שדכנות-געלד.

איך האָב איהר געהייסען אַ קוק טון אין די „צייט". דאָרט, האָב איך איהר פאַרזיכערט, זענען פאַראַן אַ סך שידוכים מיט שעהנע יונגעלייט, צווישען וועלכע זי וועט מסתמא געפינען אַ חתן.

אָט דאָס אַלץ האָב איך געזעהן און געהערט ווען כ׳בין היי־יאָהר געגאַנגען אויף קבר־אבות.

# דער יתום.

(ערצעהלונג)

שוין א יאָהר איז אוועק, זינט הערשעלע האָט פֿארלוירען זיין מאַמען, און פֿונדעסטוועגען געדענקט ער נאָך אזוי גוט, גלייך ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געוועזן. ער געדענקט ווי עס איז צוגעקומען צו זייער הויז א גרויסער שווארצער וואָגען. אהין האָט מען אריין געלעגט דעם קאַסטען אין וועלכען זיין מאמע איז געלעגען. אלע שכנים האָבען געוויינט, געשריען, דער טאַטע האָט געבראָכען די הענט, זיך אריינגעזעצט אין א קארעטע מיט נאָך אידען און צוזאמען מיט'ן וואָגען פֿארשוואונדען...

א שכנה האָט איהם אריינגענומען צו זיך ביז דער טאַטע וועט צוריק קומען; זי האט איהם געגעבען עסען און א גראָשען זיך עפּעס צו קויפֿען, אבער איהם איז קיין זאַך נישט איינגעגאנגען, דאס הערצעלע איז איהם געווען פֿארקלעמט, ער האָט געפֿילט, אז עפּעס האט מיט איהם פּאסירט, עפּעס האט זיך איהם אפּגעריסען אין הארצען, און ער איז געוואָרען שטארק פֿאר־צווייפֿעלט. מיט א קורצע צייט שפּעטער, איז דער טאַטע צוריק געקומען אליין, די מאַמען, ווייזט אויס, האָט ער דאָרט ערגעץ איבערגעלאָזט.

דער טאַטע האָט איהם אנגענומען פֿאר'ן האנט און איז מיט איהם צוזאַמען אריין אין שטוב, וואו אלעס איז געווען פֿינסטער און טרויעריג. בלויז א ליכטעלע האָט געברענט אין א ווינקעל, און דאס ליכטעל האט געצאנקט ארויף און אראָפּ... פּונקט ווי זיין מאַמע איידער זי האָט אויסגעהויכט איהר לעצטען אָטהעם... דער טאַטע האָט איהם געטוליעט צום הארצען, געקושט און געוויינט, פּונקט ווי א קליין קינד. אבער גערעדט האט ער גארנישט, און אזוי איז הערשעלע געזעסען איינער אליין מיט'ן טאַטען גאנצע אכט טאג. דאס איז נאָך געווען צום דערליידען; אבער אויפֿ'ן ניינטען טאג, ווען דער טאַטע האָט געדארפֿט געהן צוריק צו דער ארבייט און אנגעפֿאנגען מאַכען פּלענער וואו ער זאָל איהם איבערלאָזען, דאַן איז איהם געוואָרען זעהר ביטער אויפֿ'ן הארצען.

ענדליך האט דער טאַטע באַשלאָסען איהם אפּצושיקען אין חדר און אויף קעסט האָט ער איהם אנגעדונגען ביי א פֿרוי. די צווייטע טיר פֿון זייער הויז, און צוויי מאָל אין טאָג האָט ער באַדארפֿט אהיים קומען עסען, נאָר אין אבענד זאָל ער ווארטען ביז דער טאַטע וועט געהענדיג פֿארביי פֿון דער ארבייט, איהם קומען אהיים נעהמען. די ערשטע צייטען איז נאָך געווען נישקשה'דיג: די

פֿרוי האָט אויף איהם רחמנות געהאַט און פֿלעגט מיטאָג צייט איהם נעהמען אהיים און אפּפֿירען צוריק. שפּעטער אבער איז איהר געוואָרען איבערדריסיג, פֿלעגט זי ביי יעדער געלעגענהייט אויף איהם א געשריי טאָן און ער איז געוואָרען אן איבריגער ביי אהיר אין שטוב. זי האָט שוין אפֿילו וועגען דעם איבער גערעדט מיט זיין טאַטען און ער האָט איהר צוגעזאָגט אז אזוי גיך ווי ער וועט געפֿינען א פּאַסיגען פּלאַץ פֿאַר איהם, וועט ער איהם פֿון איהר צונעמען.

דאס איז געווען מיט א צייט שפּעטער. אין א קאַלטען פֿינסטערן ווינטער אבענד, האָט זיך הערשעלען פֿאַרגלוסט אהיים צו געהן א ביסעל פֿריהער פֿון חדר, נישט וואַרטענדיג אויפֿ'ן טאַטען און אויך נישט זאָגענדיג דעם רבין קיין גוטע נאַכט, האָט ער זיך שטילערהייט ארויסגע'גנב'עט, און זיך געלאָזט געהן. אויפֿ'ן וועג האָט איהם געכומען טרייסלען פֿון קעלט, ווייל פֿון גרויס איילעניש האָט ער פֿאַרגעסען אנטאָהן זיין אויבעררעקעל; אבער געהן צוריק, האָט זיך איהם שוין נישט געוואָלט, און ער האָט אנגעפֿאַנגען מיט שנעלע טריט געהן אהיים.

אָבער צוקומענדיג צו דער פֿרוי'ס טיר האָט ער זי געפֿונען פֿאַרשלאָסען. וואָס זאָל ער טאָהן? איהם איז קאַלט, און די פֿיס איז איהם נאַס, דרעהט ער זיך איין אין דרייען, און זעצט זיך אוועק אויף די טרעפּלעך נעבען טיר. אָפּזיצענדיג א היבשע שטיקעל צייט האָט איהם געכומען דאס הארץ חלש'ן פֿון הונגער, „אוי — טראַכט ער — ווען איך האָב כאָטש איין קאפּיקע וואָלט איך מיר געקויפֿט עפּעס עסען", און אזוי טראַכטענדיג איז ער אנדרימעלט געוואָרען.

פּלוצלונג האָט ער דערפֿיהלט ווי מען וועקט איהם; ער האָט שנעל אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן נעבען זיך א פֿרוי מיט א מיידעלע ביי דער האַנט, אויף דער פֿראַגע פֿאַרוואָס ער זיצט דאָ אין דער קעלט, האָט ער וויינענדיג געענטפֿערט, אז ער האָט נישט וואו צו געהן, ער האָט נישט קיין מאַמע זי איז געשטאָרבען, און דער טאַטע איז ביי דער ארבייט, און זיין היים איז פֿאַרשלאָסען. די פֿרוי האָט זיך איינגעבויגען איהם אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און איהם אַוועקגעפֿיהרט צו זיך אהיים, וואו עס איז געווען א פֿרעהליכער פֿייער און פֿרעהליך אין אלע ווינקעלאך. זי האָט איהם געהייסען זיצען נעבען פֿייער — און באַלד האָט זי דערלאַנגט אויפֿן טיש עסען נאַכטמאָל. ער האָט זיך צוגערוקט און געגעסען מיט אפּעטיט, זי און דאָס קינד האָבען אויך געגעסען פֿון דעם זעלבען. עסענדיג האָט זי איהם געפֿרעגט וואו ער וואוינט מיט זיין טאַטען, און פֿאַרשפּראָכען איהם אָפּפֿיהרען אהיים. נאָכ'ן עסען האָט זי דאָס מיידעלע ארום געוואַשען, זי גענומען אויף די הענט, געצערטעלט, געקושט און אויף די הענט זי אריין געטראָגען אין בעט וואָס איז געשטאַנען אין צווייטען צימער.

דאָס זעהענדיג האָט איהם שטאַרק פֿאַרקלעמט ביים הארצען און צום ערשטען מאָל אין זיין יונגעם לעבען האָט ער דערפֿילט אז ער איז א יתום. ער געדענקט ווי זיין מאַמע פֿלעגט איהם אויך קושען און האלזען, איהם ארום טראָגען אויף די הענט, אָבער איצט... עס האָט איהם גענומען שטיקען אין

האלז איהם האָט זיך געוואָלט וויינען, וויינען און שרייען מאַמע, מאַמע וואו ביזטו?... און עס האָט זיך איהם געדוכט אז די גאַנצע וועלט איז שולדיג אין זיין אונגליק: ווען זיין מאַמע וואָלט געהאַט אזא ווארימע ליכטיגע שטוב, מיט אזא גוטען נאכט עסען וואָלט זי געווים נישט געשטאָרבען... און איהם האָט זיך געוואָלט ראַכע נעהמען אין אלע ווינקעלעך און זיינע בליקען זענען געפאַלען אויף א זילבערנער מטבע וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש; זיינע אויגעלעך האָבען א בלישטשע געטאָן, ער האָט שנעל א כאַפּ געטון דעם געלד־שטיק און אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע...

די פרוי איז צוריק אריין אין צימער און איהם געפרעגט אויב ער וויל געהן אהיים.

הערשעלע, פילענדיג זיך ווי א פאַרברעכער און ניט קענענדיג קוקען דער פרוי גלייך אין די אויגען האָט איינגעשטימט, און זיי זענען ביידע ארויס אין גאַס.

זיין טאַטע איז שוין געווען אין הויז, און אונגעדולדיג געוואַרט אויף איהם, און ווען זי האָט איהם דערצעהלט אין וואָס פאַר א צושטאַנד'זי האָט איהם געפונען און וואָס זי האָט געטאָהן מיט איהם, האָט איהר זיין פאָטער הערצליך געדאַנקט.

אָבער יענע נאַכט האָט הערשעלע מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. יעדע ווײַלע האָט ער אריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע זיך צו איבער־צייגען אויב ער האָט דאָס געלד. א נישט צופרידענער האָט ער די האַנט צוריק ארויסגענומען, עס איז דאָ... און איהם האָט גענומען פלאָגען זיין קינדערשער געוויסען, וואָס האָט ער געטאָהן!... גע'גנב'עט!... ער הערשעלע א גנב?... און וואָס וועלען די קינדער אין חדר זאָגען ווען זיי וועלען זיך דערוויסען?... דער געדאַנק האָט איהם שטאַרק געמוטשעט, און ער האָט זיך די גאַנצע נאַכט געוואָרפען פונקט ווי אין א פיבער.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז הערשעלע אויפגעשטאַנען פונקט ווי אלע טאָג און ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט איז ער זיך א רוהיגער אוועק אין חדר, ער האָט זיך צוריק געהאַלטען פון אריינלייגען די האַנט אין קעשענע, און געבעטען גאָט אז די מטבע זאָל נישט ווערען...

אזוי זענען אוועק עטליכע טעג, און הערשעלען האָט שטאַרקער און שטאַרקער אנגעפאַנגען פלאָגען דער געדאַנק, אז ער איז א גנב... ביז אין א געוויסען טאָג, זיצענדיג אין חדר ביים אָפענעם ספר, האָט דער רבי גענומען פאַרטייטשען די פרשה מיט די עשרת הדברות און ווען ער האָט ארויסגעזאָגט לא תגנוב, לאָ תגנוב, זאָגט דער רבי מיט א ניגון, דו זאָלסט נישט גנב'ענען, זאָגט זשע קינדער, דו זאָלסט נישט גנב'ענען... זאָגען אלע נאָך דעם רבין, דו זאָלסט נישט גנב'ענען, און עס פאַנגט אָן קלינגען ביי הערשעלען אין די אויערען, נישט גנב'ענען! ווערט איהם פינסטער אין די אויגען עס פאַרדריקט איהם ביים הארץ און איהם ווילט זיך אויסשרייען: „רבי איך האָב געגנבעט"... עס איז איהם געוואָרען שלעכט, און ער איז געפאַלען חלשות.

עס אז געוואָרען א געוואלד צווישען די קינדער. די רבי'צין האָט גע־ברענגט אַ לימענע... און עסיג... מען האָט איהם אנגעפּאַנגען 'מינטערען און ענדליך איז ער געקומען צו זיך, און ווען דער פּאָטער איז געקומען, האָט ער איהם געמוזט אהיים טראָגען אויף די הענט, און ער איז'געלעגען עטליכע טעג קראַנק. אבער באלד ווי עס איז איהם א ביסעל בעסער 'געוואָרען איז געווען זיין ערשטער געדאנק, ווי אזוי ווערט מען פּטור פון דער גניבה?

אין דעם ערשטען פריה מארגען נאך זיין קראַנקהייט ווען דער טאטע איז'אוועק צו דער ארבייט, האָט ער זיך פּאוואָלינקע אנגעטאהן און איז ארויס אין גאס. ער האט אויפגעזוכט דאָס הויז וואו די פרוי האָט געוואוינט און איז לאנגזאם ארויף די טרעפען, זיך אומגעקוקט אויב קיינער זעהט איהם נישט, און איז שנעל צו צו דער טיר, אריינגעטאהן די האנט אין קעשענע, אויף גיך ארויסגעכאפּט די גניבה, און שנעל זי אריינגעשטופּט אונטער דער טיר...

ווען ער איז צוריק אראָפּ אין גאס, האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט, און ערשט יעצט האָט ער דערפילט, ווי א'שווערער, שווערער שטיין איז איהם ארויס פון קעשענע און אראָפּ געטריבען די שרעק פון זיין קינדישע הערצעלע.